STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04137

DOS EKONOMISHE ERETS-YISROEL

Nahum Ben Horim

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס עקאָנאָמישע
ארץ-ישראל

פלענער און איינצעלהייטען וועגען אַגריקולטור, אינ-
דוסטריע און האַנדעל וואָס מען קען גרינדען און
ענטוויקלען אין פּאַלעסטינאַ מיט ערפאָלג.

פון **רבי נחום בן חורים** פון ירושלים

(פּערפאַסער פון דער תלמוד'ישער ענציקלאָפעדיע „חכמי התלמוד").

ערשטער יאָהרגאַנג

ניו יאָרק, שבט, תרפ"ד.

פרייז $1.00

הויבט זיך אויף פון מיטעל־קלאַס מענשען צו גרינדער און שאַפער.

ooo

קאָמערץ איז דער גרונדשטיין פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

ooo

דער ווידערבוי פון פּאַלעסטינא איז ניט קיין פראַגע פון טשאַריטי, נאָר פון ביזנעס.

ooo

ארץ־ישראל אַפּעלירט צו אייך ניט פאַר איהרע אינטערעסען, נור פאַר אייערע.

ooo

יעדעס פאָלק קוקט מיט רעספּעקט אויף די וואָס האָבען אויפגעדעקט איהרע טעריטאָריעלע רייכטהימער. איהר האָט אַ געלעגענהייט — ווילט איהר?

ooo

דער אידישער מאַרך אין גלות אַרבייט ווי אויף אַ שיף וואָס שווימט אויפ'ן ים. אַן אונגליק קען פּאַסירען און די שיף זאָל אונטערגעהן. די אַרבייט אין ארץ־ישראל איז ווי אויף אַ פעלז וואָס האָט אַן אייביגען קיום.

„נר־תמיד" פּרעס, 54-58 קאנאל סט., נ. י.

געווידמעט צו דער

עהרע פון

סיר הערבערט סעמיועל

(אליעזר בן מנחם)

האי קאמישיאנער פון ארץ־ישראל.

בכבוד,

נחום בן חורים

דער פערפאסער.

אינהאַלט:

פאָררעדע.
מיינונג פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.
ערשטע אָפּטיילונג. — אַגריקולטור:
איילבערטבוימער, אקליפּטוס, אראַנזשען, בוימוואהל, בלומען, גרינצייג, וועלדער, זייד, טאַבאַק, טייטעל־בוימער, מאַנדלען, מעדיצינישע פלאַנצונגען, פייגען, פערשקעס (משמשון) שפּייז־גערטנער.
צווייטע אָפּטיילונג. — אַגריקולטורעלע אינדוסטריע:
אַלקאָהאָל, בוימאייל, האָניג, היהנער־צוכט, מילכיגעריי, פּער־פיומעריי, פּאַסטוכעריי, פיהצוכט, פישעריי, קאָרסערווירען פיש, קאָנסערווירען פרוכט.
דריטע אָפּטיילונג — בוי־אינדוסטריע:
פאַבריצירטע שטיינער, פאַרב־פּאַפּיר, ציגעל און דאַכעלקעס, צעמענט, צעמענט־באַלאַטעס, קאַלך־ברענעריי, קאָנקריט, שטיין־ברעכעריי.
פיערטע אָפּטיילונג. — אַלגעמיינע אינדוסטריע:
אויטאָמאָביל און וועגען שמירעכץ, אויטאָמאָביל רעפּערייִשאָן, אָמברעלאַס און שטעקענס, אייז־פאַבריק, אייזען, מעש און קופּער גיסעריי, אייזען־מעבעל, איינבינדעריי, באַמבוק־מעבעל, בוי־מעבעל, ביכער פערלאַג, ביסקוויטען, ביער, בלעכענע געשיר, בלעכענע פּושקעס, בלעכענע קנעפּ, באַרשטען, ברויט, גאַרבעריי, גלאָז, געדעמפּטע פלייש, געטראַנקען, געפּלאַכטענע מעבעל, דאַרע קישקע, דימענטען און שטיין־שלייפעריי, דרוקעריי, האָלץ־קוילען, האַנד־וועגעלעך, האָר־פאַבריק, היט, הייזען, הילצערנע הויז־געשיער, וואורשט, וועש־פאַבריק, זאָקען־שטריקעריי, ציגעל־פאַבריק, זייגער־פאַבריק, זייף, זעק, טאַפּעטען, טהע פּאַקונג, טינט, טעקסטיל, טליתים, לאָמפּען קנייטען, לאַנדריעס, ליכט, לעדער און קאַרטאָן טשאַמאַדאַנעס, לעדער־אַרבייט פאַר פערד־געברויך, מאַרגאַרין־פּוטער, מאַסקיטאַרען, מאַקאַראַנעס, מאַשי־נעריי ריפּיירינג, מאַשין־פאַבריקען, מעבעל, מצה־בעקעריי, נאָ־דעל־אַרבייט, סוועטערס, סיגאַרען, סעלצער־וואַסער, גאַזאָז — אייז־קריעם, סעראַטא (אויל־קלאָטה), ספרי־תורות, תפילין און

מזוזות, ערדענע געשיר, פּאַבריצירטע בלומען, פּאַנאָגראַפּס, פּאַנאַמאַ־העט, פּאַפּיר, פּאַפּיר בייטלען, פּאַרבעריי, פּאַרוקען, פּאַרמעט, פּיאַנאָס, פּיעדלען, פּערעלמוטער, צוקער, צוקערלאַך, ציצית, קאַוטשוק־אַרבייט, קאַלד־סטאַריידזש, קאַרטאָן־פּושקעס, קאַרק־פּאַבריק, קונסט־צייהנער, קליידער, קליידער רייניגען, קראַכמאַל, ראָהרען געגלייזטע, רעבע (איינגעמאַכטץ), שאַמפּאַניע, שאָקאָלאַד, שוועבעלאַך, שטרוי־אַרבייט, שטריקעריי, שטריק־פּאַבריק, שיך, שיך־פּוץ, שמעק־טאַבאַק, שריפט־גיסעריי, תרבוש׳ען (טורבאַנען), תנ״ך־אויסגאַבע.

פינפטע אָפּטיילונג — קונסט־אינדוסטריע :

אַלגעמיינער פּאַלעסטינער אַלבום, גיבס־גיסעריי, גלאָז־שלייפעריי, דמשק־אַרבייט, האָלץ־שניצעריי, האַפּט און שפּיצען־אַרבייט, מואווינג־פּיקטשור בילדער, מיניאַטור אויף שטיין און ביין, עמבראָידערי, פּאָטאָגראַפּיע, קאַרמיט אַרבייט, קונסט לעדער־אַרבייט, קונסט מאַהלעריי און סקולפּטור, קמיעות, שטיקעריי אויף גאָלד, זילבער און זייד, שטיין און ביין שניצעריי, שטאָף־אַפּליקאַציעס, שילדען, שפּיעלצייג.

זעקסטע אָפּטיילונג — בענק :

אַגראַר־באַנק, אינדוסטריע באַנק, בילדינג־לאָאַן באַנק, מאָרטגיידזש באַנק, פּאָון־שאָפּ, האַנדעלס־באַנק.

זיבעטע אָפּטיילונג. — האַנדעל :

אַדווערטייזינג, אייזענבאַהן, בהמות פערזיכערונג, געשעפּט־צענטערען, דעפּאַרטמענט סטאָרס, האָטעלען, האַפּען, הייזער־בילדינג, הייל־אַנשטאַלטען, וואַסער־לייטונג, וועגען און שאָסעע־בילדינג, טבריה־בעדער, טוריסטען־אונטערנעהמונגען, כעמישע לאַבאָראַטאָריומס, לאַסט־אויטאָמאָבילען, לעבענס־פערזיכערונג, מאָנאַט־אויסצאָהל געשעפּטען, סאָווענירס, סטריט־קאַרס, עקספּאָרט־אימפּאָרט, פייער־אינשורענס, פּאַלעסטינער אינדוסטריע־לער אַגענטורא, פּאַלעסטינאַ בוי־קאָמפּאַניע, פּובליק־בעדער, קאַנאַליזאַציע, שיפען־אַגענטור.

פערשידענעס :

1. מינעראַלאָגיע ; 2. גרענעץ טעקסעס ; 3. פּאַלעסטינער קרוין־לאַיד ; 4. פּאַלעסטינער בודזשעט.

פאָררעדע.

צווישען די טרייע איבערגעגעבענע ציוניסטען זיינען פאַראַן פיעלע, וואָס פערשטעהען דאָס מיט טשאַריטי, ווי גרוים עס זאָל ניט זיין, קען מען קיין לאַנד ניט אויפבויען און זיי וואָלטען גערן נעהמען זייער גאַנצען פערמעגען און געהן נאָך פאַלעסטינא, כדי דאָרטען צו ענטוויקלען דאָס לאַנד. שטעהט ביי זיי אָבער די פראַגע: וואָס וועלען זיי דאָרטען טהון?

אויך ביי די אָרטאָדאָקסישע אידען, וואָס זיינען ניט קיין ציוניסטען, איז פאַראַן ניט וועניג וואָס גלוסטען מיט דעם גאַנצען ברען פון זייער הארצען צו בעזעצען זיך אין ארץ-ישראל און ביי זיי שטעהט אויך די פראַגע: ואם תאמר מה נאכל?

עס זיינען אויך דאָ אידישע קאַפּיטאַליסטען וואָס וואָלטען וועלען טהון ביזנעס אין פאַלעסטינא, ווען זיי זאָלען וויסען גענוי וואָס עס איז דאָרטען מעגליך צו טהון.

פאַר דיעזע אמת׳ע ציוניסטען, די צוקינפטיגע ארץ-ישראל בויער, שרייב איך דיעזען בוך אום זיי צו איבערצייגען, דאָס עס זיינען דאָ אין פאַלעסטינא פיעלע, פיעלע אַגריקולטורעלע, אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע אונטערנעהמונגען, וועלכע מען קען ענטוויקלען מיט ערפאָלג.

ארץ-ישראל ליעגט ביים מיטעל-לענדישען ים, אין צענטער צווישען דריי וועלט-טהיילען: אזיע, אפריקא און אייראָפּא. די פרימיטיווע בעפעלקערונג וואָס וואוינט ארום פאַלעסטינא צעהלט נאָהענט צו דרייסיג מיליאָן מענשען. זיי וויסען גאָרניט פון קיין מאָדערנע אַגריקולטור און פון גרויס-אינדוסטריע, פון וועלט-

קאַמערץ איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידען. ארץ־ישראל, איבער־הויפּט אַ אידישע ארץ־ישראל, האָט אַ גלענצענדע צוקונפט צו זיין דער פערמיטלער צווישען די אויבענדערמאַנטע דריי וועלט־טהיילען, וואָס אַנבעלאַנגט עקספּאָרט און אימפּאָרט, ווי אויך צו דערזעלבער צייט ענטוויקלען דאָס לאַנד אַגריקולטורעל און אינדוסטריעל.

שרייבען אויספיהרליכע פּלענער איז אונמעגליך, ווייל פּאַלעסטינא ענטוויקעלט זיך שנעל. די אינדוסטריע וואָס איז היינט ראַטזאַם צו גרינדען, איז צווייפעלהאַפט אויף מאָרגען; די פּרייזען פון רויע מאַטעריאַלען בייטען זיך און אויך אַלע עקאָנאָמישע בעדינגונגען ענדערען זיך. די יעניגע וואָס ווילען עט־וואָס אָנפאַנגען צו טהון אין פּאַלעסטינא קענען זיך ווענדען נאָך מעהרערע איינצעלהייטען אויף דיעזען אדרעס:

RABBI NAHUM BEN-HORIM

20 Glenway Street Dorchester, Mass.

איך וויל נאָר באַמערקען דריי זאַכען:

1) נאָר אַ פאַכמאַן, וואָס קען אַליין גוט די אינדוסטריע וועלכע ער וויל גרינדען אין פּאַלעסטינא, אָדער אַ שותף צו אַ פאַכמאַן האָט אַ געלעגענהייט אויף ערפאָלג.

2) קיינער טאָר ניט אָנפאַנגען קיין אינדוסטריע אָדער ביזנעס ניט האָבענדיג אין באַרעס געלד די מינימאַלע סומע וואָס איז נויטיג פאַר דער אונטערנעהמונג.

3) די פּאַלעסטינאַ רעגירונג באַגעגענט יעדע נייע אונ־טערנעהמונג מיט צופרידענהייט און איז בערייט צו געבען אַלע נויטיגע אינפאָרמאַציעס און עהנליכע הילפע פאַר די גרינדער פון אינדוסטריע, האַנדעל אָדער אַגריקולטור.

אויך די ציוניסטישע האַנדעל און אינדוסטריע ביורא אין ירושלים איז בערייט צו געבען די נויטיגע אינפאָרמאַציע.

די מיינונג פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

ההסתדרות הציונית של ארצות הברית.
Zionist Organization of America
114 Fifth Ave., N. Y.

יום 21 לאויגוסט, 1923.

לכבוד הרב נחום בן חורים,

ניו יארק.

ר. נ.

איך האָב געלייענט דעם כתב־יד פון אייער בוך „די עקאָנאָמישע פּאַלעסטינא" און עס איז מיר זעהר אנגענעהם אייך צו זאָגען, אז איך האָב געפונען אין איהם פיעל אינטערעסאַנטע מאַטעריאַל וואָס אַנבע־לאַנגט צו די פּאַלעסטינער עקאָנאָמישע פראַגען. איך געפין אז פיעל לעזער וואָס זוכען אויסקינפטע וועגען פערשידענע קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע פראַגען, ווי אויך אין אגריקולטור, וועלען געפינען אין דעם בוך פיעל הילפע.

אונזער פּאַלעסטינא ביוראָ וועט אייך מיט פערגעניגען געבען יעדע מאָראַלישע הילף אין פערשפּרייטען דעם בוך צווישען פּובליקום און איך וועל גערן געבען דעם בוך דעם געהעריגען פרסום אין אונזער פּרע־סע, ווי אויך אין די פערשידענע דיסטריקטען.

איך האָף, אז איהר וועט האָבען הצלחה אין אייער ארבייט און מיט דעם צייכען איך,

מיט האָכאַכטונג און מיט ציונ׳ס גרוס,

ד״ר ש. בערנשטיין,
דער לייטער פון פּאַלעסטינער ביוראָ.

ערשטע אָבטהיילונג — אַגריקולטור.

ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז נאָך היינט אויך אַן „ארץ זבת חלב ודבש“. די גלענצענד־שעהנע פּרוכטבאַרע אידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, וועלכע שיינען אַרויס מיט זייער גלאַרישען חן אין מיטען וויסטען אַראַבישען מדבר, זיינען אַ לעבעדיגער עדות אַז דער ארץ־ישראל באָדען איז נאָך היינט־צו־טאָג, פּונקט ווי מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, אימשטאַנד פערוואַנדעלט צו ווערען אין אַ וואונדערבאַר שעהנעם און נאַטירליכען פּעריל אין דעם נאָהענטען מזרח, פאַר אַן אמת׳ן גן־עדן־של־מטה, ווען אידען מיט אמת׳ר און טרייער איבערגעבענהייט, מיט אידעאַלער ערד־אַרבייט־לוסטיג־קייט, זאָלען קומען קיין ארץ־ישראל און עס בעאַרבייטען.

אידען. דער האַלבער מיליאָן אידישע קדושים אין אוקראינא, דער פּוילישער גיהנום, די דייטשע און אונגאַרישע פּאָגראָמען, די שטענדיגע פערפאָלגונגען געגען אידען אין רומעניען, דער אָנפאַנג פון פּאָגראָמען אין וועסט־אייראָפּאַ, דער האַלבער מיליאָן אידישע פליכטלינגע אין אייראָפּאַ, וועלכע ווערען געטריבען מגוי אל גוי וממלכה על עם אַחר, אָהן אַ דאַך איבער זייערע קעפּ און אָהן אַ באָדען אונטער זייערע פיס, די וואַקלענדיגע לאַגע פון אידען אין די כלומר׳שדיגע פרייע לענדער, די אַנטי־אימיגראַציאָנס־בילס געגען אימיגראַנטען פון איסט אייראָפּאַ (לייען: אידען) — דאָס אַלעס איז אַן עפענטליכער אצבע אלהים, אַ קלאָהרער היסטאָרישער בעוויז, אַז דער איינציג־אמת׳ר אויסוועג צו די אידישע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און מענשליך נאַטירליכע ליידען איז דאָס אומקעהרען זיך אַהיים — קיין ארץ־ישראל. אַלע פּייערליך־דעמאָנסטרירטע פריהייטען, אַלע מענשליכע עמאַנסיפּאַציאָנען, די קאָנסטיטושאָנס וואָס זיינען געבויט אויף פריהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, זיינען „קראָמע יעוורעיעוו“. עס וואָלט געוועזן אַ וואונדערבאַרע שעהנע קאָמעדיע, ווען עס זאָל ניט זיין אַזאַ שוידערליך־שמערצליכע טראַגעדיע: אַ גאַנץ פאָלק, וועלכע בעשטעהט פון 15—16 מיליאָן מענשען, דאַרונטער גרויסע געלערנטע, פּאָליטיקער, פינאַנסיסטען, א. ז. וו., ווערט געטריבען מיט דער גרעסטער אבשייליכער גראָבקייט, און דאָס פאָלק האָט ניט קיין זעלבסט־רעספּעקט צו זאָגען צו זיך: עד כאן! עס איז גענוג וואַנדערען אין גלות! און זיך איבערקלייבען מיט זיין האָב־און־גוטס, מיט זיינע פיעלע אינטעלעקטועלע קרעפטען צו זיך אַהיים, וואָס אַ דאַנק דער השגחה העליונה איז ארץ־ישראל היינט אימשטאַנד אַריינצונעהמען אַלע פערפאָלגטע אידען, און אַנשטאָט אַזוי צו טהון, לויפען אידען

נאָך, אין אַלע אויבענדערמאַנטע גלות־לענדער נאָך זייערע פֿייניגער און קושענדיג די ברענענדיגע ריטער פֿון זייערע שמייסער, זאָגן זיי צו, אַז זיי וועלען אין דער צוקונפֿט זיין „גוד באַיעס“.

אידען אין ארץ־ישראל. מיט׳ן אידישען איינוואַנדערען קיין ארץ־ישראל, ווערט נאָך די אידישע פֿראַגע ניט געלייזט. ארץ־ישראל קען, חלילה, פֿערוואַנדעלט ווערען פֿאַר אידען אין אַ צווייטען אייראָ־פּעאישען גיהנום, ווען זיי וועלען זיך ניט כאַפּען צום נאַטירליכען יסוד פֿון יעדער פֿאָלק אין זיין לאַנד — אַ גרויסער פּראָצענט פֿון זיי זאָלען זיין אַקערבויער, כדי די אידען זאָלען ניט שפּיעלען די ראָליע פֿון קליינע מאַרק־מעקלער, מיטעל־קלאַס מענשען, און זייערע אמת׳ע ברויט־געבער זאָלען זיין די אַראַבער!

עס איז דאָ כדאי צו פֿערצייכענען נאָך אַן אינטערעסאַנטען כאַראַקטער־שטריך פֿונ׳ם אַראַבישען לעבען, וועלכער האָט אַ גרויסען שייכות מיט דעם עקאָנאָמיש־פֿינאַנציעלען צוקונפֿט פֿון פּאַלעסטינא: דער אַראַבער איז אַ גרויסער פֿאַרדיענער, לויט דעם ארץ־ישראל׳דיגען ערך פֿון פֿערדיענסט. ער און זיין ווייב און זיינע קינדער אַרבייטען אַלערליי שווערע, גראָבע און מיאוס׳ע אַרבייט אין שטאָדט און צודערזועלבער צייט האָט ער אין דאָרף אַ היים מיט ציעגען, בהמות, גרינצייג און היגערצוכט, אָבער פֿון דעם גאַנצען געלד וואָס אַן אַראַבישע פֿאַמיליע נעהמט אריין, גיט זי ניט אויס קיין העלפֿט. די קליידער וואָס דער אַראַבער טראָגט האָט ער בירושה פֿון זיינע עלטערען. עס איז גאָר כמעט אונגלויבליך צו הערען, דאָס אַ גרויסער פּראָצענט אַראַבער געהען נאָך היינט־צו־טאָג אַרום במחילה אַבסאָלוט אָהן הויזען... דער אַראַ־בער האָט ניט קיין צוטרוי צו קיין באַנק און זיינע פֿערדיענסטען בעגראָבט ער אין דער ערד, אין ערדענע כלים. עס איז דערפֿאַר לייכט זיך פֿאָרצושטע־לען, אַז אַ גרויסער טהייל פֿון דער בעפֿעלקערונג צערט איין דאָס געלד פֿון לאַנד, איז דאָס לאַנד ניט אימשטאַנד צו וואַקסען און צו בליהען. אידישע אַקערבויעריי אין ארץ־ישראל וועט זיין אַ ברכה פֿאַר׳ן לאַנד און פֿאַר׳ן פֿאָלק.

אַקערבויערשאַפֿט. מיר ריידען דאָ צו די אידען וואָס זיינען אַליין אַקערבויער, און ערד־אַרבייט איז זייער שטענדיגע בעשעפֿטיגונג, צו זיי זאָגען מיר, אַז ערד־אַרבייט בעצאָהלט זיך זעהר גוט אין ארץ־ישראל; די פּרייזען פֿון אַגריקולטור־פּראָדוקטען זיינען צימליך הויך און עס איז קיין קלעהר ניט פֿון רעדוצירען די פּרייזען, ווייל אויף יעדען נייעם ערד־אַרבייטער

קומען צו צעהנדליגע ניט־ערד־ארבייטער. פליסיגע ערד־ארבייטער מיט א גענוגענדען קאפיטאל קענען זיך גוט אראנזשירען אין די עקזיסטירענדע קאָלאָניעס אין יהודה, ווי פתח־תקוה, רחובות, חדרה, כרכור, סג׳רה א. ז. וו. און אויך אין גליל. אין די אויבענדערמאָנטע קאָלאָניעס איז מעגליך צו ערווערבען פאלכא־ערד ווי אויך פלאנצונגען וואָס טראָגען שוין פרוכט. עס איז אויך ניט שווער צו קויפען באָדען און איינצאָהלען נאָר העלפט געלד און דאָס איבעריגע אויסצאָהלען אין איניגע יאָהר. די יק״א שטיצט אין געוויסער מאָסען די נייע קאָלאָניסטען.

וויפיעל געלד איז נויטיג זיך צו בעזעצען אין ארץ־ישראל און לעבען פון אגריקולטור?

קיין אבסאָלוטען ענטפער אויף דער פראגע קען מען ניט געבען, ווייל דאָס איז אָבהענגיג פון דריי זאכען: 1) וואָס פאר א סאָרט אגריקולטור מען וויל האָבען? פלאנצונגען — וועלכע? גרינצייג אָדער תבואה? 2) אויף וואָס פאר א פלאץ מען וויל זיך בעזעצען? — אין יהודה אָדער אין גליל? נעבען א שטאָדט אָדער א קאָלאָניע? 3) ווי אזוי מען וויל זיך בע־זעצען און אראנזשירען: אויף אייגענער ארבייט, אָדער אויף געדונגענע?

קען מען אלעס געפינען אין ארץ־ישראל, אָדער עס איז בעסער צו ברענ־גען פון אייראָפא אָדער אמעריקא בהמות צום מעלקען, אקער־אייזענס און אזוי ווייטער?

אלעס קען מען אין ארץ־ישראל קויפען: לעבעדיגען און ניט לעבעדיגען אינווענטאר. נאָר אויב דער פערזאָן וואָס וויל זיך בעזעצען אין ארץ־ישראל האָט זיין אייגענעם אינווענטאר, איז גלייכער פאר איהם דאָס אלעס מיט־צובערענגען מיט זיך און ער וועט ניט דארפען צאָהלען קיין טעקסעס ביים אריינברענגען עס אין לאנד.

—o—o—o—

1.

איילבערט בוימער.

דער איילבערט־בוים איז דער בעוואוסטער ארץ־ישראל בוים, וואָס האָט א גאנץ אלטע היסטאָריע. די תורה ריהמט ארץ־ישראל אלס „ארץ זית שמן ודבש“. און ווירקליך איז דער איילבערט־בוים זעהר פאסיג פאר דעם ארץ־ישראל׳דיגען שטיינערנעם באָדען אין דעם טרוקענעם קלימאט: ער וואקסט אויף שטיינערנע בערג און אין אלע מדבריות, ער פאָדערט ניט

צופיעל ארבייט ארום זיך: הויבט ער אָן צו וואַקסען, אַזוי וואַקסט ער שוין יאָהר־איין יאָהר־אויס ביז ער ווערט אַלט און גרויס און ברענגט פיעל פרוכט. געוועהנליך, וואָס מעהר ער ווערט בעאַרבייט און בעוואַסערט, אַלץ מעהר איז צו האָפען פון איהם פרוכט, און בעסערע פרוכט.

מיט דער גרינדונג פון בוימאייל־לייטערער פאַבריקען, געהט אַריין די אייל־בערט בוימער פלאַנטאַציע אין אַ נייער פעריאָדע און גאָר אין גיכען וועט די ארץ־ישראל אייל־בערט בוימאייל פערנעהמען אַ בעדייטענדען פּלאַץ אין דעם וועלט־מאַרק.

פונ'ם האָלץ פון דעם אייל־בערט־בוים ווערען אויסגעאַרבייט פערשידענע אַנטיק־זאַכען, ווי קאַוועדם צו ביכער, בשמים פּושקעלאַך, לייכטער און אַזוי ווייטער, וועלכע ווערען פערקויפט צו די טויזענדער טוריסטען וואָס בעזוכען דאָס לאַנד.

2.

אַקליפּטוס.

„דער אידישער בוים" — אַזוי רופען די אַראַבער דעם אַקליפּטוס־בוים, וועלכען אידען האָבען אַריינגעבראַכט אין ארץ־ישראל ערשט מיט אַ יאָהר פערציג צוריק, אַלס אַ מיטעל געגען מאַלאַריאַ וואָס האָט דאָרטען געהערשט און איז געווען כמעט אונהייל־באַר. דער אַקליפּטוס־בוים טריקענט אויס די זומפּען און מאַכט דאַדורך אונמעגליך די מאַלאַריאַ־באַצילען זיך צו ענט־וויקלען. אין דערזעלבער צייט האָט דער אַקליפּטוס־בוים אַ מעלה וואָס ער וואַקסט זעהר שנעל. אין עטליכע יאָהר צייט ווערט ער הויך און גראָב, ווי אַ בוים פון 20־30 יאָהר אַלט.

דער אַקליפּטוס־בוים האָט אַ גוטע צוקונפט אין ארץ־ישראל, אַלס קוועלע פאַר ברענהאָלץ, האָלץ קוילען און פאַר הילצערנע קעסטעלאַך פאַר פערשי־דענע אָרטיגע וואָרע וואָס ווערט עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד, ווי אַראַנזשען, וויינטרויבען און אַז. וו.

3.

אַראַנזשען.

דער גוטער נאָמען פון יפו'ער אַראַנזשען איז בעוואוסט איבער דער גאַנצער וועלט. אין ליווערפּול, דער גרעסטער ענגלישער וועלט־מאַרק פאַר

ארֹאנזשען, צאהלען סוחרים טייערער פאַר יפו׳ער אראנזשען ווי פאַר אנדערע. זאָגאַר אין אַמעריקא, וואו קאַליפאָרניער אגריקולטור פּראָדוקטען זיינען פול אומעטום, האבען די יפו׳ער אָראנזשען אַ אָנזעהענדען פּלאַץ אָלס בעסערע, שעהנערע און געשמאַקערע. איז דען נויטיג צו זאָגען בפירוש, אַז עס איז כדאי זיך אָפּצוגעבען ענערגיש מיט דער גוטער פלאַנטאַציע?

פון צוועלף דונאַם גוט אויסגעארבייטענע אָראנזשען, קען מען מאַכען אַ שעהנעם לעבען אין ארץ־ישראל.

אַ דונאַם לאַנד פון צעהן יאָהר וואַקסענדע אראנזשען פּראָדוצירען, ביי גוטער אַבאַכטער ארבייט, לערך אַכציג קעסטלאַך אָראנזשען, וועלכע ווערען פארקויפט פאַר לערך פינף שילינג יעדער.

עס איז מעגליך צו קויפען אַ פיינעם אראנזשען־גאָרטען אויף גוטע בע־דינגונגען און זאָגאַר אויף אויסצאָהלען אין משך פון איניגע יאָהר.

4.

בוימוואָהל.

ערשט צוריק מיט זעכציג־זיבעציג יאָהר זיינען גרויסע פעלדער מיט בוימוואָהל געווען אין ארץ־ישראל. אַ טהייל האָט געדיענט פאַר קליידער וואָס די איינוואוינער האָבען געמאַכט אויף אַ פּרימיטיווען אופן און דאָס איבעריגע איז עקספּאָרטירט געוואָרען קיין ענגלאַנד, איטאַליען, פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

אין יאָהר 1900 האָבען די קאָלאָניסטען און אַ טהייל פון די פּאַלאַכען ווידער אָנגעפאַנגען צו זייען בוימוואָהל. אין די רעפּאָרטען, וואָס דער ענגלישער קאָנסול האָט געשיקט זיין רעגירונג, האָט ער געמעלדעט, אַז די פּראָבעס זיינען צופריעדענשטעלענד, ספּעציעל איז גוט פאַר בוימוואָהל־פּלאַנטאַציע דער ירדן־טהאָל, אַ דאַנק די פיעלע וואַסערען וואָס זיינען דאָרטען דאַ און אין דעם זעהר וואַרימען קלימאַט

ארץ־ישראל לאַנד איז גינסטיג פאַר בוימוואָהל פּלאַנטאַציעס און איז פיעל ביליגער ווי לאַנד אין עגיפּטען.

אין יאָהר 1909 האָט מען ווידער געזייעט 200 דונאַם עגיפּטישער זריעה און עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז ארץ־ישראל איז זעהר פּאַסענד פאַר בוימוואָהל־פּלאַנטאַציע.

5.

בלומען.

וואו נאָך איז פאַראַן אַזאַ לאַנד פון פיעל־פאַרביגע, ריזיג־קאָלירטע, אימער וואַקסענדע בלומען פון אַלערליי פאָרמען און שניצונגען, ווי ארץ־ישראל? ארץ־ישראל איז אין אַלע פיער צייטען פון יאָהר בעדעקט אויף בערג און אין די שפּאַלטען פון די בערג, אין די טהאָלען און אויף אַלע וועגען, מיט בלומען, און מען מוז נעהמען אין אַנבעטראַכט, אַז די אַלע בלומען וואַקסען סוף־כל־סוף ווילד, פון זיך אַליין; קיין מענשליכע האַנד האָט זיי ניט געפלעגט, געפּוצט און פאַרבעסערט און דאָך ווייזען זיי אַרוים זייער מאַיעס־טעטיש גראַנדיעזען חן.

אַ מאַן וואָס זאָל זיך אָפּגעבען מיט בלומען פּראָדוקציאָן, אפילו בלויז מיט אַ קליין שטיקעל באָדען פון 5—6 דונאַם, קען מאַכען דערפון אַ שעהנעם לעבען.

דער געברויך פון נאַטירליכע בלומען ווערט גרעסער פון מאָנאַט צו מאָ־נאַט, מיט׳ן פערגרעסערונג פון דער אייראָפּעאישער בעפעלקערונג און מיט דער פערשפּרייטונג פון ציוויליזאַציאָן צווישען די אָרטיגע בעפעלקערונג. נאַטירליכע בלומען איז געוואָרען אין מאָדע, פּונקט ווי אין אייראָפּאַ, ביי יעדער פרעהליכע און ניט־פרעהליכע געשעהעניש.

6.

גרינצייג.

אַ זאַך וואָס אַלע טוריסטען בעוואונדערען, איז די הויכע־פּרייז פון גרינצייג אין פּאַלעסטינאַ; אַ לאַנד וואו גרינצייג וואַקסט אַ גאַנץ יאָהר און כמעט אָהן בעוואַסערונג. די אמת׳ע סבה איז, וואָס דער אַראַבישער פעלאַך מיט זיינע אַלטע פרימיטיווע מיטלען, אַרבייט אויף דעם געביט. ווען אידישע ערד־אַרבייטער זאָלען זיך בעזעצען אין ארץ־ישראל און זיך בעשעפטיגען מיט גרינצייג־פּראָדוקציאָן, וואָלטען זיי געמאַכט אַן ערפאָלג, און עס איז דאָ פּלאַץ פאַר הונדערטער אידען צו פּראָדוצירען גרינצייג. נע־בען גרינצייג קען מען האָדעווען ציגען און הינער וואָס זאָל זיין עקאָנאָמישער און טראָגען מעהר פּראָפיט.

7.

וועלדער.

די גרעסטע סומע געלד וואָס ארץ־ישראל גיט אויס אויף צו קויפען וואָרע אין אויסלאַנד, ווערט אויסגעגעבען אויף געהילץ. נאָך אין יאָהר 1921 האָט ארץ־ישראל געקויפט האָלץ אויף איבער אַ מיליאָן פונט, און פון דאָמאָלסט אָן און ווייטער שטייגט דער אימפּאָרט פון האָלץ מיט דעם ברייטען ענטוויקלונג פון דער בוי און מעבעל אינדוסטריע וואָס פערגרעסערט זיך מיט דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג. די האָלץ־פראַגע אין ארץ־ישראל איז איינע פון די גרעסטע עקאָנאָמישע פראַגען אין דעם לעבען פון לאַנד, און ווייל דער פּרייז פון האָלץ איז צימליך הויך — ארום 40—50 דאָלאַר אַ קוביק מעטער, לוינט עס זיך ערנסט נאָכדענקען וועגען דער מעגליכקייט פון פלאַנצען וועלדער אין אַ גרויסען מאַסשטאַב אין ארץ־ישראל.

ארץ־ישראל איז אַן ערשט־קלאַסיג לאַנד פאַר וועלדערייען, פון בוימער וואָס ווערען געברויכט ספּעציעל פאַר מעבעל־ארבייט, אָבער אַ דאַנק דעם שלעכטען טערקישען רעזשים איז אַלעס פערנאַכלעסיגט געוואָרען. ניט נור האָט די טערקישע רעגירונג ניט געזאָרגט פאַר דער ענטוויקלונג פון די וועלדער, נאָר זי האָט זיך אפילו ניט געקימערט פאַר דער עקזיסטענץ פון די וועלדער וואָס זיינען איבערגעבליבען פון אַלטע צייטען. די אַראַבער זיינען געוועזען זוכים מן ההפקר און האָבען אויסגעהאַקט כמעט אַלע בוימער אין ארץ־ישראל, אפילו מיט זייערע וואָרצלען.

די איצטיגע ענגלישע מאַנדאַטור־רעגיערונג זאָרגט זעהר פיעל פאַר די לענדערייען אין ארץ־ישראל: זי בעשטראָפט די אַראַבער וואָס ערלויבען זיך צו האַקען בוימער אין הפקר־לאַנד. די גרויסע שטרעקעס לאַנד וואָס זיינען בעוואַקסען מיט בוימער, שטעהען אונטער דער השגחה פון דער רעגירונג. אויך ערמוטהיגט זי די יעניגע וואָס אינטערעסירען זיך מיט וועלדער־ענטוויקלונג. די רעגיערונג טהיילט אויס אומזיסט זריעה און זי שיקט איהרע אַגראָנאָמען צו זעהן און בעאָבאַכטען דאָס וואַקסען פון די בוימער.

צעהן־טויזענדער דונאַם־לאַנד, וועלכע ציהען זיך צווישען הרטוף און ביתר, אין דער נאָכבאַרשאַפט פון חברון, אויפ׳ן וועג פון יפו קיין ירושלים, אין גליל התחתון, אין גליל העליון, אין שומרון, און איבערהויפּט אין דער מזרח־זייט פון ירדן, זיינען בעדעקט מיט האַלב־ווילדע און חרוב׳ע וועלדער,

וועלכע די אראבער האבען געהאלטען פאר יאהרען אין איין אויסהאקען, און וואס היינט, א דאנק די אויפזיכט פון דער ענגלישער רעגירונג, קומען זיי צו זיך און האלטען אין איין וואקסען. זיי ווארטען אויף א געטרייע און צערטליכע האנד וואס זאל זיי געבען זייערע נאטירליכע בעדערפנישע, ווי ארומשניידען זיי פון צייט צו צייט און אז. וו.

די סארטען בוימער זיינען: דער אין העברעאיש בעוואוסטער אלון (Quercus) פון די סארטען בוימער שטאמען די בעסטע מעבעל־האלץ, קווי־לען־האלץ און ברען־האלץ. נאכ'ן אלון קומט דער בעקאנטער חרוב, באקסער־בוים (Ceratonis Siliqua) וועלכער וואקסט ווילד אין א זעהר גרוי־סער קוואנטיטום איבער'ן גאנצען לאנד. חוץ די צוויי הויפט־סארטען בוימער וואקסען פיעלע סארטען אלות (Pistcia Terebentina), עוזרדים (Gratagus) זיתי בר (Europea Alea) און נאך פיעלע פערשידענע סאר־טען. עס איז דא כדאי נאך אמאל צו דערמאנען דעם אקליפטוס־בוים.

ווי מיר האבען פריהער שוין בעמערקט, קוקט די רעגירונג מיט'ן גרעסטען אינטערעס אויף יעדען אנפאנג צו פערבעסערען די לאגע פון די ארץ־ישראל וועלדער, און עס איז צו האפען אויף דער גרעסטער הילף פון דער רעגירונגס־זייט פאר דעם, וואס וועט זיך אפגעבען מיט קולטיווירען וועלדער אין ארץ־ישראל.

עס איז דא א ברייטער פלאץ פאר קאפיטאליסטען, עס איז א רייכטהום, א זעלטענער גליק פאר מענשען מיט קאפיטאל און ענערגיע. דער פלאץ איז גינסטיג, דער מארק איז שוין דא, די רעגירונג וועט א סך העלפען. וועלען זיך געפינען מענשען וואס וועלען נאכדענקען ערנסט אין דער זאך?

8.

זייד.

אין לבנון, א טהייל פון סוריה, ביים דרום־זייט פון ארץ־ישראל, איז פאראן א גרויס ענטוויקעלטע זייד־פלאנטאציע. טויזענדער קינדער און פרויען ארבייטען ביי דעם. אם מיינסטען וואקסען די זייד־ווערים אין תות־בוימער, וועלכע זיינען זעהר פערשפרייט אין אריענט, נאר די לעצטע פראבע וואס ה׳ ד. צבי האט געמאכט אין דער קאלאניע רחובות צייגט, אז עס איז פיעל בעסער צו פלאנצען די קוק־בוימער פאר די צוועקען פון זייד־פלאנ־טאציע. דיעזער בוים וואקסט אין פערשידענע ערטער אין זאמד, צווישען שטיינער, אין זומפען ווי אויך אין דער וויסטעניש. אויך דער זייד־ווערימעל

אין דעם בוים פּראָדוצירט זעקס דורות אין איין יאָהר און ער ליידט ווענינער פון קראַנקהייטען און איז מעהר פּאַסיג פאַר דעם ארץ־ישראל קלימאַט און די זייד פון די ווערימלאַך איז זעהר שטאַרק.

אין דער קאָלאָניע רחובות איז פאַראַן אַ פּראָבע־סטאַציאָן פון דר. וויי־צ־מאַן און סיר אַלפרעד מאָנד, מענשען וואָס אינטערעסירען זיך אין זייד־פּלאַנ־טאַציע קענען אין דער פּראָבע־סטאַציאָן בעקומען די נויטיגע אינפאָרמאַציעס און זעהענדיג פאַרשידענאַרטיגע מוסטערען פון בוימער, זייד־ווערימלאַך און זייד.

.9

טאַבאַק.

איינע פון די גרויסע פּלאַנטאַציעס וואָס האָט אַ גלענצענדע צוקונפט אויפצוהויבען די אַלגעמיינע פּאַלעסטינער עקאָנאָמישער לאַגע און בעשעפ־טיגען טויזענדער אַרבייטער, איז די טאַבאַק־פּלאַנטאַציע.

די טערקישע רעגירונג האָט געגעבען צו אַ פראַנצויזישער חברה אַ קאָנ־צעסיע אויף טאַבאַק אין טערקיי, און די חברה האָט געמאַכט שוועריגקייטען אויף טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס אין ארץ־ישראל. די ענגלישע רעגירונג האָט אָפּגעשאַפט דעם זכות פון דער פראַנצויזישער חברה אויף ארץ־ישראל און יעצט איז דאָ אַ ברייט פעלד פאַר לייטע מיט ידיעות אין טאַבאַק־פּלאַנ־טאַציעס.

די רעגירונג איז פעראינטערעסירט אין דער ענטוויקלונג פון טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס און העלפט מיט אין טהאַט און ראַטה צו זייער ערפאָלג. דער רעגירונגס אַגראַר־דעפּאַרטמענט האָט צוטהיילט אין פאָריגען יאָהר צו דריי־און־דרייסיג דערפער זריעה פון פערשידענע טאַבאַק־פּלאַנצונגען און האָט אויך געלערענט ווי אַזוי דעם טאַבאַק צו פּלאַנצען.

אין די דאָזיגע ערטער האָט מען געפּלאַנצט טאַבאַק, און עס האָט זיך ארויסגעצייגט צו זיין אַ ערפאָלג: שכם, ג׳ינין, בית שאָן, באר שבע, יפו, חיפה, עזה און חברון. עס איז אויך גוט צו פּלאַנצען טאַבאַק אין די קאָ־לאָניעס: מחנים, מתולה, ראש פנה, קסריה, נס ציונה, רחובות און עקרון.

די יק"א העלפט אויך די קאָלאָניסטען אין דיעזער פּלאַנטאַציע. זי האָט געשטיצט די קאָלאָניסטען מיט געלד, מיט זריעה פון גוטע פּלאַנצונגען פון סאַלאָניק און האָט אויך געשיקט אַ ספּעציאַליסט וואָס האָט געלערענט די קאָלאָניסטען ווי אַזוי צו פּלאַנצען דעם טאַבאַק.

א דונאם לאנד קען ברענגען לערך 50 קילא טאבאק. דער טאבאק ווערט פערקויפט מינימום פאר 40 פיאסטער א קילא (2 דאלאר). דער רעגירונגס־שטייער איז 2 פונט פער דונאם און 5 פונט, לערך, דארף קאסטען בעאר־בייטען א דונאם לאנד.

ווענען א מארק פאר'ן טאבאק איז קיין זארג ניטא. דער ארץ־ישראל אימפארט פון טאבאק און סיגארען אין יאהר 1922 איז געווען 325,902 קילא, וואס בעטראפען 182,961 פונט.

ווען טאבאק־פלאנטאציעס וועלען זיך ענטוויקלען אין ארץ־ישראל, וועט זי ווערען איינע פון די גרויסע עקספארט־לענדער פון טאבאק אויפ'ן וועלט־מארק.

.10

טייטעל־בוימער.

נאך אין דער תורה ווערט דערמאנט דער טייטעל־האניג צווישען די הויפט־שבחים פון ארץ־ישראל: „ארץ זית שמן ודבש" און „כפות תמרים" איז איינס פון די ארבעה מינים וואס אידען האבען געבראכט גאט צו דאנקען אלס די בעסטע פראדוקטען פון לאנד. און ווירקליך איז דער טייטעל־בוים זעהר צוגעפאסט פאר דער ארץ־ישראל'דיגער ברענענדער זון און טרוקענער קלימאט, וואס הייסער די זון איז, אלץ העכער וואקסט די פאלמע און אלץ זיסער זיינען די טייטלען. זאגאר אין וויסטען מדבר, וואו קיין איינציג גרעזעל וואקסט ניט, בליהט דארט און וואקסט הויך דער טייטעלבוים. פונ־דעסטוועגען קען ארץ־ישראל ניט סופארטען אפילו איהר אייגענעם געברויך פון טייטלען. אין יאהר 1922 איז געווען דער אימפארט פון טייטלען קיין ארץ־ישראל 1444 טאן פאר 51046 פונט, ווייל די טייטעל־פלאנטאציע איז וועניג ענטוויקעלט אין ארץ־ישראל.

פאר מענשען מיט קאפיטאל און ענערגיע איז די טייטעל־בוים פלאנטאציע זעהר א גוטע ביזנעס, וואס איז זיכער מיט א פיינע צוקונפט.

.11

מאנדלען.

איינע פון די בעסטע און זיכערסטע פלאנטאציעס אין ארץ־ישראל איז די מאנדעל־פלאנטאציע. דער בוים איז זעהר שטארק און געזונד און די

פרוכט איז ניט אָבהענגיג פון סיזאָן און ווערט ניט קאַליע פון קיינע אומ־שטענדען.

אַ מאַן וואָס זאָל זיך ערווערבען אין פּאַלעסטינאַ פופציג דונאָם מאַנדעל־פּלאַנטאַציע און זאָל דאָס אַליין בעאַרבייטען, קען פון דעם ציהען זיין פּרנסה בכבוד.

אַ דונאָם מאַנדלען פּלאַנטאַציע טראָגט לערך צוואַנציג ראַטעל מאַנדלען וועלכע ווערען פערקויפט צו 75 סענט אַ ראַטעל. דאָס איז דער מינימאַלער חשבון. עס טראָגט אָפט מעהר פון צוואַנציג ראַטעל אַ דונאָם און די פּרייזען זיינען פיעל מאָל העכער.

אין די לעצטע פּאָר יאָהר איז ענטשטאַנען אַ נייע פוטער־אינדוסטריע, וואָס ווערט געאַרבייט מעהרסטענטהייל פון מאַנדלען. דער געברויך פון מאַנדלען ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג.

12.

מעדיצינישע פּלאַנצונגען.

ארץ־ישראל אימפּאָרטירט יעהרליך פאַר טויזענדער פונטען מעדיצינישע פּלאַנצונגען, וואָס עס איז מעגליך דאָס זיי וואַקסען אין גרויסע מאָסען אין דער אימער־בליהענדער לאַנד. די צעהנדליגע נעמען פאַר רפואה־גרעזעלאַך וואָס ווערען דערמאָנט אין דער תלמוד'ישער ליטעראַטור, איז אַ בעגלויבטער עדות אויף דעם. קיינער האָט זיך נאָך די מיה ניט געגעבען זיי אויס־צוגעפינען.

עס איז אויך מעגליך צו פּלאַנצען פון דאָס ניי די מעדיצינישע פּלאַנ־צונגען וועלכע וואַקסען אין דעם זעלבען קלימאַט ווי אין ארץ־ישראל. פיעלע זאַגענאַנטע פּלאַנצונגען וואַקסען אין די נאָכבאַרשע לענדער. — אָט איז דאָ פיעל אַרבייט פאַר ארץ־ישראל'דיגע אָרגאַנאָמען און באָטאַניקער צו שטודירען די פלאָרא פון לאַנד, אום צו ברענגען נוצליכעס צו דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד.

עס איז כדאי צו דערמאָנען דעם בוים קיק — קיקיון, וואָס מען האָט געפּלאַנצט אין דער קריעגס־צייט, וועלכער האָט זיך גוט אַקלימאַטיזירט און האָט באַנוגענט די בעדערפעניש פון ריצענאייל פון טערקישען און אַ טהייל פון דייטשען לאַגער, וואָס איז געווען אין ארץ־ישראל.

אַזוי איז אויך מיט דעם בוים סום וואָס וואַקסט אין דעם ירדן־טהאָל און אין דער חולה.

.13

פייגען.

ארץ־ישראל איז זעהר גּעאייגנעט פאַר פייגען פלאַנטאַציע. צווישען די שבחים מיט וועלכע דאָס לאַנד ווערט גערימט אין דער תורה, איז אויך די תאנה: „ארץ גפן ותאנה ורמון". מערקווירדיג איז צו זעהן אין וואָס פאַר אַ געגענד איהר זאָלט ניט געהן: אין שטאָדט, אויסער דער שטאָדט, צווישען בערג און טהאָלען — שטעהען די פייגען־בוימער מיט זייערע ברייטע בלעטער און האַלטען אין איין אַרויסגעבען פייגען. עס איז האַרצרייסענד צו זעהן, ווי די נאַטור מאַטערט זיך נאָכצוקומען איהר אור־אַלטע געוואוינ־הייטען, צו בעזאָרגען דער בעפעלקערונג מיט דער גוטער, זיסער און גע־שמאַקער פרי, אָבער דער איינוואוינער איז ווילד, פרימיטיוו, נאָכגעלאָזען און בעמערקט גאָר ניט און לאָזט די בוימער וואַקסען ווילד, אָהן שום נוצען צו ציהען פון זיי.

ווי געזאָגט, איז די פייגען־פלאַנטאַציע זעהר אָפּגעלאָזט. דאָ און דאָרט וואַקסען איינציגע פייגען אַלס אַ נעבען־זאַך אין גרויסע גערטנער פון אָראַנ־זשען, לעמאָנס, עפּעל און בארען, און אַזוי ווי מען גיט זיך ניט אָפּ צו דיעזער אינטערעסאַנטער פלאַנטאַציע, אַט אַזוי וואַקסט זי ווילד און איז ווייט ניט דערגרייכענד איהר מעגליכען הויכען שטאַנד אין דער עקאָנאָמישער לאַגע צווישען דעם אַגריקולטורעלען בעזיץ פון לאַנד.

פון יולי ביז סעפּטעמבער ברענגען די אַראַבער אין שטאָדט אַריין גרינע פייגען וואָס זיינען דעמזעלבען טאָג אָפּגעריסען געוואָרען פון בוים און אין אָנפאַנג פון ווינטער ברענגען זיי דאַרע פייגען, וואָס עס איז שוין שווער צו עסען. זיי ווערען מייסטענס בענוצט פאַר דער אַלקאָהאָל אינדוסטריע און פאַר דער הייוועז אינדוסטריע.

עס קומען אַריין קיין ארץ־ישראל קולטיווירטע, גוט־געפּרעסטע' פייגען פון טערקיי, איבערהויפּט פון אַרום סמירנאַ'ר געגענד. די פייגען ווערען פער־קויפט פאַר הויכע פרייזען.

עס איז לייכט צו ענטוויקלען אין ארץ־ישראל אַ גרויסע פייגען־פלאַנ־טאַציע און אָנשטאָדט ארץ־ישראל זאָל אימפּאָרטירען, זאָל זי עקספּאָרטירען פייגען נאָך אויסלאַנד.

.14

פּערשקעס.

אין ארץ־ישראל וואַקסען פּערשיעדענע פּערשקעס (משמשון) אין אַ בעדייטענדער קוואַנטיטעט, אָבער ווייט ניט אַלס ספּעציעלע גרויסע פּלאַנטאַציע. אין סוריא, די נאָכבאַרלאַנד פון ארץ־ישראל, וואַקסען פּערשקעס אין אַ גרויסער קוואַנטיטעט; אין דמשק, די הויפּט־שטאָדט פון סוריא, זיינען פאַראַן ספּעציעלע פאַבריקען וואָס נעהמען ארויס די קערלאַך פון די פּערשקעס און נאָך דעם ווי זיי ווערען אויסגעטריקענט, עקספּאָרטירט מען זיי נאָך אויסלאַנד. די אַראַבער אין סוריא האָבען נאָך אַן אָריגינעלע אינדוסטריע פון פּערשקעס, וואָס דאָס הייסט „זיסע לעדער“. דאָס ווערט אַזוי פאַבריצירט: די פּערשקעס ווערען געקאָכט און פון דעם געקעכטץ ווערט געמאַכט, מיט אַ קלעה־שטאָף, גרויסע דינע בלעטער וואָס ווערען עקספּאָרטירט איבער גאַנץ אַזיען. אָרימע לייט קויפען דעם „זיסען־לעדער“ און קאָכען איהם מיט וואַסער, פון וואָס עס ווערט אַ געשמאַקער מאכל צו עסען מיט ברויט; קינדער קויפען עס אויף צו נאַשען, אַזוי ווי קינדער אין אַמעריקא נאַשען קענדי און שאָקאָלאַד.

ארץ־ישראל אַליין אימפּאָרטירט געטריקענטע פּערשקעס און „זיסען־לעדער“ פאַר טויזענדער פונטען. עס איז גאַנץ לייכט צו ענטוויקלען די פּערשקעס פּלאַנטאַציע און עס פערוואַנדלען אין גרויסע אַגריקולטורעלע אינדוסטריע, וואָס זאָל עקספּאָרטירען פאַר גרויסע סומען פערשידענע געטריקענטע און געקאָכטע פּערשקעס קיין אויסלאַנד.

.15

שפּייז־גערטנער.

אין ענגלאַנד איז זעהר פּאָפּולער די חברה „וואַקאַנט לענד קולטיוויישאַן סאָסייעטי“, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דורך מר. יוסף פעלז ז"ל, מיט'ן צוועק צו קולטיווירען וויסטע שטיקער לאַנד. די רעגירונג האָט פיעל געהאָלפען צום ערפאָלג פון דער חברה.

דער פּלאַן בעשטעהט אין אָט וואָס: אַ מאַן וואָס אַרבייט אַ גאַנצען טאָג אין אַ פעקטאָרי אָדער אין ביזנעס (מיר רעכענען געוועהנליך אַן אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג) האָט נאָך גענוג צייט, מיט דער הילף פון זיין פאַמיליע, צו בעזאָרגען אַ גאָרטען פון גרינצייג, וואָס איז גרויס פון 250 ביז 400 קוואַדראַט מעטער. דער גאָרטען קען איהם סופּאָרטען מיט אַלע

נויטיגע גרינצייגען וואָס ווערען געברויכט אין הויז. דערביי קען ער אויך לאַנגזאַם פלאַנצען פרוכט־בוימער און פיליכט ביי אַ גוטעווירטשאַפט — אויך האָדעווען ציגען אָדער האַלטען טשיקענס.

די אויבענדערמאָנטע סאָסייעטי איז זעהר פערשפּרייט אין ענגלאַנד. זי האָט זיך געצייגט צו זיין ערפאָלגרייך צווישען דעם אָרימען קלאַס ארבייטער, וועלכער בענעפיטירט צוויי זאַכען: ער שפּאָרט דאָס געלד וואָס ער פלעגט ספּענדען אויף קויפען אַלערליי גרינצייגען און ער לעבט אין אַ ריינעם קלימאַט מיט פרישע לופט.

עס וואָלט געווען ראַטהזאַם אויך אין ארץ־ישראל צו גרינדען אַזעלכע חברות. יעדער איד וואָס געהט בילדען אַ הויז, זאָל האָבען נעבען איהר 300—400 קוואַדראַט מעטער פאַר גרינצייג און היהנער־צוכט. דאָס וואָלט פיעל געהאָלפען צום נידעריגען עקאָנאָמישען מצב אין לאַנד און וואָלט פיעל געווירקט אויף אויפ׳ן געזונדהייטס־צושטאַנד און קערפּער־ענטוויקלונג.

עס איז אינטערעסאַנט וואָס אין תלמוד (כתובות קי״ב א׳) ווייזט אויס, אַז נאָך אין יענע אַלטע צייטען האָבען אידען געהאַט אַ מין סיסטעם פון ערי גנים, וואָס זיי האָבען דערפון געהאַט אַלע נויטיגע הויז־בעדערפניסע, ווי ווייץ, וויין, בוימאייל און אז. וו.

פאַר מעהר איינצעלהייטען זיך ווענדען אויף דיעזען אדרעס:

INFORMATION BUREAU

HAMODIA

20 GLENWAY STREET DORCHESTER, MASS.

צווייטע אָבטהיילונג — אַגריקולטורעלע אינדוסטריע

אַגריקולטורעלע אינדוסטריע אין ארץ־ישראל האָט פאַר זיך א גרויסען און א ברייטען צוקונפט, ווייל זי שטעהט צווישען אַגריקולטור פון איין זייט און אינדוסטריע פון דער צווייטער זייט. די ארץ־ישראל־דיגע אַגריקולטור ענטוויקעלט זיך שנעל און צופרידענשטעלענד, און וועט אימער קענען צו־שטעלען די ערשטע מאַטעריאַלען וואָס זיינען נויטיג פאַר דער אינדוסטריע און אין דער זעלבער צייט איז די ארבייטס־לוין, אין פערגלייך מיט דעם אייראָפּעאישען און אַמעריקאַנישען ארבייטס־לוין, צימליך נידריג (ווייל דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטליכער לעבען איז נאָך מעהר אָדער ווייניגער ניט גענוג ענטוויקעלט).

1.

אַלקאָהאָל.

אין דער קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער וועלט ווערט ערנסט בע־שפּראָכען די פראַגע פון צוגרייטען אַלקאָהאָל אַלס ערשטקלאַסיגע קראַפט און היטץ־מיטעל פאַר אויטאָמאָבילען, טראַקטאָרען און אַלערליי מאַשינעריי. די פראַגע קומט פון דעם, וואָס די נאַפט קוואַלען קאָנען ניט נאָכקומען די פיעלע פאָדערונגען וואָס די נייע גרויסע ענטוויקעלטע אינדוסטריע פאָדערט.

אין דייטשלאַנד ווערט 90—70 פּראָצענט פון אַלקאָהאָל אויסגעאַרבייט פון קאַרטאָפעל, גערשטען און עהנליכע תבואות.

די גרויסע ווערטה פון אַן אַלקאָהאָל אינדוסטריע אויף דער ארץ־ישראל־דיגער עקאָנאָמישער לאַגע קען מען פערשטעהן פון די ציפערען: אין יאָהר 1921 האָט פּאַלעסטינא עקספּאָרטירט גערשטען, ארבעס, דורה בעבלאַך און עהנליכע ערנטע פאַר 76,229 פונט, און שטעלט אייך פאַר וויפיעל אַלקאָהאָל וואָלט פּאַלעסטינא געקאָנט אויסאַרבייטען פון איהרע אייגענע פּראָדוקטען. אין דעם זעלבען יאָהר האָט ארץ־ישראל אימפּאָרטירט אַלקאָהאָל פאַר 36,765 פונט.

נעהמט אין אנבעטראַכט דעם פּראָפיט וואָס אייראָפּעאישע פאַבריקאַנ־טען מאַכען, די טעקסעס וואָס מען צאָהלט און די ארבייטס־געלד, דאָס אַלעס וועט מעגליך מאַכען, דאָס ארץ־ישראל זאָל אַנשטאָט אימפּאָרטירען אַלקאָהאָל, אימשטאַנד זיין צו עקספּאָרטירען גרויסע קוואַנטיטעטען אַלקאָהאָל קיין אויסלאַנד.

איין גוטע, גרויסע אַלקאָהאָל פאַבריק, וואָס זאָל בעזאָרגען די טויזענדער פערד־קראַפט וואָס זיינען נויטיג פאַר׳ן לאַנד, אין אַלערליי מאַשינעריי צו ביליגע פרייזען, קען זעהר פיעל ווירקען אויף דער שנעלער און גוטער ענט־וויקלונג פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אַלגעמיינער אינדוסטריע, ווי אויך אויף די אַגריקולטור פון לאַנד, וואָס געהט אַן יעצט מעהרסטענטהיילס מיט מאַ־שינעריי.

האַנד אין האַנד מיט דער ענטוויקלונג פון אַ גרויסער אַלקאָהאָל־פאַבריק וועט זיך אויך ענטוויקלען אַ גוטע מילכיגעריי; פון דעם פסולת פון אַלקאָהאָל קאָנען זיך פאַשען בהמות אויף מילך, דער פסולת קען פערקויפט ווערען פאַר אַ קליינעם פרייז, און די בהמות ווערען פון דעם פעט און גיבען אַ סך מילך.

דאָס מיסט פון די בהמות וועט צוריקברענגען די קאָלאָניסטען פיעלע נוצען צו מיסטיגען זייערע פעלדער און אַנשטאָט וואָס זיי ברענגען כעמישע מאַטעריאַלען פון אייראָפּא צו מיסטיגען די פעלדער, וועלען זיי דאָס בעקומען אין לאַנד פאַר ביליגער.

2.

בוימאייל פאַבריק.

איז דאָס ניט איינס פון די גרויסע וואונדער אין ארץ־ישראל׳דיגען ווירטשאַפטליכען לעבען, דאָס כאָטש דאָס לאַנד ווערט געריהמט אין דער תורה אַלס „ארץ זית שמן ודבש“ און צעהנדליגער טויזענדער איילבערט־בוימער זיינען פאַראַן אין לאַנד, פונדעסטוועגען האָט ארץ־ישראל אימפּאָר־טירט אין יאָהר 1921, 488,283 קילאָ אייל־בערטבוימאייל! וואָס איז טאַקי די אמת׳ע סיבה פון דעם אומנאַטירליכען צושטאַנד? — ווייל אין ארץ־ישראל איז ניטאָ גענוג בוימאייל־לייטערער פאַבריקען וואָס זאָלען אַרויסגעבען דעם בוימאייל קלאָהר, ריין און געשמאַק פונקט ווי אין אייראָפּא אָדער אמעריקאָ.

אייל־בערטען זיינען דאָ גענוג אין לאַנד, עס פעהלט די גוטע פאַבריקען צו לייטערען דעם בוימאייל. עס זיינען דאָ איינציגע אַראַבישע פאַבריקען וואָס גיבען אַרויס ניט קיין גוטען בוימאייל. בלויז איין אידישע פאַבריק איז דאָ וואָס קען קאָנקורירען מיט אייראָפּעאישע בוימאייל, אָבער עס איז דאָ פּלאַץ פאַר נאָך עטליכע אזעלכע פאַבריקען.

דער בעסטער בעווייז איז דער גרויסער קוואַנטום בוימאייל וואָס ווערט אימפּאָרטירט פון אייראָפּא.

א בוימאייל לייטערער פאבריק וועט האָבען גענוג ארבייט אויך ביי שומשון בוימאייל, וועלכער ווערט פיעל פּראָדוצירט אין לאנד אין אראבישע פרימיטיווע פאבריקלאך.

3.

האָניג.

וואו איז נאָך אזוי גוט און געאייגנעט פאר ביענען־צוכט ווי אין ארץ־ישראל, וואו די ביענען האָבען טויזענדער בליהונגען פאר זייער שפייז? אין איניגע קאָלאָניען עקזיסטירען ביענען־צוכטען, אָבער זיי דערגרייכען ניט קיין גרויסע מדרגה פון ענטוויקלונג, ווייל מיר זעהען אז ארץ־ישראל האָט נאָך געהאט אין יאָהר 1921 אַן אימפּאָרט פון 55 טאָן ביהנען האָניג, אַנשטאָט צו האָבען א גרויסען עקספּאָרט. מעגליך דאָס דער מאַנגעל אין קאפּיטאַל איז שולדיג דעריין.

עס איז דאָ א גרויסער פלאַץ אין ארץ־ישראל פאר א גוט־ארגאַניזירטע ביענען־צוכט. עס איז ראַטהזאַם צו גרינדען צודערזעלבער צייט אויך א מילכיגעריי און א היהנער־צוכט, דאַן וואָלט דער אַלגעמיינער ווירטשאפט געקאָנט האָבען מעהר ערפאָלג.

מיט 4000—5000 דאָלאר איז מעגליך צו גרינדען א גוטען ביענען־צוכט מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען.

4.

היהנער־צוכט.

נעהמענדיג אין אנבעטראַכט די טייערקייט פון היהנער און אייער אין ארץ־ישראל, שטעלט זיך ארויס קלאָהר, אז היהנער־צוכט איז א גוט־בעצאָהלטע אגריקולטור־אינדוסטריע וואָס האָט א זיכערען מאַרק.

עס איז אַם בעסטען איינצופיהרען א היהנער־צוכט אין א גאָרטען. דאָרטען זיינען פאַראַן אַלערליי בוימער־ווערעמלאַך, וועלכע רואינירען די בוימער. די נוצען זיינען דאָפּעלט: דאָס האָדעווען קאָסט צימליך ביליגער און די בוימער ווערען געראַטעוועט פון זייערע מזיקים.

אַנדערע גרינדען א היהנער־צוכט צוזאַמען מיט א מילכיגעריי נעבען א שטאָדט. דאָס איז אויך פיעל עקאָנאָמישער, כדי מען זאָל האָבען די ערשטע פאָר יאָהר א לעבען צו מאַכען פון דער מיליכיגעריי.

א היהנער־צוכט איז מעגליך צו גרינדען מיט 800—1000 דאָלאר.

5.

מילכיגעריי.

צום בעווייז, אז מילכיגעריי האט א גוטע פערספעקטיווע אלס איינע פון די צוקינפטיגע גרויסע אגריקולטור אינדוסטריעס, איז גענוג צו דערמאנען דעם פאקט, אז דער קוואנטום מילך וואס ירושלים, יפו—תל־אביב, חיפה און עכו געברויכען, קענען די נאהענטע קאלאניעס און אראבישע דערפער נים צושטע־לען און דאס ווערט געבראכט פון ווייטע דערפער.

די ארץ־ישראל רעגירונג האט פערעפענטליכט דיזע ציפערען פון דעם קוואנטום מילך וואס די אויבענדערמאנטע דריי מעהר־בעזעצטע צענטערען געברויכען א טאג און דעם קוואנטום וואס זיי בעקומען:

	געברויכען	באקומען	פעהלט
ירושלים	15,750 קילא	7,000 קילא	8,750 קילא
יפו—תל־אביב	8,000 "	3,900 "	1,350 "
חיפה און עכו	1,900 "	550 "	1,350 "

דער קוואנטום מילך וואס פעהלט ווערט געבראכט פון די ווייטע אראבישע דערפער. עס איז כדאי צו בעמערקען, דאס דער געברויך פון מילך ווערט גרעסער פון יאהר צו יאהר מיט'ן פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג, מעהרסטענטהיילס אין די שטעדט.

פון דעם אויבענדערמאנטען קוואנטום מילך איז 25% בהמות־מילך און 75% שאף און ציגען מילך.

די רעגירונג האט אויך פערעפענטליכט די צאהל בהמות, שאף און ציגען וואס ארץ־ישראל פערמאגט:

	בהמות	שאף	ציגען
ירושלים	1,700	20,000	20,000
יפו	1,900	7,000	13,000
עזה	1,100	19,000	8,500
חיפה	4,700	4,000	48,000
חברון	700	19,000	70,000
באר שבע	590	50,000	30,000
שכם	1000,	21,000	31,000
גינין	2,000	5,500	22,000
טול כרם	1,600	9,000	10,000
גליל	9,000	30,000	45,000

די ארץ־ישראל פיה וואָלטען געקענט געבען מעהר מילך, ווען די היגיע־נישע און פיטערונג־פראַגען זאָלען בעסער אראַנזשירט ווערען. א גוטע איינ־לענדישע טראַנספּער־פערקעהר וואָלט פיעל געהאָלפען צו דער שנעלער ענט־וויקלונג פון גרויסע מילכיגערייען.

די רעגירונג האָט א גרויסען אינטערעס אין דער ענטוויקלונג פון ארץ־ישראל׳דיגע מילכערייען. דער רעגיערונגס אַגריקולטור דעפּאַרטמענט גיט כל־ערליי עצות צו די קאָלאָניסטען און צו די אַראַבישע פּאַלאַכען וואָס אָנ־בעלאַנגט צו דעם היגיענישען צושטאַנד פון די בהמות און אויך די אייזענ־באַהן־פערוואַלטונג העלפט צו דעם טראַנספּאָרט פון מילך פון די קאָלאָניעס און אַראַבישע דערפער אין די גרויסע שטעדט און רעכענט נאָר האַלב־געלד פאַר׳ן טראַנספּאָרט.

אין ירושלים זיינען פאַראַן א הונדערט אידען „מילכיגערס“, וואָס זייער ארבייט בעשטעהט אין קויפען מילך אין וויטע אַראַבישע דערפער און דאָס צוטראָגען צו ירושלים׳ער בעלי־בתים.

ווי געזאָגט, האָט א מילכיגעריי א גוטען צוקונפט, אָבער עס איז אַבסאָלוט נויטיג, דאָס דער מאַן וואָס וויל גרינדען א מילכיגעריי זאָל זיין א פאַכמאַן און זאָל זיך אַליין אָבגעבען מיט דער גאַנצער ארבייט פון ארומגעהן ארום די בהמות.

די סומע וואָס איז נויטיג צו גרינדען א מילכיגעריי איז אָבהענגיג פון דעם מאַסשטאַב וואָס מען וויל גרינדען. פאַר א מילכיגעריי פון צעהן בהמות איז נויטיג מינימום 6,000 דאָלאַר, א חוץ דאָס לאַנד, וואָס דער פּרייז איז אָבהענגיג פון איהר ווייטקייט פון שטאָדט. עס דאַרף קאָסטען 50—100 דאָלאַר א דונאַם און מען דאַרף רעכענען אמוועניגסטענס צוויי דונאַם לאַנד פאַר יעדער קוה.

6.

פאַרפיומעריי.

ארץ־ישראל, די בלומען־לאַנד, איז געאייגנעט צו רויזען־פּלאַנטאַציע. נאָך צוריק מיט צוואַנציג יאָהר איז געווען אין דער קאָלאָניע יסוד המעלה א פאַבריק פאַר פאַרפיומעריי. נאָכהער איז געמאַכט געוואָרען א פּראָבע אין דער קאָלאָניע ראש פנה דורך דר. שבת און דער אַפּטייקער שחור, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אינדוסטריע קאָן זיך לייכט ענטוויקלען און

פערנעהמען א בעדייטענדען פלאץ צווישען די ארץ־ישראל׳דיגע אגריקולטור־רעלע אינדוסטריעס.

אין פארינגען יאהר זיינען אויך געמאכט געווארען איינינע פראבען דורך דער יק״א אין צוויי קאלאניעס, שוני און זארגאניה. מען האט געפלאנצט דריי סארטען רויזען: יאסמין, רויזע און א נייעם סארט בלום וואס מען האט ספעציעל געבראכט פאר דיעזען צוועק פון דרום אפריקא. די פראבעס האבען זיך ארויסגעצייגט גלענצענד. די יק״א וועט אין גיכען גרינדען אין ארץ־ישראל א פארפיומעריי פאבריק.

7.

פאסטוכעריי.

אין דער אידישער קאמערציעלער וועלט וועט קלינגען דער נאמען פאסטוכעריי זעהר קאמיש־נאאיוו: צוריק זיך אומקעהרען צו אונזער אור־אלטער היסטאריע פון די אבות. אבער פאר די יעניגע וואס זיינען נאהענט צו ערד־ארבייט און פערשטעהען די ווערטה פון פיה־צוכט, זיי וועלען מיט זייער גאנצען ערנסט און מיט׳ן פולען געדולד נאכדענקען איבער דעם פלאן, וואס מיינט צו פערזארגען אונזערע שטעדט מיט צוויי נויטיגסטע לעבענס־מיטלען: פלייש און מילך, און דאס איז, צו גרינדען א אידישען פאסטוכער פעראיין.

די אידישע קאלאניסטען צוזאמען מיט די אראבישע פעלאכען זיינען ניט אימשטאנד צוצושטעלען צו דער ארץ־ישראל׳דיגער בעפעלקערונג דעם קוואנטום פלייש און מילך פראדוקטען וואס זי נויטיגט זיך. צום בעוויז איז אז אין יאהר 1921 איז געוועז דער אימפארט קיין ארץ־ישראל פון אקסען 268, שאף און ציגען 4917. אויך איז גרויס דער אימפארט פון שווייצער־קעז, אמעריקאנער קאנדענס מילך און איטאליענער און אפריקאנער פוטער, אנשטאט וואס א גוט־קולטיווירטע אגראר־לאנד עקספארטירט די אויבענדער־מאנטע פראדוקטען, קען ארץ־ישראל ניט סופארטען איהרע אייגענע גע־ברויכען. מיט דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און קאמערץ און דאס פערמעהרען זיך פון די איינוואוינער, ווערט די פראגע פון פלייש און מילכי־געריי פראדוקטען איינע פון די ברענענדע פראגען: די הויכע פרייזען פאר פלייש, מילך, קעז און פוטער מאכט שווער דאס עקאנאמישע לעבען און דאס ארויסשיקען גרויסע סומעס געלד קיין אויסלאנד מאכט ארים דאס לאנד.

דער איינציגער נאַטירליכער מיטעל צו פערבעסערען די אינערליכע עקאָנאָמישע לאַגע און עטוואָס אויפהויבען די אַלגעמיינע פינאַנציעלע לאַגע פון לאַנד, איז צו גרינדען א פּאַסטוכער פעראיין.

עס איז מעגליך אַנצופאַנגען דעם פעראיין מיט צוועלף פּערזאָן אַלס אַנפאַנגער און פּיאָנערען, מען דאַרף קריגען אַ באָדען אין דער גרויס פון 300 אָדער 400 דונאַם לאַנד, וועלכע איז פּאַסענד פאַר היי און גראָז פאַר בהמות, נאָהענט פון אַ וואַסער.

מיר באַנוצען זיך מיט'ן אויסדרוק „קריגען", ווייל מיר מיינען דערמיט צו זאָגען, דאָס אין דער ערשטער צייט איז מעגליך צו בעקומען לאַנד פון דעם באַראָנס לענדער אין דער קאָלאָניע מתולה, תל־חי אָדער אין שוני, נעבען זכרון יעקב, ווייל דאָרטען איז פאַראַן פיעל פּאַשע און גוטע קוואַלען וואַסער. עס איז אויך מעגליך צו מאַכען אַ פּראָבע אויפ'ן באָדען פון דער חברה „אגודת נטעים", אין דער קאָלאָניע חפצי־בה, אָדער אין סעג'רה.

געוועהנליך איז נויטיג צו בילדען גרויסע שטאַלען פאַר ווינטער־צייט און וואָהנונגען פאַר די פּאַסטוכער, וואָס וועלען צוגרייטען די מילך פאַר אַ גרויסע מילך־קעז־און־פּוטער אינדוסטריע.

דער בודזשעט דאַרף זיין אומגעפעהרט אַזוי:

7,000 דאָלאַר פאַר 200 קעלבלאַך.
7,000 דאָלאַר פאַר 200 שאָף.
7,000 דאָלאַר פאַר 200 ציגען.
2,000 דאָלאַר פאַר אינווענטאַר.
1,500 דאָלאַר פאַר זריעה אַ יאָהר און עסען פאַר די בהמות.
1,200 דאָלאַר פאַר אַקסען, אַ וואָגען, עופות און אַקער־אייזען.
5,000 דאָלאַר פאַר אויסהאַלטען די צוועלף פּאַסטוכער דאָס ערשטע יאָהר.
1,800 דאָלאַר פאַר אויסגאַבען וואָס מען קען ניט זעהן אין פאָראויס.

8.

פּיה־צוכט.

די אַרגומענטען פון דער פּראַקטישער זייט פון גרינדען פּיה־צוכט אין ארץ־ישראל זיינען אַרומגערעדט געוואָרען אין פאָריגען אַרטיקעל. דאָ ווילען מיר נאָר בעמערקען, אַז עס לוינט זיך אויך פאַר אַן איינציגען מאַן, וואָס איז בעקענט אין פּיה־צוכט, צו גרינדען דעמזעלבען לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל.

אויף פיה־צוכט איז פאַסיג איבערהויפּט דער גליל, דער עמק יזרעאל און דער סאוט (עזה, באר שבע און דער אומגעגענד) ווייל דאָרטען זיינען פאַראַן גרויסע שטיקער לאַנד וואָס זיינען גינסטיג פאַר פאַשע פון בהמות. פון די אידישע קאָלאָניעס זיינען גוט פאַר דעם לאַנד־ווירטשאַפט מתולה, כפר גלעדי, תל חי, רמה און נורים.

עס איז אבסאָלוט נויטיג אַ פאַכמאַן וואָס קען אַליין שערען די וואָהל און פאַרבערייטען דעם קעז און אז. וו.

עס איז מעגליך אָנצופאַנגען אין אַ קליינעם מאַסשטאַב: 900 שאָף און ציגען און 50 בהמות וואָס דאַרף בעטרעפען 8000—10000 דאָלאַר.

9.

פישעריי.

ווי מיר האָבען שוין אויבען דערמאָנט, זיינען כמעט אַלע לעבענס־מיטלען ציכליך טייער אין ארץ־ישראל. דער וואונדער איז נאָר, וואָס אויך פיש, אין וואָס ארץ־ישראל איז אַזוי רייך און האָט געקענט עקספּאָרטירען אין גרויסע מאָסען קיין אויסלאַנד, איז אויך טייער. די אורזאַך פון דעם איז, וואָס אין ארץ־ישראל געהט אָן די פישעריי אויפ'ן פּערצייטיגען פּרימיטיוועז שטייגער. עס ווערען געכאַפּט ווייניג פיש דורך שווערער מיה און דאַדורך קאָסטען זיי טייער.

אָראַנזשירען אייניגע פישערייען מיט דאַמף־שיפלאַך אין די פיעלע פלע־צער וואָס זיינען אין ארץ־ישראל רייך מיט פיש, וועט זיין איינע פון די גלענצענדסטע אינדוסטריעס, וועלכע וועט זיכער בעקרוינט ווערען מיט ער־פאָלג אָן און פאַר זיך אַלס ביזנעס און וועט פערבעסערען די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע דורך רעדוצירען די הויכע פּרייזען פון אַזאַ נויטיגען לעבענס־מיטעל, און דורך איינגאַהמע פון גרויסען קאַפּיטאַל פונ'ם עקספּאָרט פון פיש קיין אויסלאַנד.

מיר גיבען דאָ איינצעלהייטען וועגען פישעריי ביים ים כנרת.

1. דער ים כנרת:

די לענג איז 13 מייל און די ברייט 7.5 מייל. אין אייניגע ערטער דערגרייכט זיין טיפעניש ביז 150 פוס. די וואַסער ענטהאַלט אַ גרויסען פּראָצענט זאַלץ. דער ים כנרת איז 700 פוס נידעריגער פונ'ם מיטעל־לענ־דישען ים. די טעמפּעראַטור איז צווישען 48 און 110 פערענהייט.

2. די פיש אין ים:

אַלע וויסענשאַפטס־מענער וואָס האָבען געשטודירט דעם ים כנרת, האָ־בען בעשטימט, דאָס דער ים איז זעהר רייך אין פיש און ענטהאַלט 25 סאָרטען פיש, וואָס זעקס פון זיי געפינען זיך ניט אין קיין שום אַנדער אָרט. אַלס געשעפטס־ווערטה קען מען רעכענען 9 סאָרטען פיש: 1) מושאַט, 2) אבאַ־דאדי, 3) אבן כלב, 4) מארמאר, 5) קאשאר, 6) קאשארין, 7) חאפאפי, 8) סאַלתאנית, 9) בארבוט — ער איז פאַראַן אין גרויסע מענגעס.

3. די פישעריי.

מעהר אַלס פופציג שיפלאַך אַרבייטען אין דער שטאָדט טבריה און איי־ניגע אין שטאָדט באטיחאד, וועלכע ליעגט אין צפון מזרח זייט פון כנרת. עס איז ניטאָ קיין האַפען אין טבריה און אויך ניט אין קיין שום פּלאַץ איבער'ן גאַנצען לענג פון דעם ים כנרת.

4. די קוואַנטיטעט פון פיש.

יעדען טאָג ווערען געוועהנליך געפאַנגען פינף קאַנטאַר פיש. עס גיבען אויך צייטען, ווען די פישער כאַפּען ביז דרייסיג קאַנטאַר, אָבער ווייל דער ארץ־ישראל'דיגער מאַרק איז צו קליין פאַר אַזוי פיעל פיש, וואַרפען די פישער צוריק אריין די געכאַפּטע פיש אין ים אריין.

די געכאַפּטע פיש ווערען טראַנספּאָרטירט קיין טבריה און פון דאָרטען קיין ירושלים דורך דעם באַהן־סטיישאַן צמח. קיין צפת און קיין נצרת ווערען די פיש טראַנספּאָרטירט אויף קעמלען.

פיש ווערען געכאַפּט אויך אין ירדן און אין מיטעל־לענדישען ים אין יפו און אין חיפה און אין נאָך איינינע פּלעצער.

.10

קאָנסערווירען פיש.

(סאַרדינען, סאַרדינען מיט טאָמייטאָס, געראַוכערטע פיש).

ווי מיר האָבען אין פאָריגען אַרטיקעל דערמאָנט, איז ארץ־ישראל זעהר רייך אין פיש. אין כנרת, אין ירדן, אין דער אדזשע און אין מיטעל־לענדישען ים איז פאַראַן אַזוי פיעל פיש פון פערשידענע טיפען, געשמאַקען און קוואַ־ליטעטען, אַז ארץ־ישראל קען זיין איינע פון די גרעסטע עקספּאָרט־לענדער פון פערשידענע קאָנסערווירטע פיש, הערינג און געראַוכערטע פיש, נאָך... דאָסזעלביגע וואָס מיר האָבען שוין איינינע מאָל דערמאָנט: עס איז נאָך ניט געקומען דער פּאַסענדער מאַן מיט'ן נויטיגען קאַפּיטאַל, מיט דער פולער ענערגיע און אָרגאַנזשירען די גרויסע אינדוסטריע.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אין די קאָלאָניעס און אַראַבישע דערפער אַרום טבריה איז אַזאַ גרויס געוועטעניש אויף גרינצייג, אַז טאָמייטאָס וואַקסען דאָרט פיער מאָל אין יאָהר און די פרייזען זיינען זעהר ביליג.

עס זיינען פאַראַן די נויטיגע בעדינגונגען צו גרינדען אַ פאַבריק פאַר סאַרדינען מיט אויל, סאַרדינען מיט טאָמייטאָס און מיט פערשידענע גרינצייג און פרוכט.

עס איז אויך גאַנץ לייכט צו גרינדען אַ פאַבריק פאַר געוויכערטע פיש און אַ ספּעציעלע פאַבריק פאַר הערינג־פיש.

פאַר לעבעדיגע פיש איז אין ארץ־ישראל פאַראַן גענוגענדע מאַרקען, אויך פאַר קאָנסערווירטע פיש איז נאָך דאַ אַ גרויסער מאַרק אין ארץ־ישראל און אין די נאָכבאַר־לענדער: מצרים, סוריא און די אַראַבישע מדינות ביז מעסאָפּאָטאַמיען.

11.

קאָנסערווירען פרוכט און גרינצייג.

עס איז איבעריג צו באַווייזען דעם דריי־זייטיגען פאָרדינסט וואָס אַ גוט־אָרגאַניזירטע קאָנסערווען־פאַבריק פאַר פרוכט און גרינצייט קען ברענגען אין ארץ־ישראל פאַר דער פערבעסערונג פון אונזער לאַנדווירטשאַפט פון איין זייט, פאַר'ן אויפהויבען די היגע עקאָנאָמישע לאַגע מיט דעם, וואָס די איינוואוינער וועלען ניט זיין געצוואונגען צו צאָהלען הויכע פרייזען פאַר פרוכט און גרינצייג, וועלכע זיינען פאַראַן גענוג אין לאַנד בעת'ן סיזאָן, נאָר גלייך נאָך דעם סיזאָן ווערען זיי קאַליע און מען מוז זיי קויפען אין פושקעס פון אייראָפּאַ און צאָהלען פאַר'ן אייראָפּעאישען פרוכט, פאַר אַרבייטס־געלד, טעקסעס און פאַר'ן בלעכענעם פושקעלע אין וועלכען די פרוכט איז קאָנסערווירט.

דער אימפּאָרט פון אייראָפּעאיש קאָנסערווירטע פרוכט אין יאָהר 1921 האָט בעטראָפען 10,336 פונט.

און אין דריטען: די קאָנסערווען־פאַבריק קען אַריינברענגען גרויסע סומען געלד פון אויסלאַנד פאַר'ן עקספּאָרט פאַר די וואַרע און געבען אַרבייט צו טויזענדער מענשען.

דריטע אָבטהיילונג — בוי־אינדוסטריע.

וואָס פאַר אַן אינדוסטריע האָט נאָך אַזאַ ברייטען פעלד צו ארבייטען און אַזאַ גלענצענדע צוקונפט אין ארץ־ישראל ווי די בוי־אינדוסטריע! שטעלט זיך פאָר אַ לאַנד וואָס שטעהט בעפאָר איהר אויפלעבונג. אידען, קריסטען און מוסולמאנער געהען צו מיט דער גרעסטער ענטשלאָסענהייט, פול מיט ענערגיע און איבערגעבענהייט איהר ווידערצובויען.

אויב געוויסע אינדוסטריעס וואָס האָבען אַ צוקונפט אין ארץ־ישראל וואַרטען אויף גואלים, מענשען מיט פערשטאַנד, מיט קאַפּיטאַל און מיט אונטערנעהמונגס־גייסט, האָט די בוי־אינדוסטריע שוין געפונען איהרע פּיאָ־נערען און זי געהט שוין אָן מיט איהר פולען גלאַנץ און פּראַכט. אין דעם פאָריגען יאָהר איז אין ירושלים אליין אויפגעבויט געוואָרען דריי נייע פאָר־שטעדט, אַ חוץ אין די אלטע שטאָדט־טהיילען. אַלע בוי־אַרבייטער זיינען געווען בעשעפטיגט אויף אַ גוטען אַרבייטס־לוין און ארץ־ישראל האָט בע־וויזען אַרום אַכט טויזענד חלוצים ביי דער בוי־אינדוסטריע צו בעשעפטיגען.

.1

בוי־מעבעל.

אין ארץ־ישראל פיהרט זיך נאָך ווי אין די גאָר אַלטע צייטען: ביים בויען אַ הויז בעדינגט מען שטאָליאַרעס, וועלכע מאַכען די געהילץ־אַרבייט אייגענהענדיג. עס נעהמט פיעל צייט ביז די גאַנצע אַרבייט ווערט פאַרטיג און עס איז, זעלבסטפערשטענדליך, אונמעגליך דאָס די גאַנצע געהילץ אַרבייט זאָל זיין פונקט מיט'ן סענטימעטער. דער שטייגער און אַרט אַרבייט האַלט אָפּ אין געוויסע מאָסען דאָס שנעלע ענטוויקלונג פון דער בוי־בעוועגונג אין לאַנד.

אַ גרויסע בוי־מעבעל פאַבריק וואָלט בעגריסט געוואָרען אין ארץ־ישראל מיט פרייד פון אַלע לייטע וואָס זיינען אינטערעסירט אין דער בוי־אַרבייט. די פאַבריק וואָלט דערגרייכט איהר עכסטען ציעל, ווען זי זאָל געגרינדעט

ווערען מיט א גענוגענדען קאַפּיטאַל, דאַס זי זאָל זיין אימשטאַנד אַליין צו ברענגען האַלב פון אייראָפּא, אום כדי עטוואָס ביליגער צו פאַרקויפען איהר פּראָדוקציאָן.

עס זיינען פאַראַן אין ירושלים און תל־אביב פאַבריקען פון׳ם אויבענ־דערמאַנטען סאָרט, אָבער עס איז פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר נאָך אייניגע פאַבריקען וואָס זאָלען אַרבייטען אין א גרעסערען מאַסשטאַב.

2.

פאַבריצירטע שטיינער.

אום כדי צופרידען צושטעלען דעם געברויך פון גרויסען פערלאַנג פון שטיינער צו בילדינג פון איין זייט און כדי גרינגער צו מאַכען די הויכע פרייזען פון געביידען פון דעם צווייטען זייט, האָבען אייניגע פון די נייע־אָנגעקומענע אידען איינגעפיהרט א נייע אינדוסטריע אין לאַנד: פאַבריצירטע שטיינער. אין עסטרייך, אין רומעניען און אין א טהייל פון דרום־רוסלאַנד זיינען די סאָרטען פאַבריצירטע שטיינער גוט בעוואוסט און גאַנצע שטעדט זיינען מיט זיי אויסגעבויט געוואָרען. אויך אין ארץ־ישראל האָט מען אָנגעפאַנגען בויען מיט די פאַבריצירטע שטיינער, וועלכע קאָסטען פיעל וועניגער פון די אמת׳ע שטיינער און בעזיצען איין מעלה, וואָס זיי פערנעהמען וועניגער פּלאַץ פון די אמת׳ע שטיינער.

די שטיינער ווערען געמאַכט פון צומאַלענע שטיינער מיט צעמענט אויף קאַלטע וואַסער מיט א גרויסען פרעס. עס איז אויך פאַראַן א מעטאָדע צו אַרבייטען אויף היץ און דער שטיין קומט אַרויס מיט אַן אויסזעהן ווי א ציעגעל, נאָר עטוואָס גרעסער. ווייל דער שטיין איז לעדיג אינווענינ, האַלט ער לופט אין זומער און סטים אין ווינטער.

די פאַבריצירטע שטיינער פאַבריקען קענען ניט נאָכקומען די אַלע פאָ־דערונגען פון בילדינג טרייד. עס איז דאָ פּלאַץ אין ארץ־ישראל פאַר נאָך פאַבריקען פון דעם סאָרט.

3.

פאַרב־פּאַפּיר.

איינע פון די גרויסע אמעריקאַנער אינדוסטריעס איז פאַרב־פּאַפּיר, צו פּייפּערען די ווענט אין הייזער אינווענינ. די אינדוסטריע איז מעגליך צו

גרינדען אין ארץ־ישראל, נעהמענדיג אין אנבעטראכט די גרויסע בילדינגס־טרייד וואָס האָט זיך שוין אנגעפאנגען אין לאנד און ווערט פערגרעסערט פון יאהר צו יאהר.

זאָגאר אין די אלטע הייזער אין לאנד פאנגט מען אויך אן צו פייפערען, ווייל עס קאָסט ביליגער איינמאל אויספייפערען א הויז ווי צו קאלכען יעדעס יאהר. פאר פארב פאפיער איז פאראן א גרויסער מארק אין די נאָכבאר־לענדער, ווי מצרים, אראביען און סוריא, וועלכע נוצען שוין פון לאנג פארב־פאפיר, וועלכעס ווערט געבראכט פון איירָאפּא. געוועהנליך וועט ארץ־ישראל קענען קאָנקורירען מיט איירָאפּעאישע וואַרע, ווייל דער ארבייטס־לוין אין ארץ־ישראל איז פיעל ביליגער ווי אין איירָאפּא.

4.

ציגעל און דאכעלקעס.

געוועהנליך זיינען ביים בילדינג טרייד די הויפּט־אויסגאבען פאר ציגעל און דאכעלקעס. צו גרינדען א ציגעל און דאכעלקעס פאבריק איז איינס פון די גוטע אינדוסטריען וואָס האָט שוין פאר זיך דעם גרויסען מארק אין לאנד.

אין ירושלים ווי אין איינינגע שטעדט און קאָלאָניעס: מרחביה, חיפה (נעבען דעם טייך קישון, נאָהענט צום באהן־שאָסעע), חדרה, טאנטורה, פתח־תקוה, רמלה און עזה איז פאראן אין גרויסע מענגעס די סאָרטען ערד וואָס איז געאייגנעט פאר דיעזער אינדוסטריע וואָס ווערט געארבייט צו־זאמען מיט צעמענט.

עס עקזיסטירען שוין איינינגע אזעלכע פאבריקען, אָבער דער געברויך איז אזוי גרויס, אז עס איז דאָ גענוג פלאץ פאר נאָך איינינגע פאבריקען.

5.

צעמענט.

עס איז איבעריג צו בעטאָנען די וויכטיגקייט פון א צעמענט־פאבריק אין דער יונגער בליהענדער ארץ־ישראל, וואו די בילדינג־ארבייט געהט אן מיט פולען שטראָם. מיר ווילען נאָר בעמערקען, אז אין צוויי ערטער אין ארץ־ישראל איז פאראן דער סאָרט ערד וואָס פון איהם קען מען פּראָדוצירען צעמענט: אין חיפה און נעבען דער קאָלאָניע מוצא ביי ירושלים.

א צעמענט־פאבריק האט איהר זיכערען מארק אין לאנד און אין די נאכ־בארשע לענדער: סוריא, עגיפטען אין אראביען, וואו עס געהט אויך אן א גרויסע בילדינג ארבייט.

6.

צעמענט באלאטעס.

די ערשטע בויער פון דער נייער ארץ־ישראל פלעגען אויסלעגען אין הויז אויף דער ערד גלאטע שטיינער. יעצט, נאך דעם קריעג, האבען זיך גע־גרינדעט איניגע פאבריקען וואס ארבייטען אויס באלאטעס פון זאמד מיט צעמענט. די ארבייט געהט אן קאלטערהייט, נאר מיט א שווערע פרעס. דער געברויך איז א גרויסער, קיין ספעציעלע ארבייטער זיינען נים נויטיג. עס זיינען דא אין לאנד פיעלע ארבייטער וואס האבען זיך אויסגעלערענט די ארבייט. עס איז אויך נים נויטיג קיין גרויסע סומע געלד צו גרינדען א פאבריק פון צעמענט און זאמד באלאטעס.

7.

קאלך־ברענעריי.

ווי מיר האבען שוין איניגע מאל דערקלעהרט, האלט די בוי־אינדוסטריע אין ארץ־ישראל אין איין שטייגען. א בעדייטענדען פלאץ פארנעהמט אין דיעזער אינדוסטריע קאלך. קאלך קאסט צימליך טייער און אין מאנכע פעלע איז דאס פשוט שווער צו בעקומען, ווייל אלע קאלך־ברענערייען זיינען אין אראבישע הענד. פון איין זייט קאנטראלירען זיי די פרייזען און פון דער צווייטער זייט קענען זיי נים צושטעלען אלע ארדערס פאר קאלך. די קאלך־ברענערייען זיינען איינגעריכט אויפ'ן פארצייטיגען פרימיטיווען שטיי־גער.

עס איז א גוט־בעצאהלטע אינדוסטריע און עס איז ראטהזאם פאר די יעניגע וואס זיינען בעקאנט מיט דער ליין אינדוסטריע נאכצודענקען וועגען גרינדען אין ארץ־ישראל אזא פאבריק.

אין הרטוב איז פאריגען יאהר געגרינדעט געווארען א אידישער קאלך־ברענעריי, וועלכע האט ארבייט אויף א גאנץ יאהר.

אום די קאַלך־אינדוסטריע זאָל זיין ערפאָלגרייך איז נויטיג צו אָרגאַניזי־רען מיט אַלע מאָדערנע לעצטע איינריכטונגען, אום די פרייז זאָל זיך בעדיי־טענד פאַרבילִיגערן ווי יעצט איז, און זאָל קענען צושטעלען די קוואַנטום וואָס איז נויטיג אין דער גרויסער אָנגעהענדיגער בוי־ארבייט.

גלייכצייטיג איז ראַטהזאַם צו גרינדען איינִיגע קאַלך־ברענערייען אין איינִיגע צענטרען פון לאַנד, אם וועניגסטענס אין דריי דיסטריקטען: ירושלים, חיפה און צפת.

8.

קאָנקרייד.

אין ארץ־ישראל ווערען אַלע דעכער בעדעקט מיט דאַכעלקעס. עס איז א האָפנונג, אז אין ארץ־ישראל זאָל פריהער אָדער שפּעטער געגרינדעט ווערען א פאַבריק פון ציגעל און דאַכעלקעס, אבער יעצט אימפּאָרטירט מען די דאַכעלקעס פון פראַנקרייך. עס קאָסט אָפּ א גוזמא געלד די דאַכעלקעס און דאָס ברענגען און דערצו מוז מען מאַכען דעם דאַך זעהר שטאַרק, ער זאָל קענען אויסהאַלטען די שווערע משא פון די דאַכעלקעס.

צו גרינדען א קאָנקרייד פאַבריק אין ארץ־ישראל איז אָהן צווייפעל א זיכערע אינדוסטריע, וואָס וועט האָבען גלייך איהר גרויסען און ברייטען מאַרק אין לאַנד גופא ווי אויך אין די נאָכבאַרשע לענדער: אַראַביען, עגיפּטען, סוריא און טערקיי.

9.

שטיין־ברעכעריי.

ארץ־ישראל איז רייך מיט פערשיעדענאַרטיגע שטיינער, ווי מאַרמאָר־שטיין, (ווייסע, טונקעלע, רויטע, גערינצעלטע), באַזאַלט־שטיין, קאַלך־שטיין און אז. וו. איינס פון די הויפּט־שוועריגקייטען פון ארץ־ישראל'דיגער ווידער־אויפבוי איז דאָס, וואָס עס איז נאָך ניטאָ קיין גוט/אָרגאַניזירטע מאָדערנע שטיינברעכעריי. פּונקט ווי מיט טויזענדער יאָהר בעפאָר, שטעהט דער אַראַבער טאָג איין טאָג אויס און האַקט מיט זיין שווערען אייזען אין לאַך פון א שטיין ביז ער קען אריינלעגען אביסעל פּולווער און איהם צושיסען. דיעזע סאָרט פּרימיטיווע ארבייט קאָסט פיעל מיה, צייט און געלד און זעלבסט

פערשטענדליך אז עס איז זאגאר שווער צוצושטעלען די נויטהיגע קוואנטום שטיינער וואס ווערען געפאדערט צו דער בוי־ארבייט. ווי נידעריג דער ארבייטס־לוין איז, קאסט דאך דער מעטער שטיינער גענוג טהייער, ווייל דיעזע סארט לאנגווייליגע ארבייט פראדוצירט ווענינ און 80% פון דעם פרייז פון די שטיינער קאסט די ארבייט. און נאך א זאך פון גרוים וויכטיגקייט ביי בילדינג ארבייט: ווייל די גאנצע ארבייט געהט אן מיט העגט, איז כמעט אונמעגליך צוצושטעלען גרויסע שטיינער, ווייל עס איז שווער זיי צו טראנס־פארטירען פון דעם שטיין־ברעכער צום פלאץ פון בילדינג; ארבייטען די אראבער אום צוצוברעכען גרויסע שטיינער אויף קליינע און נאכהער זיי, די קליינע שטיינער ארומטשעשען — אלץ איבעריגע מיה, צייט און געלד. א שטיין־ברעכעריי וואלט לכתחילה ארויסגענומען גרויסע שטיינער און זיי טראנספארטירט צום בילדינג־פלאץ. דאס וואלט געקאסט פיעל ביליגער און די געביידעס וואלטען געוועזן בעסער, שעהנער און שטארקער.

א שטיין־ברעכעריי האט אין ארץ־ישראל א גלענצענדע צוקונפט. ניט נור האט די אינדוסטריע א ברייטען מארק פאר זיך, נאר זי וואלט געבראכט פיעלע ענדערונגען צום גוטען אין׳ם אלגעמיינעם עקאנאמישען לעבען, מיט דעם וואס הייזער וואלטען געקאסט ביליגער צו בילדען, וואס דאס מיינט אויך ביליגער רענט.

פאר מעהר איינצעלהייטען שרייבען צו:

INFORMATION BUREAU

HAMODIA

20 GLENWAY STREET DORCHESTER, MASS.

פיערטע אָבטהיילונג — אַלגעמיינע אינדוסטריע.

די צוקונפט פון דער אינדוסטריע.

אונגעהויער גרויס און ברייט איז אין ארץ־ישראל דאָס פלאַץ פאַר געלד און ענערגיע. עס זיינען פאַראַן זעלטענע געלעגענהייטען פאַר מענשען מיט גרויסע ביזנעס פעהיגקייטען און אונטער־נעהמונגס־גייסט. דאָס רוב אינדוסטריעלע צווייגען זיינען נאָך ניט בעריהרט געוואָרען; רויהע מאַטעריאַלען ווערען עקספּאָרטירט פון ארץ־ישראל אין די נאָכבארשע לענדער פאַר מיליאָנען און דיזעלבע ווערען צוויי מאָל טעק־סירט און צוויי מאָל בעצאָהלט פאַר טראַנספּאָרט, ביז דיזעלבע בעפעלקע־רונג בעקומט זיי צוריק אַלס אייראָפּעאישע אויסגעאַרבייטע וואַרע פאַר הויכע פּרייזען.

עס איז גאָרניט אָפּצושאַצען די גרויסע פאַרדינסטען פון די צוקונפ־טיגע ארץ־ישראל׳דיגע אינדוסטריאַליסטען פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען און פאַר׳ן אויפהויבען די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד.

די ארץ־ישראל אינדוסטריע קען, ניט נאָר פאַרבערייטען וואַרע פאַר׳ן היגען מאַרק, נאָר וואָס איז מעהר וויכטיג — זיין די מאַנופעקטשורער פון קליין־אַזיען, וואו די אינדוסטריע שטעהט נאָך אויף אַ פּרימיטיווען מצב. ארץ־ישראל וועט קענען קאָנקורירען מיט איירָאפּאַ, סיי מיט דעם וואָס זי וועט איהרע אייגענע רויהע מאַטעריאַלען און סיי מיט דעם וואָס דער אַר־בייטס־לוין איז נאָך, און וועט נאָך זיין אימער, נידעריגער פון דעם אַרבייטס־לוין אין איירָאפּאַ, ווייל דאָס אָריענטאַלישע נאַטירליכע אַרט לעבען פאָדערט פיעל ווייניגער לוקסוס און פלעזשור ווי דער איירָאפּעאישער.

טעקסעס אויף אויס־לענדישע וואַרע.

דאָס ענטוויקלונג פון דער היגער אינדוסטריע, אַזוי ווי עס איז געווען אין אַלע לענדער אין אָנפאַנג פון זייער אינדוסטריע העֶנגט אָפּ אין געוויסער מאָסען אין דער בעציהונג פון דער רעגירונג צו איהר: די קליינע, נייע און שוואַכע אינ־דוסטריע איז ניט אימשטאַנד צו קאָנקורירען מיט איירָאפּעאישע וואַרע, דאָרום מוז אַרויפגעלעגט ווערען אַ טעקס אויף די וואַרע וואָס קומט פון

איירָאפּא, וועלכע דאָס לאַנד פּראָדוצירט אַליין. האָפּענטליך וועט די רע־גירונג נעהמען אין אנבעטראַכט דעם פאַקט, און גלייכצייטיג מיט דער ענטוויקלונג פון יעדען צווייג פון אינדוסטריע, וועט זי שטיצען מיט איהרע קרעפטען דאָס בויען און וואַקסען פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אינדוסטריע.

מאַשינעריי. אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער אָפּטימיסטישען בליק אויף דער צוקונפט פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אינדוסטריע, מעגען מיר זיך אָפּשטעלען אויף אַ פּונקט, וואָס ביים ערשטען אויגענבליק שיינט עס צו זיין אין ווידערשפּרוך צו אונזערע מיינונגען: קונסט־אינדוסטריע האָט ניט בעגליקט אין ארץ־ישראל און פון דעם ווילען אַנדערע לערנען אַ גזרה־שוה, אַז קיין אינדוסטריע קען ניט מצליח זיין אין ארץ־ישראל. דער אמת איז אַזוי: די גרינדער פון דער קונסט־אינדוסטריע זיינען געווען אַזוי נאַאיוו איינגעגלויבט אין די אידישע הייסע ליעבע און איבערגעבענהייט צו אַלע ארץ־ישראל־פּראָדוקטען, דאָס זיי האָבען געגלויבט אַז אידען וועלען מרוצה זיין צו צאָהלען פיעל העכערע פּרייזען פאַר וואַארע, אבי דאָס איז ארץ־ישראל ארבייט. אין דער ווירקליכקייט וויל אַ איד קויפען ארץ־ישראל סחורה — עס זיינען אויך דאַ אויסנאַהמען — ווען זי איז ניט טייערער און ניט ערגער פון איירָאפּעאישע סחורות, און צו קומען צו דעם מוז מען איינפיהרען די מאָדערנסטע מאַשינעריע, וואָס זאָלען מעגליך מאַכען די סחורות צו פער־קויפען צימליך ביליג און זיי זאָלען זיין אין קוואַליטעט אויף דערזעלבער שטופע פון איירָאפּעאישע וואַארע.

אינדוסטריע פּאַר׳ן לאַנד. די גרויסע ווערטה פון אינדוסטריע אויפצוהויבען און פערזיכע־רען דעם פינאַנציעלען און עקאָנאָמישען סטאַנדאַרט פונ׳ם לאַנד קען מען זעהן פון די ציפערען פון אימפּאָרט און עקספּאָרט פון ארץ־ישראל אין די דריי יאָהר 1920, 1921 און 1922:

אימפּאָרט	16,872,999	פונט.
עקספּאָרט	4,088,356	פונט.
דער דעפיציט אין	12,764,643	פונט.

וואָס פאַר אַ האָפנונג קען ארץ־ישראל האָבען פון אירגענד וואָסערע קוועלע, ווען זי גיט אימער אַרוים איהר געלד קיין אויסלאַנד. אַן אייגענע אינדוסטריע, איז די איינציגע אַנטוואָרט אויף דער ארץ־ישראל׳דיגער קריי־טישער לאַגע!

1.

אויטאָמאָביל און וועגען־שמיראַכץ.

שמירעכץ פאַר אויטאָמאָבילען און וואָגענס ווערט געוועהנליך געבראַכט פון אייראָפּאַ. דער געברויך ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג. עס איז דאָך מעגליך דעם שמיראַכץ צו פּראָדוצירען אין לאַנד. עס איז מעגליך אָנצו־פאַנגען די אינדוסטריע מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל און דער מארק איז זיכער.

2.

אויטאָמאָביל רעפּערײשאָן.

דער פערקעהר פון פּריוואַט און לאַסט־אויטאָמאָבילען אין ארץ־ישראל ווערט גרעסער פון מאָנאַט צו מאָנאַט, און עס איז פאַראַן אַ פּלאַץ פאַר אַ אויטאָמאָביל רעפּערײשאָן פאַבריק. מאַשיניסטען וואָס קענען די אַרבייט איז פאַראַן פיעל אין לאַנד און די אויבענדערמאָנטע פאַבריק האָט אַלע שאַנסען צו האָבען ערפאָלג אין וואָס פאַר אַ שטאָדט זי זאָל זיך ניט גרינ־דען: אין ירושלים, אין יפו, אָדער אין חיפה.

3.

אָמברעלאַס און שטעקענס.

אָמברעלאַס און שטעקענס קומען פון אייראָפּאַ. דער ארץ־ישראל׳דיגער איינוואָהנער צאָהלט פאַר אַרבייט געלד און טעקסעס ביים אַריינברענגען אין לאַנד. אַ פאַבריק פון אָמברעלאַס און שטעקענס וואָלט געהאַט ניט נאָר דעם היגען מארק, נאָר דעם גאַנצען קליין־אַזיאַטישען מארק, פון עגיפּטען ביז טערקיי און אַראַביען. עס איז איבעריג נאָך אַמאָל צו דערמאָנען דעם בע־וואוסטען פאַקט, דאָס ארץ־ישראל וועט זיין אימשטאַנד צו קאָנקורירען מיט אייראָפּאַ און דאַדורך געווינען דעם אויבענדערמאָנטען מאַרק.

4.

אייז־פאַבריק.

אין ארץ־ישראל איז אַ וואַרימער קלימאַט. אַכט מאָנאַטען אין יאָהר איז היים, עסענוואַרג ווערט קאַליע פון איין טאָג אויף׳ן צווייטען. די איינ־

וואוינער וואַלטען גערן אינ'ם הייסען לאַנגען זומער טרינקען אביסעל קאַלט וואַסער, אָבער זיי מוזען ליידען, ווייל זיי האָבען ניט קיין אייז. עס זיינען פאַראַן אייניגע אייז־פאַבריקען, אָבער ווייל זיי זיינען ניט גענוג פאַר דער ארץ־ישראל'דיגער בעפעלקערונג, פערקויפען זיי די אייז צו הויכע פרייזען. עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר אייניגע אייז־פאַבריקען אין ירושלים, יפו, תל־אביב, חיפה, צפת און טבריה.

5.

אייזען, מעש און קופער גיסעריי.

אויף אַ זיכערען באַזיס איז מעגליך צו גרינדען אַ גרויסע גיסעריי פון אייזען, מעש און קופער. עס עקזיסטירען אין ירושלים אליין צעהנדליגע מאַשינעניסטען פאַבריקלאַך און פיעל געווערב־שטעלען וואָס נויטיגען זיך אין אַ גוס־פאַבריק. דאָס זעלבע איז אין יפו, תל־אביב, חיפה, צפת, און טבריה. די אליאַנס האָט אַ קליינע גיסעריי; אין יפו זיינען פאַראַן דריי גוס־פאַבריקען, וועלכע מאַכען גוטע געשעפטען. נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט דאָס שנעלע ענטוויקלונג פון דער ארץ־ישראל'דיגער אינדוסטריע, איז קיין קלעהר ניט, אַז אַ גוט אַראַנזשירטע גוס־פאַבריק האָט אַ פעסטען באָדען אונטער זיך און האָט אַ גלענצענדע צוקונפט.

6.

אייזען־מעבעל.

אַ בעדייטענדער פּלאַץ פערנעהמט אין ארץ־ישראל אייזען־מעבעל, ווייל עס איז ריינער, שטאַרקער און דויערהאַפטער פון האָלץ־מעבעל. אייזען־מעבעל ווערט געבראַכט פון אייראָפּאַ. געוועהנליך קאָסט דאָס טהייער. אין ארץ־ישראל ווערט אויך אין קליינע מאָסען פאַבריצירט אייזען־מעבעל, אָבער עס ווערט געאַרבייט פּרימיטיוו, און עס האָט ניט דאָס שעהנקייט פון דעם אייראָפּעאישען מעבעל. עס איז דאָ אַ גרויס און זיכער פּלאַץ פאַר אַ גוטע אייזען־מעבעל פאַבריק, וואָס זאָל שטעהן אין קוואַליטעט ניט נידעריגער פון דעם אמעריקאַנעם אָדער אייראָפּעאישען אייזען־מעבעל.

7.

איינבינדעריי.

אַ גוט־אָרגאַניזירטע אַמעריקאַנער איינבינדעריי פעהלט אין ארץ־ישראל. עס זיינען פאַראַן איניגע איינבינדערייען וואָס ארבייטען ניט שלעכט, אָבער די אַרבייט איז ווייט נידעריגער פון דער שעהנער אייראָפּעאישער אַרבייט און דאָרום ווילען ניט פיעלע פערפאַסער דרוקען זייערע ביכער אין ארץ־ישראל, ווייל דאָס איינבינדען וועט אויסזעהן ניט עלעגאַנט, וואָס דאָס מיינט שווער צו פערקויפען אויפ׳ן אייראָפּעאישען און אַמעריקאַנער מאַרק. אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן איבער דרייסיג דרוקען, וואָס גיבען אַרויס, געוועהנליך, אַ סך דרוק־אַרבייט. אַ גוטע מאָדערנע איינבינדעריי וועט האָבען אימער אַרבייט.

8.

באַמבוק־מעבעל.

עלעגאַנט, גרינג, שעהן, מיט אַ נאַטירליכען פאַרב, איז דאָס באַמבוק־מעבעל. באַמבוק האָלץ וואַקסט ביים שוואַרצען ים. דער הויפּט־מאַרק פון דעם איז אין באַטום. מר. מאַכלים האָט געמאַכט אַן אָנפאַנג פון דער אינ־דוסטריע איז ארץ־ישראל. ער האָט געגרינדעט אַ באַמבוק מעבעל פאַבריק, וואָס האָט אַ פיינעם אָנגאַנג אין לאַנד.

באַמבוק־מעבעל איז ביליגער פון האָלץ־מעבעל און פון היגיעניש־ען שטאַנדפּונקט געזינטער, ווייל עס איז ניט נויטיג עס צו פאַרבען.

מענשען וואָס זיינען בעקאַנט אין באַמבוק מעבעל, קענען גרינדען אַ בעדייטענד גרויסע אינדוסטריע אין ארץ־ישראל.

9.

ביכער־פערלאַג.

אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן מעהרערע גינסטיגע אומשטענדען, וועלכע מאַכען מעגליך דאָס גרינדונג פון אַ ביכער־פערלאַג. עס זיצען אין לאַנד פערהעלטניסמעסיג פיעל געלערענטע לייט, וואָס שרייבען אָריגינעלע ביכער. דאָס אַרבייטס־לוין פאַר שריפטזעצער איז פיעל נידעריגער ווי אין אַמעריקא אָדער אייראָפּאַ. יעדער איד וואָלט גערן געקויפט ביכער וואָס שטעהען פון

זייער אַרבייטס־טעכנישע זייט ניט נידעריגער פון אייראָפּעאישע עלעגאַנטע אַרבייט און קאָסטען ניט טהייערער פאַר זייער יחוס.

עס איז דאָ אין ארץ־ישראל אַ ברייט פּלאַץ פאַר אַ גרויסען מאָדערנעם ביכער־פערלאַג.

.10

ביסקוויטען.

וואו האָט איהר נאָך אזא האַרטע, פעטע, געשמאַקע ווייץ, איבערהויפּט די גיראַנער (גולן) און חורנ׳ער ווייץ, וואָס זאָל זיין אַזוי זעלטען פּאַסיג, כמעט ווי געוואונשען פאַר דער ביסקוויט אינדוסטריע ווי די ארץ־ישראל ווייץ?

די ביסקוויטען אינדוסטריע איז איינע פון די ברייטעסטע און רייכסטע אין יעדעם לאַנד. אין גאַנץ קליין־אזיען איז ניטאָ קיין ביסקוויטען־פאַבריק. דער אימפּאָרט פון ביסקוויטען אין ארץ־ישראל און אין די אַרומיגע לענדער דערגרייכט נאָהענט צו אַ מיליאָן פונט שטערלינג.

אין דער צייט וואָס די רויהע מאַטעריאַלען — ווייץ, איז דאָ גענוג אויפ׳ן פּלאַץ און די אַרבייטס־לוין איז ניט הויך אין ארץ־ישראל און אַ גרויסער ברייטער מאַרק איז שוין פאַראַן, צייגט זיך דייטליך אַרויס, אַז אַ ביסקוויטען פאַבריק קען מאַכען אַן ערפאָלג.

.11

ביער.

ארץ־ישראל אימפּאָרטירט גרויסע קוואַנטומס ביער. אין יאָהר 1921 איז געווען דער אימפּאָרט פון ענגלאַנד און פון דייטשלאַנד 474,892 ליטער, און פון דאַן אַן שטייגט דער אימפּאָרט פון יאָהר צו יאָהר, מיט דער פערגרעסערונג פון דער אייראָפּעאישער בעפעלקערונג. דער רויהער מאַטעריאַל — גערשטען, איז פאַראַן פיעל אין ארץ־ישראל, וועלכעס ווערט עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד. עס איז גאַנץ לייכט צו גרינדען אַ גרויסע ביער־ברויעריי, וואָס זאָל פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דעם אימפּאָרטירטען ביער און וואָס זאָל קענען אויך עקספּאָרטירען קיין עגיפּטען, סוריא און קיין עבר־הירדן.

דער אָנפאַנג איז שוין געמאַכט געוואָרען אין יפו אין פאָריגען יאָהר, דורך די הערדען אפּשטיין און מיללער.

12.

בלעכענע געשיער.

אין קליין אזיען איז ניטאָ קיין פאבריק פאר בלעכענע געשיר. עס איז ראטהזאם צו גרינדען אזא פאבריק. געוועהנליך איז נויטיג צו ברענגען דעם בלעך און די פארבען פון אייראפא, אבער די נידעריגע ארבייטס־לוין אין ארץ־ישראל קען אזוי פיעל ווירקען אויף דער אינדוסטריע, אמוועניגסטענס דאָס דער מארק אין די נאכבארישע לענדער זאלען פערנעהמען די ארץ־ישראלדיגע פראָדוקטען.

13.

בלעכענע פושקעס.

אין די לעצטע פאר יאָהר האבען זיך געגרינדעט אינדוסטריעס, און אייניגע האבען זיך גוט־ענטוויקעלט, וועלכע נויטיגען זיך אין בלעכענע פושקעס, ווי צ. ב. ש.: רעבע, שמעק־טאבאק, ביסקוויטען, סיגארעטען, שיך־פוץ און דאָס גלייכען. די אויבענדערמאַנטע פאבריקען ליידען פון דעם אבוועזענהייט פון א פאבריק פאר בלעכענע פושקעס, וועהרענד זיי בעציהען פאר־טיגע פושקעס פון אייראפא, שטייגען די פרייזען פון זייערע וואארע.

א פאבריק פון בלעכענע פושקעס האט שוין א פארטיגען מארק און האט א ברייט פעלד אין נאהענטען צוקונפט אויף צו ארבייטען. קיין גרויס קאַ־פיטאל איז ניט נויטיג צו גרינדען אזא פאבריק.

14.

בלעכענע קנעפ.

בלעכענע קנעפ פאבריקען זיינען אין דער רייהע פון די פערנעהמסטע אינדוסטריען אין אייראפא און אמעריקא. אין גאנצען אָריענט איז ניטאָ קיין פאבריק פאר בלעכענע קנעפ. עס וואָלט געווען גאנץ נאטירליך פון דעם געשעפטס־שטאנדפונקט צו גרינדען אזא פאבריק אין צענטער פון דעם אָריענט — אין ארץ־ישראל, אום די וואארע זאל געשיקט ווערען, פון איין זייט קיין עגיפטען און אלגיר, מאראָקא און טוניס, און פון דער צווייטער זייט — קיין סוריא, טערקיי און אראביסטאן.

עס איז איבעריג צו זאָגען, דאָס די קוואַליטעט דאַרף זיין ניט נידעריגער פון די איירצפעאישע וואַארע און די פרייזען מוזען זיין עטוואָס ביליגער, כדי צו געווינען דעם איירצפעאישען לאַנג־איינגעפונדעוועטען מאַרק.

15.

באַרשטען.

אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן אייניגע באַרשטען פאַבריקען, אָבער דאָס האַלט ניט אָפּ דעם אימפּאָרט פון אויסלענדישע באַרשטען.

איירצפא קאָנקורירט מיט די היגע פאַבריקען דורך דעם וואָס איהר אַרבייט איז עטוואָס שעהנער, עלעגאַנטער און כמעט ביליגער ווי די היגע.

עס דאַרף געגרינדעט ווערען אין ארץ־ישראל אַ גרויסע באַרשטען־פאַבריק, וואָס זאָל אַרבייטען מיט די מאָדערנסטע מאַשינען, באופן, אַז דער קוואַליטעט זאָל זיין ניט נידעריגער פון דער איירצפעאישער און די וואַארע זאָל געקויפט ווערען אין גרויסע קוואַנטומס, פון דעם ערשטען קוואַל, כדי עס זאָל זיך לוינען צו פאַרקויפען די פּראָדוקציאָן גלייך מיט דער איירצפעאישער סחורה.

16.

ברויט.

לאַנגזאַם, אָבער מיט זיכערע טריט, געהט איבער די ארץ־ישראל׳דיגע בעפעלקערונג פון איהר אַלט־מאָדישען פּרימיטיווען לעבען, צו אַ מעהר ציוויליזירטען מאָדערנעם פאָרט לעבען. דאָס איז צו זעהען אין יעדען טהייל פונ׳ם סאָציאַלען און עקאָנאָמישען און געזעלשאַפטליכען לעבען, זאָגאַר אין הויז־ווירטשאַפט: ניט מעהר וויל זיך אַ פרוי באַדערען מיט פאַרקנעטען און אַליין באַקען איהרע עטליכע לעבלאַך ברויט, ווען זי געפינט דאָס בעסער, שעהנער און אימער פרישער אין „איהר" קליים יעדען פריה־מאָרגען. ליידער זיינען די ארץ־ישראל׳דיגע בעקערס ווייט ניט גלייך צו די איירצפעאישע אָדער אַמעריקאַנער בעקערייען.

אַ מאָדערנע בעקעריי וואָס זאָל זיך אויסצייכענען מיט ריינקייט, פּינקטליכקייט, גוט באַקען בעט׳עמ׳טע ברויט און קייקס און זאָל פערשטעהן צו מאַכען פּראָפיט ביים גרויסען קוואַנטום, וואָלט בעגעגענט געוואָרען מיט צופרידענהייט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג.

.17

גאַרבעריי.

אַ אינדוסטריע, וואָס ארץ־ישראל וואַרט אויף איהר שוין לאַנג און וואָס האָט אַלע שאַנסען צו ערפאָלג, איז אַ גאַרבעריי. אין ארץ־ישראל איז פאַראַן צעהנדליגע פּרימיטיווע גאַרבערייען און צוויי־דריי מעהר אָדער וועניג „אייראָ־פּעאישע", אָבער זיי האַלטען ניט אָפּ די ארץ־ישראל׳דיגע בעפעלקערונג פון צו נוצען אייראָפּעאישע לעדער. וואָס עס פעהלט אין ארץ־ישראל איז אַ גוט־אָרגאַניזירטע מאָדערנע אייראָפּעאישע גאַרבעריי, נאָר אַזעלכע איז זיכער מיט אַ גרויסען בריימען מאַרק סיי פאַר ארץ־ישראל און סיי פאַר די נאָכ־באַרישע לענדער.

די גרויסע ווערטה פון אַ מאָדערנער גאַרבעריי קען מען זעהן פון די ציפערען: אין יאָהר 1921 איז געווען דער עקספּאָרט פון פעל פון ארץ־ישראל פאַר 13,636 פונט, און דער אימפּאָרט פון לעדער — 134,549 — מעהר פון צעהן מאָל אַזוי פיעל. דאָס הייסט, ארץ־ישראל וואָלט געווען רייכער מיט הונדערט און צוואַנציג טויזענד פונט אין יאָהר 1921, און פון יאָהר צו יאָהר ווערען די ציפערען גרעסער און גרעסער. הייגט בערעכענט די אַרבייט וואָס ארץ־ישראל־גאַרבעריי וואָלט געקענט טאָן פאַר די נאָכבאַרישע לענדער וואָס עקספּאָרטירען פעל פאַר הונדערטער טויזענטער פונטען און אימפּאָר־טירען לעדער פון אייראָפּאַ.

.18

גלאָז־פאַבריק.

די גלאָז־אינדוסטריע איז אַן אַלטע ארץ־ישראל׳דיגע אינדוסטריע. אין דער תלמוד׳ישער ליטעראַטור ווערט פיעל גערעדט וועגען „זכוכית לבנה". ביי די אַראַבער איז נאָך געבליבען ביז היינטיגען טאָג די גלאָז פאַבריקלאַך אין חברון און אין הונדערטער שטעדט, אָבער אויף אַ פּרימיטיווען אופן. זיי אַרבייטען אויס גראָבע בלויע גלעזער. אין טאַנטורה האָט דער באַראָן ראָטשילד געמאַכט אַ פּראָבע צו גרינדען אַ גלאָז־פאַבריק, נאָר איבער אַדמי־ניסטראַטיווע פעהלערען האָט זי ניט געקענט אָנהאַלטען איהר עקזיסטענץ.

דער אימפּאָרט פון גלאָז איז געווען אין ארץ־ישראל אין יאָהר 1921 פאַר 46,798 פונט. און קיין אַראַביען וואָס אימפּאָרטירט אַלע אייראָפּעאישע

פּראָדוקטען דורך די ארץ־ישראל׳דיגע האפענס, איז געווען דער אימפּאָרט מעהר אַלס הונדערט טויזענד פונט.

אַ ארץ־ישראל גלאָז־פאַבריק קען אויך האָבען דעם מאַרק פון סוריה און עגיפּטען.

.19

געדעמפּפטע פליישׁ.

ארץ־ישראל־רעסטאָראַנען האָבען פאַרנוצט אין יאָהר 1921 פאַר 4,138 פונט, 58,519 קילאָ געדעמפּפטע פליישען פון אויסטראַליען, אַפריקא און ענגלאַנד. איז דען ניט מעגליך צו גרינדען אין ארץ־ישראל אַ פאַבריק פון געדעמפּפטע פליישׁ, וועלכע וואָלט פאַרקויפט איהר וואַרע געוועהנליך ביליגער און וואָלט אויך געקענט עקספּאָרטירען אַ געוויסען קוואַנטום קיין אויסלאַנד?

.20

געטרענקע.

אַ חוץ דעם ארץ־ישראל׳דיגען אָריגינעלען געטראַנק — וויין, וועלכע ארץ־ישראל־איינוואָהנער טרינקען גראָדע ניט זעהר פיעל, איז ניטאָ אין לאַנד קיין בעזונדערע געשמאַקע געטרענקע. פון די פערשיעדענע אַרטיגע אימפּאָר פרישע פרוכטען איז גאַנץ מעגליך צו מאַכען מעהרערע בע׳טעמ׳טע געשמאַקע געטרענקע, וועלכע זאָלען האָבען אַ ברייטען מאַרק אויך אין די נאָהענטע מחמד׳נישע לענדער, וואָס זייערע איינוואָהנער טרינקען אַבסאָלוט קיין וויין ניט, ווייל זייער רעליגיאָן ערלויבט זיי דאָס ניט.

.21

געפלאָכטענע מעבעל.

איינער פון די זעהר פערשפּרייטע אינדוסטריעס אין אַלע ציוויליזירטע לענדער איז געפלאָכטענע מעבעל. אין איינינע לענדער שיצען די רעגיערונגען דיעזע אינדוסטריע, ווייל ביי איהר בעשעפטיגען זיך אַממעהרסטען די קריפּעלס, וואָס זיינען אַהיים געקומען פון דער וועלט־מלחמה. אויך אַרבייטען ביי דיעזער גרינגער אינדוסטריע אַלגעמיינע שוואַכע אַרבייטער און קאַלאָניסטען מיט זייערע פאַמיליען אין ווינטער־צייט.

אין „בצלאל" שוהלע איז געווען בעפאָר דער מלחמה אַ בעזונדערע אָפּטהיילונג פאַר געפלאָכטענע מעבעל. דער בלינדען־אינסטיטוט אין ירושלים „בית חנוך עורים" לערענט זיינע שילער דיעזע ארבייט.

ארץ־ישראל האָט די רויהע מאַטעריאַל פון דער אינדוסטריע. נעבען מי־מרום וואַקסען אַזעלכע פלאַנצונגען, וואָס ווערען גענוצט פאַר דער ארבייט.

עס איז פאַראַן אַ זיכערער פּלאַץ פאַר אַ גרויסע מאָדערנע פאַבריק פאַר געפלאָכטענע מעבעל, וואָס וועט קאָנען זאָגאַר עקספּאָרטירען איהר וואַארע נאָך אייראָפּא און אַמעריקא.

22.

דאַרע קישקעס.

א „רויהע אינדוסטריע", וואָס קיינער האָט נאָך ניט בעריהרט און וואָס וואַרט אויף מענשען מיט ענערגיע און פערשטאַנד, איז די דאַרע קישקעס אינדוסטריע. מיר מיינען דאָ ניט די אָנגעפּילטע קישקעס מיט פלייש, וועגען דעם רעדען מיר ווייטער אונטער׳ן נאָמען „וואורש". דאָ מיינען מיר פּשוט די קישקעס פון בהמות און ציגען אויסגעטריקענטע. צו דער ארבייט איז ניט נויטיג קיין גרויסער קאַפּיטאַל. ארץ־ישראל פערנוצט ניט קיין צעהן פּראָצענט קישקעס פון די גע׳שחט׳ענע פיה פאַר איהר וואורשט אינדוסטריע. די איבעריגע ווערען פּשוט אַרויסגעוואָרפען אין גאַס אָהן שום נוצען. אין האָלאַנד, וואו עס עקזיסטירען גרויסע וואורשט־פאַבריקען, איז אַ גרויסער מאַרק אויף די דאַרע קישקעס. פיעל מאָל זיינען געקומען אָנפראַגען צו ארץ־ישראל׳דיגע סוחרים וועגען דעם געגענשטאַנד.

צוזאַמען מיט דער אינדוסטריע ווערען געאַרבייט געטריקענטע אָדערען פאַר פידלען, און דאָס איז נאָך אויך אַ ליידיגער פעלד, וואָס קיינער האָט נאָך ניט געדענקט דעריבער.

23.

דימענטען און שטיין־שלייפעריי.

שלייפעריי פון דימענטען און עדעל־שטיינער איז אַן אַלטע אידישע אינדוסטריע, וועלכע פאָדערט אַ איידעלען קונסט־געפיהל און דאָס קאָנצענט־רירען זיך אין דעם געגענשטאַנד. ברוך שפּינאָזא האָט אין זיינע ערשטע יאָהרען געאַרבייט אין אַמסטערדאַם ביי גלאָז און שטיין שלייפעריי.

דיעזע אינדוסטריע איז ניט צוגעבונדען צום פּלאַץ. אַזוי גוט ווי האָלאַנד ברייננט דימענטען פון אַפריקא, קען אויך ארץ־ישראל ברייננען. אין דער לעצטער צייט האָט קאַווקאַז אויך אָנגעהויבען אַרבייטען דימענטען־שלייפעריי.

נאָך מעהר: ביי דיעזער אינדוסטריע שפּיעלט די הויפּט־ראָליע די אַרבייט, און אין ארץ־ישראל איז צו קריעגען ביליגער אַרבייט ווי אין וואָס פאַר אַ טהייל פון אייראָפּא אָדער אַמעריקא, און דערצו אויך אינטעליגענטע יונגע לייט, פּאַסיגע פאַר אַזאַ סאָרט קונסט־אַרבייט.

.24
דרוקעריי.

ארץ־ישראל׳דיגע דרוקערייען שטעהען נאָך אויף זייער ערשטער מדרגה פון ענטוויקלונג, מיט דער אויסנאַהמע פון „הסולל“ דרוקעריי. שריפט ווערט געבראַכט פון אייראָפּא און זעצערס פערברענגען טעג און וואָכען ביז זיי גיבען אַרויס אַ גרויסע שטיק אַרבייט.

אַ גרויסע דרוקעריי מיט לינאָטייפּ, כעמיגראַפיע, איינבינדעריי א. ד. גל. האָט אַ ברייט פעלד צו אַרבייטען אין ארץ־ישראל. נישט נאָר וועלען ארץ־ישראל׳דיגע פערפאַסערס ניט שיקען זייערע ביכער קיין אייראָפּא אום כדי צו האָבען שעהנע עלעגאַנטע אַרבייט, נאָר פון אויסלאַנד וועלען אידען, און פילייכט קריסטען, דרוקען זייערע ווערק אין הייליגען לאַנד, ווען די אַרבייט וועט זיין אויף דעם זעלבען שטאַפּעל פון גוטסקייט און שעהנקייט ווי אייראָפּעאישע.

.25
האָלץ־קוילען.

אין דער צוקונפט, מיר האָפען אַז אין דער נאָהענטער צוקונפט, וועט ארץ־ישראל בעלויכטען ווערען דורך עלעקטריק, און אין יעדער הויז וועט זיין „גאַז“ און „סמים היט“. אָבער פאָרלויפיג מוז ארץ־ישראל געהן אין איהרע אַלטע פאָרמען פון לעבען, און בעגנוגענען זיך פאַר הייצען מיט האָלץ־קוילען. דיעזע אינדוסטריע ווערט אָנגעפיהרט פון די אַראַבער, וועלכע פּראָדוצירען האָלץ־קוילען אין די „הפקר־פּלעצער“ פון בוימער, און צוממעהר־סטען פון די וואָרצען פון די אוילבירטען, באַקסער און עהנליכע האַרטע

בוימער. עס נעהמט דעם אראבער פיעל צייט און מיה, ביז ער ווערט פארטיג מיט איין הויפען קוילען, און דאן איז איהם שווער דאָס טראַנספּאָרטירען די קוילען אין שטאָדט אריין אויף קעמלען. דאָס אַלעס מאכט די קוילען טייערער 25־30 דאָלאר א טאָן.

עס איז מעגליך צו ענטוויקלען דיעזע פרימיטיווע אינדוסטריע אויף א מאָדערנעם אופן, אז די פּראָדוקציאָן זאָל זיין גרעסער און די פרייזען נידעריגער.

26.

האַנד־וועגעלאַך.

ארץ־ישראל אימפּאָרטירט הונדערטער האַנד־וועגעלאַך פאר קליינע קינ־דער. קיין ספּעציעלע קענטעניש איז ניט נויטיג צו דער קליינער אינדוסטריע. אין לאַנד איז דאָ גענוג מעבעל, שטרוי, אויך פעהלען ניט אייזען־פאַבריקען צוצושטעלען די אייזערנע טהיילען פון די וועגעלאַך. געוועהנליך אייראָפּע־אישע פראָדוקטען קאָסטען פיער־פינף מאָל אזוי פיעל ווי עס וואָלט בעדאַרפט קאָסטען די זעלבע ווען זי זאָל פּראָדוצירט ווערען אין לאַנד.

דער מארק איז דאָ. וועלען קומען מענשען אָנפאַנגען דיעזע ניט שווערע אָבער גאַנגבאַרע אינדוסטריע?

27.

האָר־פאַבריק.

ארץ־ישראל אימפּאָרטירט האָר פאַר איהרע בארשטען פאַבריקען פון אייראָפּאַ, אָבער דאָס איז ניט דער נאַטירליכער מצב פון לאַנד. ארץ־ישראל קען זיין א גרויסער עקספּאָרט־פּונקט פון האָר. אין עבר הירדן איז פאַראַן צעהנדליגער טויזענדער פערד, די בעוואוסטע אראבישע פערד. די האָר פון זיי ווערט עקספּאָרטירט אין א רויהען מצב קיין אויסלאַנד, און נאָכהער ווערען די זעלבע האָר צוריקגעבראַכט שוין אויסגערייניגטע, אויסגעוואשענע און אויסגעסאָרטירטע.

איירָאפּא? נאָר אַ ביסעל אונטערנעהמונגס־גייסט, ענערגיע און די מענש־ליכע האָר־פאַבריק וועט איינגעפיהרט ווערען.

28.

העט-פאַבריק.

די העט־אינדוסטריע איז שייך צו דער קאַטעגאָריע פון אינדוסטריעס וואָס נייגציג פּראָצענט פון זייער פּרייז געהט אוועק פאַר דער אַרבייט, אַבוואָהל דער רויהער מאַטעריאַל ד. ה. די פאַרטיגע שטאָף צו מאַכען היט איז נאָך ניטאָ אין ארץ־ישראל. דאָס מוז מען נאָך פאַרלויפיג ברייגגען פון איירָאפּא. אָבער מיט אַ קליינער סומע געלד איז מעגליך צו אָרגאַנזירען אַ גוטע פאַבריק וואָס זאָל פּראָדוצירען אַלע סטיילס פון מענער און פרויען היט. געוועהנליך מוז מען די פרויען־היט נאָך „פערטיגען“ מיט ספּעציעלע בעפּוּצונגען, נאָר די פאַבריק וועט קענען פאַרטיג מאַכען די היט ביז׳ן באַפּוצען מאָדערנע. אַ חוץ וואָס די אינדוסטריע וועט קאָנען בעשעפּטיגען הונדערטע מענשען, וועט די ארץ־ישראל בעפעלקערונג קריגען אַ הוט פאַר פיעל ביליגער ווי היינט.

29.

הייוועז.

אין ארץ־ישראל נוצען די בעקערייען די אַלט־מאָדישע שיטערע הייוועז, וועלכע ווערט פּראָדוצירט פון פייגען. איינמאָל איז די הייוועז ווענינ זויער, אַ צווייטען מאָל — צופיעל זויער. דאָס ווירקט געוועהנליך זעהר שלעכט אויפ׳ן ברויט, וואָס ווערט דורך דעם פערדאָרבען.

מיט אַ קליינער קאַפּיטאַל קען מען גרינדען אין ארץ־ישראל אַ הייוועז־פאַבריק, וואָס די בעפעלקערונג ווי אויך די געזונדהייטס־פערוואַלטונג פון דער רעגיערונג, וואָלט בעגעגענט מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט.

30.

הילצערנע הויז־געשיר.

אין אַלע אַראַבישע שטעדט און דערפער אין ארץ־ישראל, ווערען נאָך גענוצט הילצערנע הויז־געשיר: לעפעל, גאָפּלען, שיסלען א. אז. וו. זיי ווערען זעהר פּרימיטיוו פּראָדוצירט פון אַראַבער, איבערהויפּט אין דמשק.

עס איז ניט שווער צו גרינדען אַ פאַבריק פון די הילצערנע כלים וואָס זאָלען אַריבערשטייגען די פּראָסטע אַראַבישע אַרבייט און וואָס זאָלען דעריבער זיכער געווינען דעם מאַרק.

ביי דיעזער אינדוסטריע איז לייכט צו אַרבייטען אויך די אָריגינעלע אַראַבישע הילצערנע „שיך", וואָס מען רופט זיי אין ארץ־ישראל „גאַלעטשעס". דיעזע „גאַלעטשעס" ווערען געטראָגען אויך פון אידישע פרויען ביי הויז־אַרבייט.

.31

וואורשט.

איינס פון די גאַנגבאַרע ארץ־ישראלדיגע פּראָדוקטען, איז וואורשט. מיט דער רעגעלמעסיגער פערגרעסערונג פון דער בעפעלקערונג און דאָס פערמעהרען זיך פון רעסטאָראַנען, ווערט די אינדוסטריע פערברייטערט און פערשטאַרקט. אין ארץ־ישראל פערנעהמט די אינדוסטריע איין געהעריגען פּלאַץ, אָבער ווייט ניט ווי אין אייראָפּאַ אָדער אַמעריקאַ. אַ פאַכמאַן אין דער אַרבייט, קאָן אָהן שום שוועריגקייטען גרינדען אַ וואורשט־פאַבריק אין ארץ־ישראל און עקספּאָרטירען זיינע פּראָדוקטען אין די נאָכבאַרישע לענדער.

געוועהנליך דערביי קען ער שוין ער אויך אַרבייטען, אויב ער קען נאָר, גערויכערטע און געדעמפּפטע פליישען פון דעם סאָרט וואָס אויסטראַליע פּראָדוצירט און וועלכע האָבען אַ ברייטען מאַרק אין ענגלאַנד.

.32

וועש־פאַבריק.

אַ גרויס פּלאַץ איז פאַראַן אין ארץ־ישראל פאַר אַ פאַבריק פאַר אונטער־וועש, העמדער, אונטערהויזען, „יוניאַן סוטס" א. ד. גל. דיעזע פּראָדוקטען ווערען אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד. עס פאָדערט זיך ניט דערביי קיין ספּע־ציאַליזירונג. עס איז נאָר נויטיג איינצופיהרען דעם אַמעריקאַנעם סיסטעם פון אַרבייט — אויסטהיילונג, פּינקטליכקייט און שנעלקייט. געוועהנליך איז אַבסאָלוט נויטיג צו גרינדען די אינדוסטריע מיט אַ גענוגענדען קאַפּיטאַל אום צו קויפען די שטאָף פון דער ערשטער קוועלע.

33.

זאַקען־שטריקעריי.

די ארץ־ישראל׳דיגע בעפעלקערונג נוצט זאַקען טהיילוויז פון אייגענער האנד־אַרבייט, וואָס די פרויען שטריקען אַליין אין זייערע פרייע שטונדען פון הויז־אַרבייט, און אַ טהייל פון אייראָפּעאישע אַרבייט. ניט די ערשטע קענען צופריעדען שטעלען די איינוואוינער, ווייל די אַרבייט איז פּרימיטיוו, גראָב, און די צווייטע ווייל עס קאָסט צו טייער. אַ זאַקען שטריקעריי פאַבריק אין ארץ־ישראל האָט דארום אַ גלענצענדע צוקונפט. געוועהנליך וועלען די זאַקען קאָסטען בעדייטענד ביליגער ווי די אימפּאָרטירטע, און אַלע איינ־וואוינער פון לאַנד וועלען זיין צופריעדען מיט איהרע גוטע און ביליגע פּראָדוקטען.

אַ גרויסען מארק קאָן די פאַבריק האָבען אין עגיפּטען, סוריה און טראַנס־ירדן.

34.

זיעגל־פאַבריק.

עס איז איבעריג צו בעטאָנען די וויכטיגקייט פון אַ זיעגעל־פאַבריק אין ארץ־ישראל. עס עקזיסטירען אין ירושלים און אין יפו איינִיגע קליינע זיעגעל־פאַבריקען, אָבער זיי שטעהען וויט פון די אייראָפּעאישע זיעגעל־פאַבריקען מיט דער פּינקטליכקייט, שעהנקייט און ביליגקייט.

געוועהנליך דאַרף מען אין דער זעלבער צייט גרינדען אַ גרויסע מאָדערנע ראָבער און מעש זיעגעל פאַבריק, און אַזעלכע וועט האָבען גענוג אַרבייט אין לאַנד און אויך אין די נאָהענטע אַראַבישע לענדער.

35.

זייגער־פאַבריק.

אין שווייץ און אין ענגלאַנד זיינען די וועלט־אינדוסטריעס פון זייגערס. איז דען די אינדוסטריע פערבונדען צום לאַנד?

ניט מיט שווערער אָנשטרענגונג איז מעגליך צו גרינדען אין ארץ־ישראל אַ גרויסע זייגער־פאַבריק, וואָס זאָל קאָנען ניט נאָר באַגנוגענען דעם היגען און דעם אָרום־לענדישען מאַרק, נאָר זאָל אויך קאָנען עקספּאָרטירען זייגערס

נאָך אייראָפּאַ. אַ גרויסער טהייל פון די חלוצים זיינען אינטעליגענטע יונגע לייט, וואָס וואָלטען זיך לייכט געקענט אויסלערנען די מלאכה פון צונויפשטעלען זייגערס. און נאָך אַ זאַך: אַ קליין קעשענע־זייגערל איז עהנליך צו אַ געוועהנליכען סאָווערין, אויפ׳ן דעקעל איז געגוג אויסצוקריצען אַן אָריגינעלען נאַציאָנאַלען סימבאָל, און די טויזענדער טוריסטען וואָלטען זיי געקויפט אַלס אַנדענקען פונ׳ם הייליגען לאַנד.

36.

זייף.

זעהר קליין איז דער ארץ־ישראל׳דיגער עקספּאָרט. צווישען די הויפּט־זאַכען איז זייף, אַ דאַנק די צעהנדליגער טויזענדער אַליווען־בוימער, וואָס וואַקסען אין לאַנד וועלכע שטעלען צו דעם בוימעל צו דער זייף־אינדוסטריע. די זייף־אינדוסטריע ליעגט אַם מעהרסטען אין אַראַבישע הענד, ביי די רייכע עפענדים אין שכם. אַ חוץ דעם אַליווען־בוימעל וואָס איז פאַראַן אין לאַנד, ברייגגט מען אַלעם פון אייראָפּאַ ווי סאָדאַ קוסטיק, סאָדאַ קליצינאַ און סאָדאַ.

דער עקספּאָרט פון זייף אין יאָהר 1921 איז געווען 1475 טאָן, פאַר 132,169 פונט. נייו צעהנטעל פון דעם ווערט פערקויפט אין מצרים און איין צעהנטעל אין סיריען און אין חאַדזשאַס.

עס איז מעגליך צו גרינדען אַ גרויסע אייראָפּעאישע זייף־אינדוסטריע פאַר פּראָסטע און שמעקעדיגע זייף.

37.

זעק.

ארץ־ישראל אימפּאָרטירט אַ גרויסע קוואַנטיטעט פון זעק פאַר איהר האַנדעל אין ווייץ און גערשטען פון עגיפּטען און אינדיען. די זעק זיינען ניט ווי די געוועהנליכע זעק, עס זיינען שטאַרקע מאַסיווע זעק וואָס דויערען יאָהרען.

עס איז לייכט מעגליך איינצופיהרען אַ זעק־פאַבריק אין ארץ־ישראל. דערצו איז ניט נויטיג קיין גרויסער קאַפּיטאַל און דער מאַרק איז דאָך שוין פאַראַן ניט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין גאַנץ אַראַביען.

38.

טאַפּעטען (קאַרפּעטס).

די טאַפּעטען־אינדוסטריע איז אַ ריין־אָריענטאַלישע אינדוסטריע. זי פערנעהמט אַ בעדייטענדען פּלאַץ אין מיטעל־אַזיען, אין קאַווקאַז, אין בוכאַרא, אין אינדיען. נאָר איהר געבורטס־אָרט איז פּערסיען. עס גיבען הונדערטער און טויזענדער פערשיעדענאַרטיגע טאַפּעטען, וואָס איינער איז ניט גלייך צום צווייטען. יעדעס לאַנד מיט איהרע מענשען האָבען אַוועקגעלייגט זייער שטעמפּעל אויף זייער אַרבייט, וועלכע מען קען לייכט דערקענען פון די פערשיעדענערליי סאָרטען צוזאַמענשטעלונג פון די פאַרבען, מיט דער ספּעציעלער אַרט אַרבייט און מיט׳ן געדאַנק וואָס עס שפּרעכט אויס.

אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אַלע בעדינגונגען וועלכע מאַכען מעגליך אַ ערפאָלג צו אַ גוט־אָרגאַנזשירטער טאַפּעטען־פאַבריק: 1) דער ערשטער מאַטעריאַל. וואָהל איז פאַראַן לרוב אין ארץ־ישראל און אין עבר לירדן. 2) אַרבייטער. די ארץ־ישראל׳דיגע פּריילינס און פרויען פון אָרימען פון גראַד פון די תימנ׳ער, פּערסיאַנער, בוכאַרער און פּריינקישע אידען — אָריענטאַלישע אידען זיינען געניגט צו דיעזער סאָרט אַרבייט, וועלכע פאָדערט קיין קאָנצענטרירונג און אַרבייטס־דויערונג גייסט. עס איז ניט נויטיג צו אַרבייטען אין קיין פאַבריק. פרויען קאָנען נעהמען אַהיים אַ „טיש" און אין די ליידיגע שטונדען פון זייער שטוב־אַרבייט קענען זיי אַרבייטען דיעזע אַרבייט. אויך די פרויען און קינדער פון די קאָלאָניסטען אין די ווינטער־נעכט קאָנען זיך אָפּגעבען מיט דיעזער אַרבייט. 3) דער מאַרק. אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אַ גלענצענדער מאַרק פון די טויזענדער טוריסטען וועלכע בעזוכען דאָס לאַנד.

זעלבסט פערשטענדליך, אַז ארץ־ישראל דאַרף פּראָדוצירען א י ה ר ע מאָטיוון, ניגונגען, שטרעבונגען, היסטאָרישע בילדער, אייגענאַרטיגע נאַטור־בילדער א. ד. גל. עס איז דאָ אינטערעסאַנט צו דערמאָנען די פראַנצויזישע קאָמערציעלע פעהיגקייט: פּאַריז פּראָדוצירט אין אַ טאַפּעט־פאָרם דאָס בילד פון סיר הערבערט סעמיועל און פערקויפט דאָס אין ארץ־ישראל אַלס אַ היגען פּראָדוקט און טוריסטען קויפען דיעזע שעהנע טאַפּעטען מיט דער היסטאָרישער פיגור און מיינען אַז זיי קויפען ארץ־ישראל־אַרבייט!

פּראָפעסאָר ש"ץ האָט אין „בצלאל" שוהלע געגרינדעט אַן אָפּטהיילונג פאַר טאַפּעטען. צעהנדליגער ירושלים׳ער מיידלאַך האָבען זיך אויסגעלערענט די אַרבייט גרינדליך, נאָר די וועלט־מלחמה האָט געמאַכט אַ תל פון דער אָפּטהיילונג.

פאַר דריי יאָהרען איז געגרינדעט געוואָרען אין ירושלים אַ חברה „מרבדיה“ און האָט געגרינדעט אַ טאַפּעטען־פאַבריק. די חברה געהט אַן מיט דער ארבייט, אָבער זי האָט ניט דעם נויטיגען קאַפּיטאַל זיך צו ענטוויקלען.

39.

טאַפּעטען־קליינינג.

אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אַ טאַפּעטען־פאַבריק „מרבדיה“, וואָס פּראָ־דוצירט הונדערטער טאַפּעטען יעהרליך. עס ווערען אויך פערקויפט טאַפּעטען פון פּערסיען, פון פראַנקרייך א. אז. וו. און אין גאַנצען לאַנד איז ניטאַ קיין איין פאַבריק וואָס זאָל קלינען די טויזענדער טאַפּעטען פון לאַנד. איינמאָל אין אַ צייט קלאַפּט די הויז־ווירטהין דעם טאַפּעט מיט אַ שטעקעלע, וואָס דאָס מיינט איינקלאַפּען אינעווייניג דעם שטויב.

אַ גוטע טאַפּעטען־קלינינג פעקטאָרי וואָלט זיכער געהאַט אימער ארבייט.

40.

טהעע פּעקינג.

דער טהעע־האַנדעל געהט אַן אין ארץ־ישראל פּונקט ווי פאַר צייטען איידער די גרויסע טהעע־פּעקינג קאָמפּאַניעס האָבען זיך געגרינדעט: אין אַ גרויסער באָקס ליגען עטליכע פונט טהעע און פון דעם פערקויפט דער קרעמער אויפ׳ן וואָג, אויף וועלכער ער האָט נאָר וואָס געוועגען העריננ און ציבעלעס, טהעע איינגעוויקעלט אין אַ גרויסער שטיק־פּאַפּיר. געוועהנליך קען אַזאַ פּיהרונג ניט צופריעדען שטעלען דעם געשמאַק פון אַן אייראָפּע־אישען מאַן, וואָס איז געוועהנט צו טרינקען אַ ריינע שמעקעדיגע גלאַז טהעע.

עס איז מעגליך צו גרינדען אַ טהעע פּעקינג הויז. די אינדוסטריע וואָלט געקענט גרינג פערנעהמען אַ פּלאַץ צווישען אידען און צווישען ניט־אידען, קריסטען און מוסולמענער אויך אין עבר לירדן, וועלכע קויפען אַלע זייערע קאָלאָניאַלע וואַארען אין ארץ־ישראל.

41.

ט י נ ט.

ארץ־ישראל אימפּאָרטירט טינט פון אייראָפּאַ, דערביי צאָהלט זי פאַר ארבייטס־לוין, טעקסעס און פאַר דעם טינט מיט די פלעשער וואָס ווערען

צובראַכען אויפ׳ן וועג. זעלבסט פערשטענדליך, אַז אַ טינט־פאַבריק אין ארץ־ישראל וואָלט געקענט פערקויפען איהר פּראָדוקציאָן מיט אַ היבש ביסעל ביליגער ווי די אָנגעקומענע פון אייראָפּאַ, און וואָלט דאָרום געקענט פאַר־נעהמען דעם גאַנצען אָריענטאַלישען מאַרק.

.42

טעקסטיל.

אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן אַלע נויטיגע בעדינגונגען צו גרינדען אַ גרויסע טעקסטיל־פאַבריק. 1) רויהע שטאָף. אין ארץ־ישראל און אין עבר לירדן איז פאַראַן הונדערטער טאָן וואָהל, וועלכע ווערען עקספּאָרטירט קיין אייראָפּאַ פאַר אונבעדייטענדע סומען, וואָס די אַראַבער קריגען דאָ פון די קליינע מעקלערס. זייד איז אויך פאַראַן בשפע אין סיריען און אין דער נאָרטה־זייט פון ארץ־ישראל. אויפ׳ן באַרג לבנון זיינען בעשעפטיגט צענדליגער טויזענ־דער מענער, פרויען און קינדער מיט׳ן פּראָדוצירען די זייד, וועלכע ווערט עקספּאָרטירט מעהרסטענס קיין פראַנקרייך. בוימוואָהל איז דאָך פאַראַן אין עגיפּטען צעהנדליגער טויזענדער טאָן. גאַנץ עגיפּטען איז דאָך איין גרויסע בוימוואָהל־פּלאַנטאַציע, וואָס ווערט עקספּאָרטירט קיין ענגלאַנד. 2) אַרביי־טער. ניט נאָר איז פאַראַן אין ארץ־ישראל גענוג אַרבייטער, נאָר דער אַרבייטס־לוין איז נאָך פיעל ביליגער ווי אין אייראָפּאַ, וועלכעס ווירקט גוט אויפ׳ן פּרייז פון דער פאַרטיגער וואַרע. 3) אַ מאַרק. איז אַ זאָרג פאַר אַ מאַרק? ארץ־ישראל אַליין האָט אימפּאָרטירט אין יאָהר 1921 טעקסטיל פאַר 1,264,362 פונט און פון יאָהר צו יאָהר ווערט דער אימפּאָרט גרעסער און גרעסער מיט דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג, און עס איז דאָך גאַנץ מעגליך צו עקספּאָרטירען טעקסטיל אין די נאָכבאַרישע לענדער: סיריען, אַראַביען און עגיפּטען.

וועלען זיך געפינען גרויסע ביזנעס־לייט טעקסטיל־פאַבריקאַנטען, וואָס וועלען פערשטעהן די גלענצענדע צוקונפט פון דער ערשטער טעקסטיל־פאַבריק אין אָריענט?

.43

טליתים.

טליתים און טליתים קטנים, אַ ריין רעליגיעזער אַרטיקעל, וואו וואָלט דאָס בעדאַרפט פּראָדוצירט ווערען? — געוויס אין ארץ־ישראל, און אַלע

אידען פון דער גאַנצער וועלט וואָלטען געקויפט נאָר די טליתים סײַ פון דעם רעליגיעזען שטאַנדפּונקט, ווײַל זיי ווערען געאַרבייט לשמה, און סײַ פון נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט — שטיצען די ארץ־ישראל׳דיגע אינדוסטריע, און פון דעסטוועגען זיינען פאַראַן בערשאַדער טליתים, קאָלאָמייער טליתים און ניו יאָרקער טליתים, נאָר ירושלים׳ער טליתים זיינען ניטאָ. פאַרוואָס? פשוט ווייל קיינער האָט ניט געגרינדעט קיין גוטע גרויסע טליתים־פאַבריק אין ירושלים, וואָס זאָל שטעהן אויפ׳ן זעלבען ערך ווי די אויבענדערמאַהנטע פאַבריקען. עס זיינען פאַראַן צוויי טליתים־פאַבריקען אין ירושלים, וואָס קאָנען בשום אופן ניט צופריעדען שטעלען די קונים.

זאָל געגרינדעט ווערען אַ גרויסע גוט־אָרגאַניזירטע טליתים־פאַבריק און קיין קונים וועלען ניט פעהלען. ווי מיר האָבען שוין דערמאָהנט, איז אין ארץ־ישראל פאַראַן פיעל וואָהל און ביליגע ארבייטס־לוין.

.44

לאָמפּען־קנויטען.

אַ קליינע אינדוסטריע, אָבער דאָך אַ געזונטע שטאַרקע אינדוסטריע, איז אַ פאַבריק פון לאָמפּען־קנויטען. ווי בעוואוסט, נוצט גאַנץ ארץ־ישראל, און אויך די אַרומיגע אַראַבישע בעפעלקערונג, גאַז־לאָמפּען צו לייכטען ביינאַכט. די קנויטען ווערען געבראַכט פון אייראָפּאַ. ארץ־ישראל פּראָדוקציאָן וואָלט געוועהנליך קאָסטען ביליגער און ממילא געהאַט דעם גאַנצען היגען מאַרק.

.45

לאַנדריעס.

אַן אינדוסטריע וואָס עקזיסטירט נאָך ניט אין ארץ־ישראל, וואָס האָט אַ גרויסען און ברייטען פּלאַץ אין לאַנד און וואָס די גאַנצע בעפעלקערונג וועט בעגעגענען מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט, איז לאַנדריעס.

עס איז פשוט אַ רחמנות צוצוקוקען ווי די ארץ־ישראל׳דיגע פרויען אַרבייטען שווער און ביטער גאַנצע טעג מיט׳ן וואַשען זייער וועש און נאָכהער דאָס טריקענען — אַ גראָבע און מאוס׳ע ארבייט וואָס קען אין גאַנצען בעזייטיגט ווערען פאַר גאָר אַ קליינעם אָפּצאָהל און די וועש וועט זיין פיעל ריינער ווי ביי די הענד־אַרבייט.

אין ירושלים אַליין איז דאַ אַ פּלאַץ פאַר צעהן לאַנדריעס, און אין גאַנץ ארץ־ישראל — פאַר דרייסיג־פערציג.

.46

ליכט.

פאַרלויפיג בעגנוגענט זיך ארץ־ישראל מיט גאַז און מיט ליכט צו בעלייכטען די הייזער ביי־נאַכט.

דער הויפט־מאַטעריאַל — חלב, איז פאַראַן איבער גענוג אין ארץ־ישראל, וואָס ווערט פערקויפט פאַר שפּאָט־ביליג. אַ ליכט־פאַבריק האָט שוין אַ פאַרטיגען מאַרק. ארץ־ישראל האָט אימפּאָרטירט אין יאָהר 1921 ליכט פאַר 7600 פונט און דער אימפּאָרט ווערט גרעסער פון יאָהר צו יאָהר. און עס איז דאָך מעגליך צו עקספּאָרטירען די פּראָדוקציאָן קיין עבר לירדן, סיריען און עגיפּטען.

.47

לעדער און קאַרטאָן טשעמאָדאַנעס.

אין אַזאַ טוריסטען־לאַנד ווי ארץ־ישראל איז פּאַסיג צו גרינדען אַ לעדער און קאַרטאָן טשעמאָדאַנעס פאַבריק. עס עקזיסטירען אייניגע קליינע פאַבריקלאַך פאַר טשעמאָדאַנעס, אָבער זיי פּראָדוצירען אַלעס אייגענהענטיג און אויף אַ קליינעם אַרט. דאָס בריינגט דערצו, דאָס די וואַארע איז ווייט ניט גלייך אין קוואַליטעט צו די אייראָפּעאישע און עס קאָסט נאָך טייערער. עס דאַרף געגרינדעט ווערען אַ גרויסע פאַבריק מיט מאַשינעריע באופן אַז די וואַארע זאָל אַבסאָלוט ניט זיין ערגער פון בערלינער אָדער לאָנדאָנער, און די פּרייזען זאָלען ניט זיין הויכע. אַט אַזאַ פאַבריק האָט אַ צוקונפט אין ארץ־ישראל.

ביי דער אַרבייט איז לייכט צו מאַכען אַן אָפּטהיילונג פאַר פרויען טאַשען און קינדער־טאַשען פאַר זייערע ביכער אין סקוהלס.

.48

לעדער־אַרבייט פאַר פערד געברויך.

אין ארץ־ישראל און אין אַראַביען, וואו דער גאַנצער טראַנספּאָרט פּערקעהר איז נאָך אַלס דורך פערד, אייזלען, מויל־אייזלען און קעמלען, איז פאַראַן

אַ גרויסער פּלאַץ פאַר אַלערליי לעדער־אַרבייט, וואָס זיינען נויטיג צו פערד און אייזלען ווי זאָטלען, לייצעס, בייטשען, סטראָפּס א. ז. וו.

די אויבענדערמאָהנטע פּראָדוקטען ווערען טהיילווייז אימפּאָרטירט פון אייראָפּא און קאָסטען געוועהנליך טייער, און עס גיבט אויך קליינע מאַנו־פעקטשורערס אין ארץ־ישראל, וועלכע פערזאָרגען די ירושלים׳ער פערד מיט לייצעס, אָבער ווי מיר האָבען שוין איינינע מאָל בעמערקט, איז נויטיג אַ גרויסע פאַבריק מיט מאַשינעריע, וועלכע זאָל מאַכען ערשט־קלאַסיגע אַרבייט און ניט טייער.

.49

מאַנדעל־פּוטער.

איינס פון די גאַנגבאַרע עס־אַרטיקלען אין ארץ־ישראל, אַפּילו צווישען אַראַבער, איז מאַנדעל־פּוטער. די „וועדזשעטייבעל פּוטער" בעזיצט איינינע מעלות, וואָס גיבען איהר פאָרצוג אויף די נאַטירליכע פּוטער: זי ווערט געאַרבייט מעהר היגיעניש, זי איז האַרטער און צוגעהט ניט גיך אין סטאָר, און איז אויך ניט מילכעדיג, מען קאָן זי אַלזאָ בענוצען ניט סטריקטלי פאַר מילכיגע עסענס.

אין ירושלים עקזיסטירט איין מאַנדעל־פּוטער פאַבריק, וועלכע פּראָדו־צירט אַרום טויזענד קילאָ פּוטער אַ מאָנאַט. עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר נאָך איינינע אַזעלכע פאַבריקען, ווייל מיר זעהען אַז עגיפּטען עקספּאָרטירט מאַנדעל־פּוטער קיין ארץ־ישראל.

דער רויהער מאַטעריאַל — מאַנדלען — איז דאָך פאַראַן בשפע אין ארץ־ישראל. עס איז פאַראַן אַ גרויסער מאַרק פאַר דער אינדוסטריע.

.50

מאָסקיטאָרען.

ארץ־ישראל, צוגלייך מיט אַלע לענדער וואָס ליגען ביים מיטעל־לענדישען ים, ליידט פון מאָסקיטאָס. איינס פון די הויפּט־מיטלען איז מאָסקיטאָרען אויף די טהירען און פענסטער. מאָסקיטאָרען ווערען אימפּאָרטירט פון אייראָפּא, אָבער עס איז לייכט צו פּראָדוצירען אין לאַנד און זיי וואָלטען געקענט האָבען דעם גאַנצען געגענד פון די לענדער וואָס ליגען אויך ביים מיטעל־לענדישען ים, ווי סיריען, מצרים און טריפּאָלי אַלס אַ גוטען מאַרק.

.51

מאקאראָנעס.

ארץ־ישראל, און די נאָהענטע אראַבישע לענדער, זיינען ברייטע מארקען פאר אַ גוט־אראָנזשירטע מאַקאראָנעס־פאַבריק. די היגע ווייצען זיינען געאייגנעט צו דיעזער אינדוסטריע. מיר בעצייכענען אַ גוט־אראַנזשירט מאַקאראָנעס־פאַבריק, ווייל אין לאַנד עקזיסטירען אייניגע מאַקאראָנעס־פאַבריקען און זיי זיינען ניט אימשטאַנד אָפצושטעלען דעם אימפּאָרט פון אייראָפּא אויף 1335 פונט אַ יאָהר. דאָס איז אַ דייטליכער בעווייז, אַז די מאַקאַראָנעס זיינען ניט אַזוי גוט ווי די אויסלענדישע און — עטוואָס טייערער. די היימישע פּראָדוקטען דאַרפען זיין עטוואָס ביליגער פון אויסלענדישע, ווייל מען פערשפּאָרט דאָך טעקסעס, און די ארבייטס־לוין איז דאָך אין ארץ־ישראל קלענער ווי אין אייראָפּא, און די קוואַליטעט דאַרף זיין ניט ערגער.

ביי דיעזער אינדוסטריע איז לייכט צו גרינדען אויך אַ ביסקוויט־פעקטאָרי וואָס זאָל פערגרינגערען די אַלגעמיינע אויסגאַבען.

.52

מאַשינערי ריפּיירינג.

לאַנגזאַם אָבער פּאָרווערטס געהענדיג ענטוויקעלט זיך ארץ־ישראל און געהט איבער פון אַן אַלטער פּרימיטיווער לאַנד צו אַ מאָדערנעם שטאַאט מיט אַלע נייעסטע איינריכטונגען, אין וועלכער מאַנישערי פערנעהמט דעם אויבען־אַן פּלאַץ. דאָס מאַכט נאַטירליך מעגליך דאָס גרינדונג פון אַ מאַשינערי ריפּיירינג פאַבריק. עס זיינען פאַראַן אין ירושלים און אויך אין יפו אייניגע אַזעלכע פאַבריקען, אָבער עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר נאָך עטליכע גוטע פאַך־לייט מיט גענוגענדען קאַפּיטאַל. ארבייט וועט זיי ניט פעהלען.

.53

מאַשין־פאַבריקען.

ווי מיר האָבען בעמערקט אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל, פאַנגט ארץ־ישראל אַן צו ווערען אַ אינדוסטריעלע לאַנד, און אַלערליי מאַשינעריע פערנעהמען לאַנגזאַם דעם פּלאַץ פון מענשליכע הענד. ליידער מוזען מיר צוגעבען, אַז

גלייכצייטיג מיט׳ן פערמעהרען זיך פון מאַשינעריע פערלירט די קליינע ארץ־ישראל יעהרליך גרויסע סומען געלד טאַקי אויף די מאַשינען. אין יאָהר 1921 האָט ארץ־ישראל אימפּאָרטירט פאַר 310,135 פונט מאַשינעריע און פון דאַן שטייגען די סומען וואָס ארץ־ישראל ספּענדעט אויף מאַשינעריע.

עס איז העכסט ביזנעס־מעסיג צו גרינדען אַ גרויסע מאַשינעריע־פאַבריק וואָס זאָל פּראָדוצירען אַלערליי מאַשינען, דרעש־מאַשינען, דרוק־מאַשינען, סאָדאַ וואַסער מאַשינען, אייז־מאַשינען, מצה־בעקעריי מאַשינען א. אז. וו.

אַ גרויסע מאַשינען־פאַבריק וואָלט געקענט פערזאָרגען מיט איהרע פּראָדוקטען גאַנץ קליין אזיען, וואָס האָט ניט קיין אייגענע מאַשינען און ברייננגט זיי פון אויסלאַנד. אין היינטיגע אומרוהיגע פּאָליטישע און עקאָנאָמיש־סאָציאַלע צייטען מיינט וואַרטען חדשים און יאָהרען אויף אַ בעשטעלטער מאַשין און ערשט — ניט דערהאַלטען!

וואָס אַנבעלאַנגט די פערבעסערונג פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד — דאָס קען יעדער איינער פערשטעהן, אַז מיט׳ן עפענען פון דעם חיפה׳ר פּאָליטעכניקום וועט קיין דאגה ניט זיין אין הויכע קלאַס ארבייטער און מיטהעלפער אַלס פאַכלייט.

.54

מעבעל.

אַ גלענצענדע צוקונפט האָט אַ גרויסע מעבעל־פאַבריק אין ארץ־ישראל. ביז דער וועלט־קריעג פלעגען אין ארץ־ישראל סטאָליאַרעס ארבייטען אויף אַ פּרימיטיווען אופן, די ארבייט איז געווען פּראָסט ווי געוועהנליך האַנד־ארבייט, און זי האָט געקאָסט טייער. נאָך דער ענגלישער אָקופּאַציע זיינען געגרינדעט געוואָרען איינציגע מעבעל־פאַבריקען מיט מאָדערנע מאַשינען, אָבער וויל זיי בעזיצען ניט דעם גענוגענדען קאַפּיטאַל צו ברייננגען אַליין האָלץ פון דעם ערשטען קוואַל, שווערען אָדער האָלאַנד, צאָהלען זיי הויכע פּרייזען צו האָלץ־סוחרים. עס דאַרף זיך גרינדען אַ מעבעל־פאַבריק מיט אַ גענוגענדען קאַפּיטאַל, וואָס זאָל אימשטאַנד זיין אַליין צו ברייננגען די האָלץ פון דער ערשטער קוועלע און דאַן וואָלט געווען זיכער דער ערפאָלג.

טראָץ די עקזיסטירענדע מעבעל־פאַבריקען האָט ארץ־ישראל אַ גרויסען אימפּאָרט פון מעבעל יעדען יאָהר, וויל עס איז ניטאָ די גרויסע גוט־אָרגאַנ־זירטע מעבעל־פאַבריק, און די וועט זיכער מאַכען אַן ערפאָלג.

.55

מצה־בעקעריי.

עס איז זעהר פערדריסליך, אז אין ארץ־ישראל, מיט איהרע וואונדער־בארע ווייצען זאל מען קויפען אויף פסח אמעריקאנער מצה און צאהלען טייערער, ווייל די ארבייט איז בעסער, שעהנער און ממילא געשמאקפולער און בע׳טעמ׳טער.

אין ארץ־ישראל זיינען פאראן אייניגע מצה־בעקערייען, אבער זיי שטע־הען, ווי געזאגט, וויט ניט גלייך צו אמעריקאנער מצה־בעקערייען. איז ניט מעגליך צו גרינדען אין ארץ־ישראל איין גרויסע גוט־ארגאנזשירטע מצה־בעקעריי מיט אלע מאדערנע איינריכטונגען? יא, עס איז מעגליך, עס דארפען נאר קומען די פאכלייט און אנפאנגען.

.56

סוועטערס.

איינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריעס וואס בעשעפטיגט מיליאנען מענשען אין אייראפא און אין אמעריקא, איז די סוועטערס־אינדוסטריע, וועלכע עס איז לייכט איינצופיהרען אין ארץ־ישראל. פאר ארץ־ישראל געברויך אליין מיט די ארומיגע נאכבארישע לענדער איז נויטיג א טויזענד־הענדיגע פאבריק. געוועהנליך וואלט בעסער געווען ווען אין ארץ־ישראל וואלט געווען א שפין און וועב פאבריק, נאר אפילו יעצט אז מען ברייננגט די געשפינטע וואל פון ענגלאנד איז אויך פאראן א ברייטער פלאץ פאר מענ־שען מיט ביזנעס פעהיגקייטען און אונטערנעהמונגס־גייסט צו ענטוויקלען גרויסע סוועטערס פאבריקען.

אין ירושלים האט זיך געגרינדעט פאר צוויי יאהרען א גוטע סוועטערס פאבריק. אבער איבער מאנגעל אין געלד קען זי זיך ניט גוט ענטוויקלען.

.57

סיגארען.

עס איז זעהר אנגענעהם צו שרייבען אייניגע צייל[ע]ן איבער דער ספע־ציעלער ארץ־ישראל׳דיגער אינדוסטריע, וועלכע האט די בעסטע שאנסען צו האבען א גלענצענדען ערפאלג אין דער נאהענטער צוקונפט. מיר מיינען

די סיגאַרען אינדוסטריע. היינטיגעס יאָהר וועט שוין זיין דער ערשטער „שנים" פון דעם היגען טאַבאַק, וואָס וועט שוין זיין מעגליך צו ארבייטען פון איהם סיגאַרען. עס איז גאַר אונמעגליך צו בעשרייבען די שוועריגקייטען וואָס די סיגאַרען פעקטאָרים האָבען געהאַט ביים ברייגגען טאַבאַק אין לאַנד. געוועהנליך האָט דאָס ניט דערלאָזט קיין געזונטע ענטוויקלונג. יעצט אָבער געהט אַריין די סיגאַרען־אינדוסטריע אין אַ נייער פעריאָדע פון פרייער און ברייטער אַרבייט.

געוועהנליך איז אַבסאָלוט נויטיג איינצופיהרען די אינדוסטריע מיט די מאָדערנסטע מאַשינעריע און ניט מיט האַנד־אַרבייט, ווי עס איז געווען דער פאַל ביז יעצט.

עס זיינען געגרינדעט געוואָרען איינינע סיגאַרען־פאַבריקען, אָבער אָהן דעם גענוגענדען קאַפיטאַל, וועלכעס מאַכט פאַר זיי אונמעגליך דעם עקזיס־טענץ.

58.

סעלצער־וואַסער, גאַזוז אייז־קרים.

איז עס נויטיג צו זאָגען, אז אין דער וואַרימער ארץ־ישראל, וואו ניין מאָנאַטען אין יאָהר איז זומער, איז נויטיג אַ גרויסע און גוט־אָרגאַנזשירטע סעלצער־וואַסער און גאַזוז פאַבריק? — דאָס פערשטעהט דאָך יעדער איינער. עס עקזיסטירען איינינע סעלצער און גאַזוז פאַבריקען, אָבער זיי קאָנען ניט צופריעדען שטעלען די בעפעלקערונג ניט מיט זייערע הויכע פרייזען און ניט מיט זייער פינקטליכקייט. עס איז דאָ אין ארץ־ישראל פּלאַץ פאַר עטליכע זאָגענאַנטע פאַבריקען.

עס איז נאָר פרעמד אין ארץ־ישראל דער אַמעריקאַנער געשמאַקער גע־טראַנק פון אייז קרים. דאָס איז אויך גאַנץ מעגליך איינצופיהרען און די היימישע בעפעלקערונג וועט דאָס זיכער בעגעגענען מיט צופריעדענהייט.

59.

סעראַטע (אויל־קלאָטה).

ארץ־ישראל אימפּאָרטירט פאַר טויזענטער פונטען אַ יאָהר סעראַטעס. די אַרבייט איז ניט שווער איינצופיהרען אין לאַנד. נאָך מעהר: אַרביי־טענדיג דאָ אין לאַנד איז מעגליך צו מאָהלען אָריגינעלע היסטאָרישע און נאַטור־בילדער, וועלכע וואָלטען צוגעגעבען אַן עסטעטישען געשמאַק און ביז

א געוויסען גראַד א נאַציאָנאַלען ווערטה, וועלכער וואָלט א סך געהאָלפען צו שאַפען קונים ניט נאָר צווישען דער היגער בעפעלקערונג, נאָר אויך צווישען די טויזענדער טוריסטען וואָס באַזוכען דאָס לאַנד, ווי אויך צווישען דער אַראַבישער בעפעלקערונג אין מצרים, אַראַביען און סיריע.

60.

ספרי תורות, תפילין און מזוזות.

קיינעם וועט ניט וואונדערען ווען מיר וועלען זאָגען, אַז הייליגע אַרבייט— ספרי תורות, תפילין און מזוזות — האָט א גרויסע צוקונפט אין דער הייליגער לאַנד. יעדער איד וואָס קויפט די הייליגע זאַכען וואָלט צופריעדען געווען דאָס קויפען פון ארץ־ישראל, אָבער די סופרים אין דעם הייליגען לאַנד דאַרפען פערלאַנגען אַזוי ביליג ווי מעגליך פאַר זייער אַרבייט, און אין דער זעלבער צייט מוז מען אַכטונג געבען, אַז סוחרים זאָלען ניט פערקויפען ספרי תורות פון איישישאָק פאַר ירושלים׳ער. אין פאַריגען יאָהר האָט דער משרד הרבנות אין ירושלים איינגעפיהרט א אָריגינעלען שטעמפעל אויף ירושלים׳ער אַרבייט, וואָס ווערט אַרויפגעלעגט נאָך דער ריכטיגער הגהה, אַז די אַרבייט איז ריין און כשר.

61.

ערדענע געשיר.

אין ארץ־ישראל ווערט גענוצט זעהר פיעל ערדענע געשיר, ווי קרוגען אויף וואַסער, טעפּ און רערען פאַר קאַנאַליזאַציע. דיעזע ווערען געבראַכט פון מצרים. די אַרבייט שטעהט איין אין אַראַבישע הענט און איז זעהר פּרימיטיוו. א טהייל פון די טעפּ קומט אָן פון מאַרסייל. די רעגיערונג אינטערעסירט זיך וועגען דיעזער אינדוסטריע און העלפט די אַראַבער אין זייער אַרבייט.

א גוטע פאַבריק פון ערדענע געשיר האָט א גרויס פּלאַץ אין ארץ־ישראל.

62.

פאַבריצירטע בלומען.

אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער פערנעהמען א בעדייטענדען פּלאַץ צווישען די מאָדערנע אינדוסטריען, די קונסט־בלומען, און ביי דעם טרייד אַרביי־

טען טויזענדער מענשען, וועלכע פערדיענען זייער ברויט בריות. איבער־הויפט געהט אָן דער טרייד ביי מילינערי ארבייט. ניט נאָר איז ארץ־ישראל ניט ערגער פון קיין אַנדער לאַנד אין דעם הינזיכט, נאָר דאָ איז פיעל גינסטיגער די אַרבייט. די ארץ־ישראל פלאָרא קאָן דיענען אַלס אַ מוסטער פאָרם צו דער קונסט־בלום און דאָס אַליין וועט שוין זיין גענוג צו מאַכען די פאַבריצירטע בלומען אַ גרויסען מארק אין לאַנד, און זאָגאר אין אייראָפּאַ אַלס מוסטערהאַפטע פון פיעל־פאַכיגע פערשיעדענאַרטיגע קאָלירען און שני־צונגען, וואָס איז שווער פיליכט צו קריגען אין אויסלאַנד, און — דאך פון דאָס היילינע לאַנד. עס זיינען נאָך פאַראַן מענשען, וואָס האָט ביי זיי אַ ווערטה און אַ הויכע שעצונג.

.63

פּאַנאָגראַפס.

ארץ־ישראל ענטוויקעלט זיך גאַנץ צופריעדענשטעלענד און גלייכצייטיג פאַנגען אָן געברויכט צו ווערען לוקסוס ארטיקלען, ווי פאַנאָגראַפס א. ד. גל. עס ווערען אימפּאָרטירט קיין ארץ־ישראל הונדערטער פאַנאָגראַפס אַ יאָהר און טויזענדער — קיין אַראַביען, סיריען און עגיפּטען. צו גרינדען אַ פאַנאָ־גראַף־פאַבריק איז אַ זאַך, וואָס האָט אַ שטאַרקע האָפנונג אויף אָן ערפאָלג. פיליכט וואָלט גענוג געווען צו עפענען אַ פיליאַל פון אַ גרויסער פאַנאָגראַף־פאַבריק אין איירפּאַ אָדער אַמעריקא, אין ארץ־ישראל, פאַר׳ן גאַנצען אָריענט.

.64

פּאַנאַמאַ היט.

זעהר ווייניג מענשען ווייסען, דאָס די טייערע ניט־שביח׳דיגע שטרוי, פון וועלכער מען פּראָדוצירט די בעוואוסטע פּאַנאַמאַ־היט, וואַקסט ווילד אין ארץ־ישראל אין געגענד חולה. די פּאַנאַמאַ־הוט קאָסט טייער, ווייל די איידעלע שטרוי איז זעהר דויערהאַפטיג און שעהן. אָט האָט איהר אָן אייגענאַרטיגע אינדוסטריע וואָס, אַז זי וועט ענטוויקעלט ווערען, קאָן זי פערנעהמען אַ גרויס פּלאַץ אויפ׳ן וועלט־מארק און בעשעפטיגען טויזענדער מענשען אין לאַנד.

65.

פאפיר.

איינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריען אין יעדער ציוויליזירטער לאנד מיט איהר גרויסקייט און נוצליכקייט, איז א פאפיר־פאבריק. אין גאנצען אריענט איז קיין פאפיר־פאבריק ניטא. אין ארץ־ישראל זיינען פאראן די פלאנצונגען, פון וועלכע מען ארבייט אוים פאפיר, לעבען מי מרום און אין נאך ערטער. צו גרינדען אין ארץ־ישראל א פאפיר־פאבריק, איז זיכער אן אינדוסטריע מיט א פארטיגען גרויסען מארק לעבען זיך, וואס מיינט א גלענצענדע צוקונפט.

66.

פאפיר־בייטלען.

עס איז דא א גרוים פלאץ אין ארץ־ישראל פאר א גוטע איינגעארדענטער בייטלען־פאבריק. די סטאר־קיפערס וואלטען גערן צאהלען דעם פרייז וואס עס דארף קאסטען אום זיי זאלען ניט דארפען ביי יעדען קאסטימער פער־וויקלען א פאפיר אום איינצוהילען די סחורה און זי פערקויפען. דא איז אויך כדאי צו דערמאהנען, דאס עס איז אבסאלוט נויטיג צו מאכען די פאפירענע בייטלען מיט גוטער מאדערנער מאשינעריע אום כדי עס זאל ניט קאסטען טייער און די ארבייט זאל זיין אבסאלוט שעהן.

67.

פארבעריי.

א גוטע פארבעריי פאבריק האט אין ארץ־ישראל א ברייט פלאץ פאר ארבייט. עס עקזיסטירען זאקען־שטריקערייע, קליינע וועבערייען, א טאפע־טען־פאבריק א. ד. גל., וועלכע נויטיגען זיך אין א גוטער פארבעריי פאבריק. עס זיינען פאראן איניגע קליינע פארבעריי־פאבריקלאך, געוועהנליך קאנען זיי ניט פערנעהמען דעם פלאץ פון אן אייראפעאישער פארבעריי.

68.

פּאַרוקען.

ארץ־ישראל פרויען זיינען נאָך, צו אונזער גליק, גאַנץ ווייט פון דעם אייראָפּעאישען פרייען אויסגעלאַסענעם לעבען, און די גרעסטע טהייל פון זיי טראָגען פּאַרוקען. אַ גוטע פּאַרוקען־מאַכעריי האָט אַ ברייטען פּלאַץ צו אַרבייטען אין לאַנד. עס איז אויך פאַראַן דריי טהעאַטערס מיט רעגעל־מעסיגע פאָרשטעלונגען, וואָס לייהען אָפט פּאַרוקען פאַר זייערע „העלדען“.

עס זיינען פאַראַן אייניגע פּאַרוק־מאַכערייען, אָבער עס איז פאַראַן אין ארץ־ישראל פּלאַץ פאַר נאָך עטליכע.

69.

פּאַרמעט.

מיט דער ענטוויקלונג פון דער הייליגער אַרבייט: ספרי תורות, תפילין און מזוזות שרייבעריי, ווערט פערשטאַרקט די פּאַרמעט אינדוסטריע. די פעלעכלאַך פון שאָף און ציגען זיינען גאַנץ ביליג אין ארץ־ישראל און די עטליכע פּאַרמעט מאַכערס וואָס זיינען פאַראַן אין ירושלים, מאַכען גוטע געשעפטען. ליידער זיינען זיי ניט אימשטאַנד אויפצוהויבען זייער אינ־דוסטריע צו איהר מעגליכען פונקט איבער מאַנגעל אין געלד. אינוועסטען געלד אין פּאַרמעט מאַכעריי צוזאַמען מיט די לייט וואָס אַרבייטען היינט פּאַרמעט, וואָלט געווען אַ ווינשענסווערטהע אונטערנעהמונג, וואָס וואָלט געבראַכט פּרוכט.

70.

פּיאַנאָס.

ארץ־ישראל איז זעהר געאייגנעט פאַר אַ פּיאַנאָ־פאַבריק. דער געברויך פון פּיאַנאָס ווערט גרעסער פון יאָהר צו יאָהר מיט דער ענטוויקלונג פון קולטור און ציוויליזאַציע אין גאַנצען נאָהענטען מזרח, און עס איז ניטאָ קיין איין פּיאַנאָ־פאַבריק. אַלעס ווערט געבראַכט פון דייטשלאַנד און ענגלאַנד. דער נוסבוים און דער דוב קאָנען דיענען אַלס אויסגעצייכענטע האָלץ־מאַטעריאַל, און דער אימער טרוקענער קלימאַט אין ארץ־ישראל איז דאָך געווים פּאַסיג פאַר אַ פּיאַנאָ־פאַבריק.

.71

פיעדלען.

די אַלע אורזאַכען וואָס מיר האָבען אָנגעצייגט וואָס אַנבעלאַנגט וועגען דער גרינדונג פון אַ פּיאַנאָ פאַבריק, זיינען גינסטיג אויך פאַר אַ פיעדעל פאַבריק. עס איז פאַראַן אין ארץ־ישראל אַ גרויסער אימפּאָרט פון פיעדלען. און אויפ'ן פּלאַץ איז פאַראַן דאָס נויטיגע האָלץ און דער טרוקענער קלימאַט איז אויך איינס פון די גינסטיגע פאַקטאָרען. און די פיעדעל־פאַבריק וועט האָבען אַ גרויסען עקספּאָרט אין גאַנץ קליין־אַזיען.

.72

פערלמוטער.

.1

דאָס פישונג פון פערלמוטער.

די שעהנסטע פערלמוטער קייכלען ווערען געכאַפּט אין גרויסע קוואַנ־טיטעטען אין אויסטראַליער וואַסערען, אין רויטען ים נעבען מצרים, אין ארץ־ישראל אין טייך מי־מרום און אין אַמעריקאַ אין טייך מיסיסיפּי.

.2

פערלמוטער אינדוסטריע.

די פערלמוטער אינדוסטריע איז ענטוויקעלט אין עסטרייך, אין דייטש־לאַנד און אין פראַנקרייך. אין ווינער אַליין אַרבייטען ביי דער אינדוסטריע נאָהענט צו צוואַנציג טויזענד מענשען. זיי פּראָדוצירען פערלמוטער קנעפּ פון פערשיעדענע מוסטערן. די וויענער עקספּאָרט־הייזער פערזאָרגען די קליינע פאַבריקאַנטען מיט'ן פערקויף פון זייער סחורה און מיט'ן צושטעלען פאַר זיי די רויהע מאַטעריאַלען.

אין דייטשלאַנד זיינען דאָ געגענדען — אין ניעדער־שלעזיען און אין סאַקסאָניען — וואָס כמעט אַלע איינוואוינער לעבען פון דער אינדוסטריע.

אין דייטשלאַנד שטעהט די פערלמוטער אינדוסטריע אויף זעהר אַ גוטען מצב, ווייל דאָ קומען איהר צו הילף די גרויסע דייטשע כעמישע לאַבאָראַטאָריעס. עס זיינען דאָ איינינע סאָרטען קנעפּ, וואָס ווערען גע־פאַרבט און זעהען אויס ווי נאַטירליכע שעהנע געפאַרבטע פערלמוטער.

דאָס דריטע פּלאַץ פערנעהמט פראַנקרייך, וועלכע אַרבייט נאָר איין סאָרט קנעפּ, אָבער דער סאָרט איז אונפערגלייכליך שעהן און ער האָט אַ גרויסען אָפּזאַנג אין נאָהענטען מזרח און אויף די גרויסע וועלט־מאַרקען.

אין די לעצטע יאָהרען פאַר דער וועלט־מלחמה האָט זיך די אינדוסטריע פון פּערלמוטער אויך געגרינדעט אין פּוילען און האָט פערנומען איין בעדייטענדען פּלאַץ אין עקספּאָרט קיין רוסיש־אַזיען.

אויך יאַפּאַן האָט זיך אין די לעצטע יאָהרען אָנגעהויבען צו אינטערעסירען אין דיעזער אינדוסטריע, און וואונדערליך איז, דאָס יאַפּאַן קאָנקורירט מיט די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער אַלט אייגעפונדעוועטע אינדוסטריעס מיט איהר גרויסען עקספּאָרט פון פּערלמוטער פּראָדוקטען, כאָטש זי אַליין קויפט דעם רויהען מאַטעריאַל אין אַמעריקאַ, זי צאָהלט צוויי מאָל עטקסעס און צוויי מאָל טראַנספּאָרט.

3.

פּערלמוטער אינדוסטריע אין ארץ־ישראל.

אַ זעלטענע געלעגענהייט האָט ארץ־ישראל מיט דעם וואָס דאָס רויהע מאַטעריאַל איז אַזוי נאָהענט. אין פּאַלעסטינאַ קען מען ענטוויקלען ניט נאָר פּערלמוטער־קנעפּ, וואָס זאָלען האָבען אַן אָפּזאַנג אויף'ן וועלט־מאַרק, נאָר אויך פּאַלעסטינער סואווענירס, קליינע בילדלאַך פון רעליגיעזע, היסטאָרישע אָדער נאַטירליכע פיגורען.

עס איז כדאי צו בעמערקען: די אינדוסטריע קען זיין אַ הויז־אינדוסטריע וואָס זאָל פיעל העלפען די פרויען. דערוואַקסענע קינדער און מענער אין זייערע ליידיגע צייטען מעהר וועניגער פערדינען, אַזוי אַרום קען די אינדוסטריע העלפען דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע אין ארץ־ישראל.

אין בית־לחם, אַ קריסטליכע שטעדטעל נעבען ירושלים, אַרבייטען די איינוואוינער אויס פּערלמוטער אַלס הייליגע סאָוועניִרס פאַר טויזענדער פונטען.

בעפאָר דער מלחמה האָט דער אַמעריקאַנער פילאַנטראָפּ נתן שטרויס געגרינדעט אין ירושלים אַ פּערלמוטער פאַבריק, אָבער צוליעב דער וועלט־קריעג איז די אַרבייט אָפּגעשטעלט געוואָרען. אין דער לעצטער צייט, האָט זי ווידער אָנגעפאַנגען אַרבייטען.

73.

צוקער.

א גרויסע אינדוסטריע מיט א זיכערע גוטע צוקונפט איז א צוקער־פאבריק צו גרינדען אין ארץ־ישראל. צוקער־ראהרען ווי אויך בוריקעס וואקסען זעהר פיעל אין ארץ־ישראל. דער אבפאל פון די בוריקעס קען נוצען פאר אלקאהאל, ווי אויך פאר פיה־צוכט. אין גאנצען אריענט איז ניטא קיין איין צוקער־פאבריק, איז נאך נויטיג צו זאגען, אז עס איז א גלענצענדער פלאן צו זיין דער אנפאנגער פון אזא גרויסע פינאנציעלע אונטערנעהמונג?

די ציוניסטישע פראבען סטאציאן מאכט פראבען פון צוקער־ראהרען פלאנטאציאן, און ה׳ פאלאק מאכט פראבען פון בוריקעס פלאנטאציעס פאר׳ן צוועק צו גרינדען א צוקער־פאבריק

74.

צוקערלאך.

ניט קיין קליינעם פלאץ קען פארנעהמען אין ארץ־ישראל א גוטע מאדערנע צוקערלאך פאבריק.

עס עקזיסטירען אין ארץ־ישראל איינציגע פרימיטיווע צוקערלאך פאבריקען, אבער אהן ערפאלג, ווייל די צוקערלאך זיינען וויט ניט גלייך צו די אייראפעאישע צוקערלאך מיט זייער געשמאק און שעהנעם אויסזעהן און די איינוואוינער פון ארץ־ישראל צאהלען דריי מאל אזוי פיעל פאר אייראפעאישע וואארע.

אין יפו איז פאר צוויי יאהר צוריק געגרינדעט געווארען א גרויסע צוקערלאך און שאקאלאד פאבריק, וועלכע האט א גוטע צוקונפט, אבער עס איז דא פלאץ פאר נאך איינציגע פאבריקען.

75.

ציצית.

וואו איז נאך דא א לאנד וואס פאסט פאר ציצית־ארבייט ווי ארץ־ישראל? עס איז היינט דא איינציגע ציצית ארבייטער, אבער זיי קענען ניט פיהרען קיין פראפאגאנדע פאר זייערע פראדוקטען, דארום ארבייטען זיי ווענינ און פראדוצירען ווענינ. די ציוניסטישע בעוועגונג, איבערהויפט

די מזרחי־בעוועגונג, וועט געווים אַ סך העלפען צו פערשפרייטען דעם היי־ליגען ארטיקעל, ווען מעהרערע ארבייטער וועלען זיך אָפּגעבען ספּעציעל מיט ציצית־ארבייט.

.76

קאַוטשוק ארבייט.

מיט׳ן פאַרמעהרען זיך פון אָטאָמאָבילען אין ארץ־ישראל, וועלכע גע־ברויכען טויזענדער קאַוטשוקענע רעדער יעהרליך, איז דאָ געוואָרען אַ גינס־טיגער פּלאַץ פאַר אַ קאָטשוק פאַבריק וואָס וועט פּראָדוצירען קאָטשוקענע רעדער און עקספּאָרטירען איהרע וואַארע איבער׳ן גאַנצען אָריענט.

ביי דער אינדוסטריע איז לייכט איינצופיהרען אויך קאַוטשוק רעדער פאַר געוועהנליכע וועגענער, קאַוטשוק פאַר טרעפּ און קאַוטשוק פאַר שיך.

.77

קאָלד סטאָריידזשעס.

אין ארץ־ישראל, וואו דער קלימאַט איז אַ הייסער, איז אַ זעלטען גוטער פּלאַץ פאַר קאָלד סטאָריידזשעס. עס איז גאָרניט אויסצושרייבען די נוצען וואָס אזאַ אַנשטאַלט קען ברענגען אין לאַנד. פיש, פלייש, פּוטער, אייער, קעז און פּרוכט, וועלכע ווערען שנעל קאַליע און פוילען, וועלען געהיט ווערען אַ היבשע צייט, אין איינינע פעלע — ביז אין ווינטער צייט, ווען די פּרוכט ווערט פאַרקויפט פאַר דאָבעל־פּרייז. אם וועניגסטענס איז נויטיג צו גרינדען דריי קאָלד־סטאָריידזשעס: אין ירושלים, אין תל־אָביב און אין חיפה.

.78

קאַרטאָן־פּושקעס.

אַ גרויסער מאַרק איז דאָ אין ארץ־ישראל פאַר אַ קאַרטאָן־פּושקעס פאַבריק. עס זיינען פאַראַן איינינע אינדוסטריעס, ווי סיגאַרען א. ז. וו., וועלכע ליידען פון דער אָבוועזענהייט פון אַ פאַבריק פאַר קאַרטאָן־פּושקעס. עס זיינען דאָ אין ארץ־ישראל איינינע קליינע פאַבריקען פאַר קאַרטאָן־פּוש־קעס, אָבער ווייל זיי אַרבייטען מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל, בעציהען זיי זייער ערשטען מאַטעריאַל פון דער צווייטער קוועלע — פון מצרים, און אַרבייטען

ניט מיט קיין גרויסע מאַשינען. עס איז נויטיג צו גרינדען אַ פאַבריק וואָס זאָל בעציהען דעם קאַרטאָן אין אַ גרויסען קוואַנטום פון אייראָפּאַ און זאָל אַרבייטען מיט גרויסע מאַשינען, דאַן וועט די פּראָדוקציאָן קאָסטען ביליג און דער מאַרק וועט זיין זיכער.

79.

קאַרקען־פאַבריק.

עס פיהלט זיך אַ נויטווענדיגקייט אין אַ גרויסע מאָדערנע קאַרקען־פאַבריק, און מיט'ן ענטוויקלונג פון פערשידענע שיטערע אינדוסטריעס, ווי וויין, בוימאייל, סאָדאַ־וואַסער און פערשידענע געטרענקע ווערט די לאַגע נאָך גינסטיגער פאַר אַ קאַרקען־פאַבריק.

אין תל־אָביב עקזיסטירט אַ קאַרקען־פאַבריק, אָבער עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר נאָך אַ גרויסע קאַרקען־פאַבריק אין ארץ־ישראל.

80.

קונסט־צייהנער.

אין גאַנצען אָריענט איז ניט פאַראַן קיין איין פאַבריק פאַר קונסט־צייהן. ארץ־ישראל וואָלט געווען פּאַסיג פאַר אַ צענטער צו דיעזער גרויסער אינ־דוסטריע וואָס זאָל עקספּאָרטירען קיין סוריא און אַנאַטאָליע פון צפון זייט און קיין עגיפּטען און אַלזשיר, מאַראָקאָ און טוניס פון דרום זייט איהרע וואַרע.

די ארץ־ישראל'דיגע קונסט־צייהן, וועלכע וועלען וואַרשיינליך קאָסטען ביליגער ווי די אייראָפּעאישע, האָבען אַ גרויסע האָפנונג צו פאַרנעהמען דעם מאַרק אין נאָהענטען מזרח און בעשעפטיגען הונדערטער אַרבייטער אין ארץ־ישראל.

81.

קליידער.

„די אידישע אינדוסטריע" — ווי מען רופט די קליידער־אינדוסטריע איז ניו יאָרק, וועלכע ליעגט כמעט אין גאַנצען אין אידישע הענד, — איז דען ניט מעגליך צו גרינדען און ענטוויקלען אין ארץ־ישראל מיט ערפאָלג?

געוויס, נאָך מעהר: אין ארץ־ישראל האָט די אינדוסטריע מעהר שאַנסען פאַר אַ גלענצענדע צוקונפט לויט ווי אין אַן אנדער לאַנד: עס איז פאַראַן אַן אונגעהייער גרויסער מאַרק פאַר דער וואַרע אין גאַנצען נאָהענטען מזרח, און ארבייטער זיינען אויך פאַראַן איבער גענוג, און פאַר וועניגער ווי האַלב געלד ווי עס קאָסט ארבייטס־לוין אין אייראָפּאַ, ווי מיר האָבען שוין אָנגעמערקט, מיינען מיר ניט צו עקספּלאָטירען די ארבייטער, נאָר ווייל די לעבענס־צושטענדע זיינען אַזעלכע אין ארץ־ישראל.

און אַז די וואַרע קאָסט פיעל ביליגער איז דאָך מעגליך זי פאַרקויפען אויך פאַר ביליגער און ממילא איז זיכער דער מאַרק דורך פרייער קאָנ־קורענץ.

האָפענטליך וועט אין קורצען געגרינדעט ווערען אַ גרויסע טעקסטיל פאַבריק אין ארץ־ישראל. דאָס וועט פיעל פערבעסערען די לאַגע פון די קליידער־פאַבריקען.

אַלס אַן אָנפאַנג איז מעגליך צו גרינדען אַ קליידער־פאַבריק נאָר פאַר דעם ארץ־ישראל געברויך, וועלכער אימפּאָרט דערגרייכט ביז צוויי הונדערט טויזענד פונט אַ יאָהר. די רעגירונג איז בערייט צו שטיצען די ארץ־ישראל אינדוסטריע דורך לעגען אַ געניגענדען שטייער אויף אימפּאָרטירטע וואַרע.

.82

קליידער רייניגען.

ווי ניט גלענצענד עס איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין ארץ־ישראל, זיינען די איינוואוינער געצוואונגען אָפט צו בייטען זייערע קליידע אויף נייע. דאָס פּאַסירט איבער צוויי אורזאַכען: ערשטענס, ווייל די היצען אין לאַנד פעראורזאַכען פיעל שוויים אויף די קליידער, און צווייטענס, ווייל די אָפטע שטויבען וועלכע פאַלען אויף די קליידער מאַכען זיי אומריין. אייניגע ווירטהינס נעהמען די פערשטויבטע און פערשוויצטע קליידער און וואַשען זיי, וועלכע פעראורזאַכט פיעל שווערע ארביט, אָבער דאָס קלייד איז ווייט ניט גלייך צו דעם פריהערדיגען קאָליר און גלאַנץ. אַנדערע מוזען קויפען נייע קליידער. דארום וואָלט דאָס ארץ־ישראל־דיגע בעפעלקערונג בעגעגענט מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט אַ מאָדערנע אַמעריקאַנער פאַבריק פאַר קליידער רייניגען, וועלכע וואָלט פאַר אַ קליינעם פּרייז אימער פערזאָרגט די איינוואָהנער זייערע קליידער צו זיין ריין און שעהן.

.83

קראָכמאַל.

די קראָכמאַל אינדוסטריעס זיינען זעהר ענטוויקעלט אין סיריען איבערהויפט אין די צוויי הויפּט־שטעדט: דמשק און חלב־ארם־צובה. די אַראַבער פּראָדוצירען דעם קראָכמאַל פון ווייץ. אין ארץ־ישראל און אין גאַנץ אַראַביען ווערט גענוצט פיעל קראָכמאַל פאַר פאַרשיעדענע שפּייזען, צו וועש און פאַר'ן בעוואוסטען אַראַבישען פריהמאָרגען־געטראַנק „סאַחלעב“. ארץ־ישראל אימפּאָרטירט קראָכמאַל פון ענגלאַנד, פון פראַנקרייך און פון אַמעריקא. מיט אַ קליינער סומע געלד איז לייכט איינצופיהרען די אינ־דוסטריע אין ארץ־ישראל פון ווייץ ווי אויך פון גערשטען און דורה וואָס קאָסטען זעהר ביליג.

.84

ראָהרען געגלייזטע.

די געגלייזטע ראָהרען אינדוסטריע האָט אַ ברייטען מאַרק און גלענצענדע צוקונפט אין ארץ־ישראל. עס הויבען זיך אָן צו קאַנאַליזירען די שטעדט און די קאָלאָניעס, און צו דיעזער אַרבייט ווערט גענומען נאָר געגלייזטע ראָהרען. די ראָהרען ווערען געאַרבייט אין עגיפּטען פון ליים און געגלייזט אינווייניג. עס קאָסט אָפּ אַ פערמעגען דאָס מאַטעריאַל, די אַרבייט, דעם שטייער ביים גרענעץ און צום סוף ווערען דאָך פיעלע צובראָכען פיהרענדיג קיין ארץ־ישראל.

די אינדוסטריע בעשטעהט פון זאַכען וואָס מען קאָן קריגען אין ארץ־ישראל און דער מאַרק דערפאַר איז גרויס.

ביי דיעזער אינדוסטריע איז שוין לייכט צו ענטוויקלען ליימענע טעפּ אַרבייט, וועלכע ווערען נאָך גענוצט אין גרויסע מאַסען פון דער היגער בעפעלקערונג.

.85

רעבע (איינגעמאַכטץ).

רעדענדיג פון דער אינדוסטריע, ריהרען מיר אָן אַ פערוועהטאָגטען פלאַץ אין אונזער האַרץ: ארץ־ישראל איז ניט אימשטאַנד פאַרנוצען אַלע

פרוכטען וואָס די אידישע קאָלאָניסטען און אראַבישע דערפער פּראָדוצירען. פיעלע פון זיי פערבלייבען אויף די בוימער און ווערען פארפוילט אָהן שום נוצען. אין דער זעלבער צייט אימפּאָרטירט ארץ־ישראל צעהנדליגער טויזענ־דער באַקסעס מיט רעבע פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען א. אַז. וו. און עס איז ניטאָ קיין פאַבריקאַנט צו ענטוויקלען דיעזע גלענצענדע אינ־דוסטריע וואָס איהר ערשטער מאַטעריאַל איז אַזוי פיעל פאראַן אין לאַנד און דער מאַרק איז שוין אויך גאַנץ גוט ענטוויקעלט.

די גרינדער פון דער אינדוסטריע זיינען זיכער מיט כל־ערליי שטיצע פון דער זייט פון די קאָלאָניסטען און פון דער זייט פון דער רעגיערונג.

לעבען דער אינדוסטריע איז גאַנץ לייכט צו ענטוויקלען אַ זייטיגע פּראָדוקציאָן: פרוכט־זאַפט און פרוכט־אויל.

.86

שאַמפּאַניער.

די גרויסע און בעוואוסטע ארץ־ישראל־דיגע וויין קעלערען אין ראשון לציון, רחובות, מקוה ישראל, פּראָדוצירען זעהר גוטען געשמאַקען וויין. דאָך נויטיגט זיך די בעפעלקערונג אין שאַמפּאַניער. אין יאָהר 1921 איז געווען דער אימפּאָרט פון שאַמפּאַניער פאַר 4500 פונט, און אין יאָהר 1922 האָט די סומע איבערגעשטייגט פינף טויזענד. די רויהע מאַטעריאַלען פאַר שאַמפּאַניער זיינען פאַראַן פיעל אין לאַנד און אַ מאַרק איז אויך פאַראַן. טאָ פאַר וואָס זאָל ניט קומען קיין מאַן אָדער חברה און אויסנוצען די געלעגענהייט. איין אָנהויב איז געמאַכט געוואָרען אין פאַריגען יאָהר פון די העררען אפּשטיין און מילער אין יפו.

.87

שאָקאָלאַד.

אַ גרויס פלאַץ און אַ ברייטער מאַרק איז פאַראַן אין ארץ־ישראל, ווי אויך אין די נאָהענטע אראַבישע לענדער פאַר אַ שאָקאָלאַד פאַבריק. דער אימ־פּאָרט פון שאָקאָלאַד דערגרייכט ביז צעהנדליגער טויזענדער פונטען.

מיר מוזען דאָ דערמאָהנען אַ זאַך, וואָס מיר האָבען שוין איינינע מאָל

דערמאָהנט: כּדי די שאָקאָלאַד פאַבריק זאָל געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג, מוז זי געגרינדעט ווערען מיט אַ גענוגענדען קאַפּיטאַל וואָס זאָל איהר מעג־ליך מאַכען צו ברייננגען די קאַקאָ פון ערשטען קוואַל יאַוואַ און ניט פון אַמסטערדאַם, און עס מוז אויך בענוצט ווערען פון אָנפאַנג אָן די מאָדערנסטע מאַשינערי, ווייל די שאָקאָלאַד פאַבריק אין ארץ־ישראל וועט מוזען שטעהן אין קאָנקורענץ מיט אייראָפּעאישע גוטע וואַארען, כאָטש אין צווייטען זייט וועט זי האָבען אַ מעגליכקייט צו פערקויפען איהר סחורה ביליגער צוליעב דעם ביליגען אַרבייטס געלד, וואָס איהר וועט קאָסטען.

אַן אָנפאַנג איז שוין געמאַכט געוואָרען אין דער לעצטער צייט. אין יפו איז געגרינדעט געוואָרען אַ שאָקאָלאַד פאַבריק „רענן“. אָבער עס איז פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר נאָך פאַבריקען פון דיעזען סאָרט.

אַז די שאָקאָלאַד פאַבריק איז גוט אָרגאַנזשירט, איז מעגליך לייכט צו עפענען אַן אָבטהיילונג פאַר צוקערלאַד, רעבע, און קאָנסערווירטע פרוכט.

88.

שוועבעלאַך.

רעכענענדיג זיך מיט דער גרויסער קוואַנטיטעט שוועבעלאַך, וואָס ארץ־ישראל אימפּאָרטירט אַ יאָהר — אַרום דריי הונדערט טויזענד דאָלאַר — פון יאַפּאַן, שוועדען, טשעכאָסלאָוואַקיען און איטאַליען, קען מען אָהן צווייפעל בעשטימען, דאָס עס איז פאַראַן אַ גרויסער מאַרק פאַר אַ שוועבעלאַך פאַבריק וואָס וועט געגרינדעט ווערען אין ארץ־ישראל. אויך איז כּדאי צו נעהמען אין אָנבעטראַכט דאָס לאַנגזאַם וועט די פאַבריק אויך קאָנען עקספּאָרטירען איהרע וואַארע אין די נאָהענטע אַראַבישע לענדער.

אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן כּמעט אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען צו דיעזער אינדוסטריע: דער אַקליפּטוס בוים און דער דוב וועלען קענען בע־זאָרגען די שוועבעל פאַבריק מיט האָלץ. קלייה וואָס מען פּראָדוצירט פון די טלאָה פון די בהמות איז לייכט מעגליך צו בעקומען, אָדער אַליין פּראָדוצירען. גלאַז־שטויב איז אויך ניט שווער צו ערווערבען. סולפאַר איז פאַראַן אין די מאַסען אין ירדן טהאָל. אַראַבישע גומי אַקאַציע איז פאַראַן אין אַראַבישען האַלב־אינזעל לרוב און זאָגאַר אין ארץ־ישראל אַליין קאָן מען דאָס לייכט בעקומען.

.89

שטרוי אַרבייט.

אין דעם אַרטיקעל וועגען פּאַנאַמאַ היט האָבען מיר שוין דערמאַהנט, אַז אין חולה וואַקסט אַ ווייכער איידעלער סאָרט שטרוי, וואָס פון איהם קען מען אַרבייטען די בעוואוסטע פּאַנאַמאַ היט. דאָ ווילען מיר צוגעבען דאָס, ניט נאָר וואַקסט דאָרט די טייערע שטרוי, וועלכע איז נוצליך פאַר פאַרשיעדענע שטרוי אַרבייט ווי בעסקעטס, נאָר מיט דער ענטוויקלונג פון דער ארץ־ישראל׳דיגער אינדוסטריע ווערט גרוים די פאָדערונג פאַר גרינגע, געפלאָכטענע שטרויענע בעסקעטס. ברייגנענדיג די שטרוי פון אויסלאַנד, מאַכט די בעסקעטס טייער, וואָס מיינט העכערען דעם פּרייז פון דער וואַארע. בעזימער האָבען אויך אַ גרויסען מארק אין ארץ־ישראל. ליידער אימפּאָרטירט מען טהיילווייז בעזימער פון דמשק.

די חולה׳ר שטרוי קען אויך דיענען פאַר דער געפלאָכטענער מעבעל־אינדוסטריע, וואָס אימפּאָרטירט נאָך שטרוי צו איהר אַרבייט פון איטאַליען און פון אַמעריקא.

עס איז מעגליך דאָס די פיער אויבענדערמאַהנטע אינדוסטריעס: פּאַנאַמאַ היט, בעסקעטס, בעזימער און געפלאָכטענע מעבעל זאָלען צוזאַמען ערווערבען פאַר זיך דעם געגענד, וואו די שטרוי וואַקסט און פון די בעסערע שטרוי אַרבייטען פּאַנאַמאַ היט, פון דעם צווייטען סאָרט — מעבעל, פון די געמיינערע — בעסקעטס, און פון דעם פּראָסטען סאָרט — בעזימער.

.90

שטריקעריי.

ארץ־ישראל אימפּאָרטירט פאַר טויזענדער פונטען יעהרליך שטריקעריי אַרבייט פאַר אונטערוועש: העמדער, הויזען, לייבלאַך, שאַלען א. ד. גל. גלייכצייטיג איז ארץ־ישראל די פאַרמיטלערין פון דיעזער פּראָדוקציאָן פאַר׳ן גאַנצען עבר לירדן. די שטריקעריי זיינען דאָס מעהרסטע פון בוימוואָהל און אַ קליינער טהייל פון רייגעם וואָהל. ביידע מאַטעריאַלען זיינען פאַראַן פיעל אין ארץ־ישראל. דער פּלאַן פון צו גרינדען אַ גרויסע שפּין און וועב פאַבריק אין ארץ־ישראל האַלט ביים פערווירקליכט ווערען און עס איז יעצט העכסט ביזנעסמעסיג צו גרינדען אין ארץ־ישראל אַ גוט אָרגאַנזירטע שטריקעריי

פאַבריק וואָס זאָל בעזיצען די מאָדערנסטע מאַשינערי, וועלכע וועט זיין אימ־שטאַנד צו פּראָדוצירען גוטע שעהנע וואַרע און צוזאַמען מיט די ביליגע פּרייזען וואָס זי וועט אימשטאַנד זיין צו פערקויפען, וועט די ארץ־ישראל׳דיגע שטריקעריי אינדוסטריע געווינען דעם גאַנצען אָריענט פאַר זיך.

91.

שטריק-פאַבריק.

א שטריק פאַבריק צו גרינדען אין ארץ־ישראל איז א אינדוסטריע וואָס האָט שוין פאַר זיך א גרויסען און ברייטען מאַרק אין לאַנד און א האָפנונג אויף אַן אויסלענדישען עקספּאָרט. און אין דער זעלבער צייט איז נים נויטיג קיין שום ספּעציאַליטעט און אויך נים קיינע גרויסע סומען. היינט ווערען שטריק געבראַכט פון דמשק, די הויפּט־שטאָדט פון סיריען. עס איז מעגליך צו ברייגנען פון סיריען דעם פלאַקס און אין לאַנד פּראָדוצירען שטריק. איינפיהרען ביי דיעזער אינדוסטריע מאָדערנע מאַשינערי וועט ניט נאָר לייכט געווינען דעם היגען מאַרק, נאָר וועט קאָנען לאַנגזאַם ערווערבען דעם מאַרק אין עבר לירדן און אין דעם גאַנצער נאָכבאַרשאַפט.

92.

שיך.

אין ארץ־ישראל ווערען שיך אָממיינסטען געאַרבייט אויף א פּרימיטיווען שטייגער פון שוסטערס. די אַרבייט איז געוועהנליך ניט צופריעדענשטעלענד און עס קאָסט אויך טייער, ווייל אַלעס ווערט געמאַכט ביי די הענט. נאָך דער ענגלישער אָקופּאַציע, זינט די בעפעלקערונג האָט אָנגעהויבען צעהלען א גרויסען טהייל מאָדערנע אייראָפּעאישע מענשען, וועלכע קאָנען ניט נוצען די פּראָסטע היימישע אַרבייט, האָט אָנגעפאַנגען קומען קיין ארץ־ישראל פאַרטיגע שיך פון ענגלאַנד און פון אַמעריקא. דיעזע שיך זיינען שוין געוועהנליך פיעל סטילישער, שעהנער, אָבער ווייל די אַרבייט איז אין אַמעריקא קאָסטען די שיך טייער. צו גרינדען א גרויסע מאָדערנע שיך פאַבריק אין ארץ־ישראל וואָלט געווען די איינציגע לייזונג פון דער פראַגע און די גרינדער וואָלטען זיכער בעגעגענט געוואָרען פון דער גאַנצער בעפעל־קערונג מיט דאַנקבאַרקייט, וועלכע וואָלט זיך אָפּגערופען אויף דעם גרויסען פדיון פון דער פּראָדוקציאָן.

.93

שיך פוטץ.

פוטץ פאַר שיך ווערט געבראכט פון אייראָפּא. געוועהנליך צאָהלט דער ארץ־ישראל־געברויכער פאַר אייראָפּעאישע ארבייט און פאַר טעקסעס אריינקומענדיג אין לאַנד. מיט אַ מיטעלמעסיגען קאַפּיטאַל איז מעגליך צו גרינדען אין ארץ־ישראל אַ פאַבריק פאַר שיך־פוטץ פון אַלערליי קאָלירען, וועלכע וועט זיכער קאָסטען ביליגער פון אויסלענדישער וואַרע און ממילא איז צו האָפען אויפ׳ן גאַנצען היגען מארק.

.94

שמעק טאַבאַק.

אין ארץ־ישראל געהט אַוועק פאַר גרויסע סומען שמעק־טאַבאַק, וועלכע ווערט גענוצט פון אידען און אויך פון דער אראבישער בעפעלקערונג. בעפאַר דער קריעג פלעגט ארץ־ישראל אימפּאָרטירען שמעק־טאַבאַק פון רוסלאַנד. זינט דעם וועלט־קריעג ווערט גענוצט דער פראַסטער טאַבאַק, וועלכער ווערט פּראָדוצירט פון טאַבאַק ״בלעטער. די ארבייט איז פרימיטיוו און ווייט פון צו זיין צופריעדענשטעלענד. מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל איז מעגליך צו גרינדען אַ שמעק־טאַבאַק פאַבריק אין ארץ־ישראל, וואָס וועט אין גיכען ערוועררבען אַ גרויסען מארק.

.95

שריפט גיסעריי.

איינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריעס, וועלכע האָט אַ ברייטען מארק אין לאַנד און איז זעהר ווינשענסווערטה וואָס פריהער זיך צו עטאַבלירען, איז אַ פאַבריק פון שריפט־גיסעריי.

אין ארץ־ישראל עקזיסטירען איבער דרייסיג דרוקען, נור איינע פון זיי, — „הסולל“, — האָט אַ לינאָטייפּ, און די איבעריגע אַלע בריינגען שריפט פון אייראָפּא. דאָס גרעסטע טהייל פון דעם פרייז וואָס זיי צאָהלען פאַר׳ן שריפט איז פאַר׳ן בריינגען און טעקסעס. עס נעהמט חדשים לאַנג ביז אַ בעשטעלונג קומט אָן קיין ארץ־ישראל. אַ בעשטעלונג האָט אַמאָל ביי אַ

דרוקער געדויערט אַ יאָהר און אַ האַלב! און צום סוף — אַ נייע צרה: נאָך איינינע מאָל נוצען די שריפט ווערען זיי עטוואָס אָפּגעריבען און אַ שעהנע אַרבייט קאָן מען שוין מיט זיי ניט מאַכען. אַ שריפט־גיסעריי אין ארץ־ישראל וואָלט די אַלע שווערינקייטען פערמידען.

אַ גרויסע מאָדערנע שריפט־גיסעריי ווערט ערוואַרטעט מיט אומגעדולד פון אַלע ארץ־ישראל׳דיגע דרוקערס. נאָך אַ זאַך: עס איז אויך קיין דאגה ניט פאַר בליי, ווייל אין די דרוקען זיינען פאַראַן גרויסע קוואַנטיטעטען בליי פון אומנוצליכע שריפט, וועלכע זיי וואָלטען פערקויפט בחצי חנם.

עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלען נאָך אויף אַן אינטערעסאַנטען פונקט: די ארץ־ישראל׳דיגע שריפט־גיסעריי קאָן מאַכען אָריגינעלע טיפּען שריפט, וועלכע וואָלטען געווען גאַנגבאַר אויך אין אייראָפּא און אין אַמעריקא אַלס ספּעציעלע מאָדערנע אידישע שריפט.

96.

תרבושען (טורבינען).

די מיליאָנען אַראַבער וואָס בעוואָהנען דאָס אַראַבישע האַלב־אינזעל, ווי בעוואוסט, טראָגען אַנשטאָט היטלען אָדער קאַפּעליושען, רויטע טורבאַנען מיט לאַנגליכע שוואַרצע זיידענע טריידלען אַרויפגעהאַנגען פון הינטען. עס זיינען פאַראַן פערשיעדענאַרטיגע מוסטערען פון די טורבאַנען: שפּיציג־הויך, נידעריגע ברייטליכע, נידעריגע שמאָלע א. ד. גל. יעדער שבט און יעדער דאָרף האָט זיך זיין אַרט און וויזע פון אַ טורבאַן. די אַלע רויטע יאַרמולקעס ווערען פאַבריצירט אין גריכענלאַנד, אין איטאַליען און אין עסטרייך. די לעצטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע איבערקעהרענישען אין וועסט אייראָפּא האָבען פעראורזאַכט דערצו, אַז דער אימפּאָרט פון טורבאַנען איז ניט מעגליך ער זאָל זיין רעגעלמעסיג. אין דער זעלבער צייט האַלטען אין איין שטייגען די פּרייזען.

צו גרינדען אין ארץ־ישראל אַ פאַבריק פאַר טורבאַנען וואָס זאָל קאָנען פערזאָרגען דעם געברויך פון די מוסולמאַנער היטלען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון נאָרד ביז מאַראָקאָ, טוניס, אַלדזשיר פון סאוט, וואָלט געווען אַ ווינשענס־ווערטהע אינדוסטריע.

.97

תנ"ך אויסגאַבע.

דער תנ"ך, אונזער אָריגינעלסטער פּראָדוקט, ווערט געדרוקט און פערשפּרייט דורך קריסטען, אַממיינסטען דורך מיסיאָנערען. ווייסען דאָס אַלע דענקפוילע און איינפלוסרייכע אידען? אויב זיי ווייסען, — וואָס דענקען זיי צו טהאָן אום די עפענטליכע שאַנדע אָראָפּצונעהמען פון אונז? מיר דערמאַהנען זיך אָן דעם אין אַנהאַנג מיט פערשיעדענע אינדוסטריעלע פּראָיעקטען וואָס זיינען מעגליך צו גרינדען אין ארץ־ישראל, ווייל מיר דענקען דאָס קיינמאָל האָט אַ נעגאַטיווע קראַפט דערגרייכט דעם געווינשטען צוועק, נור אַ פּאָזיטיווע טהאָט איז אימשטאַנד עפּעס מחדש צו זיין, אויפצוטהאָן, ווירקען. דער איינציגער אַנטוואָרט וואָס מיר דאַרפען און מוזען געבען אונזערע „בעלי טובות" וואָס פערשפּרייטען דעם תנ"ך צוזאַמען מיט׳ן ברית חדשה וועלען זיין טהאַטען: אַרויסגעבען אין ארץ־ישראל אַ תנ"ך וועלכער זאָל אַריבערשטייגען דעם מיסיאָנערישען תנ"ך אין זיין שעהנקייט אין פּאַפּיר, דרוק, הגהה און בונד און זאָל ניט קאָסטען טייערער ווי דער תנ"ך, וואָס ווערט געדרוקט פון די מיסיאָנערען.

יעצט קויפט אַ איד אַ תנ"ך פון די מיסיאָנערען מיט׳ן אויסרייד: עס איז דאָך ניטאָ קיין אַנדער תנ"ך צו בעקומען. אָבער ווען אין ארץ־ישראל וועט אַרויסגעהן אַ שעהנער תנ"ך וועט קיין איד ניט זיין רוהיג, ניט האָבענדיג ביי זיך אין הויז ז י י ן תנ"ך. דער ארץ־ישראל־תנ"ך וועט געפינען אַ מאַרק צווישען ציוניסטען ווי צווישען רעגעלע אָרטהאָדאָקסישע אידען, פרייע און פרומע, יונגע און אַלטע וועלען בעציערען זייער הויז מיט דעם נייעם ארץ־ישראל־תנ"ך.

פאַר מעהר איינצעלהייטען שרייבען צו:

INFORMATION BUREAU

HAMODIA

20 GLENWAY STREET DORCHESTER, MASS.

פינפטע אָבטהיילונג

קונסט אינדוסטריע.

אויב די ארץ־ישראל׳דיגע אינדוסטריע האָט אַ גרויסע צוקונפט פון איהר קאָמערציעלער זייט, האָט די קונסט־אינדוסטריע אין ארץ־ישראל אַן אומ־פערגלייכליכע גלענצענדע צוקונפט אַלס די איינציגע וועלטליכע קינסטלערישע אינדוסטריע, וואָס איהרע פליגלען דערגרייכען דעם רוהם און פראַכט פון די טיעפסטע, קוים־פיהלענדע היסטאָרישע לעגענדען פון דער מענשען־יוגענד. אויך וועט זי לעבעדיג מאַכען אַלע הייליגע היסטאָרישע פיגורען, געדאַנקען און געפיהלען, און וועט ווייזען אין ממשות׳דיגע בילדער די אַלע זיסע שעהנע נאַציאָנאַלע און אַלמענשליכע האָפנונגען און טרוימען וואָס זיינען פראַקלאַ־מירט געוואָרען אין ארץ־ישראל אַלס אייביגע אמת׳ען. די ארץ־ישראל׳דיגע קונסט אינדוסטריע וועט זיך צושפרייטען אויפ׳ן געביעט פון די וועלט־הערשענדע רעליגיאָנען וואָס זיינען מעהר אָדער ווייניגער פערבונדען מיט דער היסטאָריע פונ׳ם לאַנד. זי וועט אויך אַרבייטען אויפ׳ן האָריזאָנט פון דעם גוט־געבענשטער פריהלינג־שמייכלענדער ארץ־ישראל־נאַטור. קיין לאַנד וועט זיך נים קענען פערגלייכען צו ארץ־ישראל אין דער הינזיכט פון קונסט־אינדוסטריע ווען זי וועט אָנפאַנגען דערגרייכען איהרע אַלערהעכסטע מדרגות פון הויכער ענטוויקלונג.

1.

אַלגעמיינער ארץ־ישראל־אַלבום.

אַלע אַלבומס וואָס ארץ־ישראל האָט ביז היינט געדרוקט און פרע־עפענטליכט, זיינען געווען באַגרעניצט און האָבען געטראָגען אויף זיך אַ ענגען סוביעקטיווען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. זיינען זיי ארויסגעגעבען גע־וואָרען פון אידען — האָט מען געפונען אין זיי אידישע רעליגיעזע און היס־טאָרישע בילדער מיט אַ צוגאָב פון אייניגע נייע אינטערעסאַנטע בילדער. אויב אָבער די אַלבומען זיינען געדרוקט געוואָרען פון קריסטען — האָט מען דאָרטען געזעהן קריסטליכע הייליגע פלעצער מיט אייניגע נאַטור־בילדער וואָס זיינען אויך עטוואָס „פאַרטשעפּעט“ מיט׳ן קריסטליכען גלויבען. קיין

מחמד'אנישער אַלבום עקזיסטירט גאָר ניט. די טויזענדער טוריסטען וואָס באַזוכען דאָס הייליגע לאַנד און זעהען און עהרען אַלעס, וואָלטען זעהר וועלען מיטנעהמען מיט זיך איין אַלבום, וואָס זאָל זיי אין בילדער דערמאָהנען אין יאָהרען אַרום אַלעס וואָס זיי האָבען געזעהן מיט זייערע אויגען. און דאָס גלייכען זיינען פאַראַן מיליאָנען מענשען אידען און קריסטען, וואָס האָבען קיינמאָל ניט באַזוכט ארץ־ישראל, זיי ווייסען אָבער, אַז דאָרטען זיינען פאַראַן אידען פון פערשיעדענע וועלט־טהיילען: אַשכנזים (חסידים, פּרושים), ספרדים, תימנים, בוכרים, גורזים, אורפלים, מארוקנים, און פּרסים. זייער פּריוואַט און רעליגיעז אַרט לעבען איז אַנדערש איינער פון צווייטען. זייער אויסקוקען, קערפּער־בוי און פיזיאָנאָמיע אונטערשיידען זיך פיעל צווישען זיך. דאָס גלייכען איז פאַראַן אין ארץ־ישראל „פאַרשטעהער" פון אַלע קריסטליכע סעקטען, יעדע סעקטע און איהרע מנהגים, איהרע הייליגטהימער, איהרע אַבערגלויבען און היסטאָרישע פּלעצער. און די אַראַבישע קריסטען מיט זייערע אונצעהלבאַרע פּאַרטייען און חברה'לאַך, דאָס אַלעס איז וועגען היינטיגען געגענוואַרטיגען רייך־קאָלירטען, פיעל־פאַרביגען לעבען, און פון די פאַרהייליגטע היסטאָרישע פּלעצער, פון די אויבענדער־מאָהנטע רעליגיאָנען איז דאָך פאַראַן אויך זעהר פיעל צו זעהן. די אַלע זאַכען דאַרפען זיך געפינען אין דעם אָביעקטיווען ארץ־ישראל־אַלבום. אַלעס וואָס אַ טוריסט קען זעהן אין אַלע ווינקעלאַך פון'ם לאַנד דאַרף דער אַלגעמיינער ארץ־ישראל־אַלבום איהם ווייזען אין בילדער. און אַזאַ אמת'ער כל־בו־אַלבום וועט האָבען איין גרויסען ערפאָלג אַלס ביזנעס פּלאַן, וויי'ל ער וועט האָבען אַ גרויסען מאַרק צווישען אַלע ליעבהאָבער און דיינקער וועגען ארץ־ישראל, אידען און קריסטען, סאַי וואָס באַזוכען דאָס לאַנד און סאַי וואָס זיצען אין דער היים, נאָר ווילען וויסען דעם ריינעם אמת פון אַלעס פאַרגאַנגענער און געגענוואַרטיגער ארץ־ישראל.

2.

גיפּס־גיסעריי.

אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן אין איינינע פּלעצער, נאָהענט צו דער קאָלאָניע מנחמיה און ג'סר, בערג פון גיפּס. עס איז מעגליך, מיט אַ געניגענדען קאַפּיטאַל צו עקספּלואַטירען די נאַטירליכע רייכטהימער פון לאַנד און מאַכען גוטע גיפּס אויוועגס. פון דעם וואָלט זיך לייכט געקענט ענטוויקלען אַ קונסט־אינדוסטריע פאַר באַציערונגען פון הייזער אינווייניג און

פון דרויסען, און בילדער פון גיפּס. אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן פיעלע יונגע לייט וואָס קענען די אַרבייט פון גיפּס גיסעריי, וועלכע האָבען געלערנט אין דער קונסט־שוהלע „בצלאל“.

3.

גלאָז־שלייפעריי.

דער ריינער, קלאָהרער, אימער־דורכזועהענדיגער קלימאַט אין ארץ־ישראל איז זעהר געאייגנעט אויף אַ גלאָז־שלייפעריי. אמת, קיין גלאָז־פאַבריק איז נאָך ניטאָ אין ארץ־ישראל, אָבער ביי גלאָז־שלייפעריי שפּיעלט ניט די ראָליע די גלאָז נאָר די אַרבייט, און דאָס איז מעגליך לייכט צו אָרגאַנזשירען אין ארץ־ישראל. צווישען די חלוצים איז צו בעקומען אָהן שווערער מיה אַרבייטער, וואָס האָבען מעהר אָדער ווייניגער אַ ידיעה אין דער אַרבייט. עס וועט אָנקומען גרינג צו אַרבייטען און שלייפען גלאָז פאַר ברילען, זייגער־לאָך, פאָטאָגראַפישע אָביעקטיווען און גלאָז פאַר פאַרשיעדענע וויסענשאַפט־ליכע צוועקען.

4.

דמשק־אַרבייט.

אין דמשק איז זעהר ענטוויקעלט די קונסט־אַרבייט פון מעש און קופּער, וואָס טראָגט איהר נאָמען. טויזענדער מענשען בעשעפטיגען זיך ביי דיעזער אַרבייט, וועלכע ציהען פון איהר פּרנסה בריוח. די מעש און קופּער קונסט אַרבייט ווערט פאַרקויפט ספּעציעל צו די טוריסטען וואָס באַזוכען די הויפּט־שטאָדט פון סוריה.

אין „בצלאל“ קונסט און געוועב־שוהלע האָבען זיך צעהנדליגער יונגע לייט אויסגעלערנט די דמשק אַרבייט, און די ארץ־ישראלדיגע אַרבייט שטייגט אַריבער די דמשק׳ער אַרבייט מיט איהר רייכען היסטאָרישען אינהאַלט פון די תנ״כ׳ישע פיגורען און פון די גראַנדיעזע נאַטור־בילדער, וועלכע זיינען אויך „געמאָלען“ און אויסגעקלאַפּט אויף דער אַרבייט.

די דמשק׳ער אַרבייט ווען זי וועט זי גוט ענטוויקלען, קען זי בעשעפ־טיגען טויזענדער אַרבייטער. די אַרבייט האָט צוויי מעלות: זי איז ניט אבהענגיג פון צייט און סיזאָן און ווערט ניט קאַליע. און נאָך אַ זאַך:

די ארבייט איז זעהר פּאַסיג פאַר די קאָלאָניסטישע פאַמיליעס צו ארבייטען אין הויז אין דער צייט ווער זיי האָבען ניט קיין ארבייט אין פעלד. עס ארבייטען ביי דער ארבייט דער פאָטער, די מוטער און די עלטערע קינדער.

מיט דער ענטוויקלונג פון דער שעהנער קונסט־ארבייט, אויף אַזוי פיעל אַז זי זאָל קענען געפינען אינטערעס ביי ארץ־ישראל־טוריסטען וועט פאַר־שטאַרקט ווערען אַ ברייטער צווייג פון דעם היגען ארבייטער־קלאַס, און די אָנציהונגס־קראַפט פון די טוריסטען צו ארץ־ישראל קונסט ארבייט וועט פאַרגרעסערט ווערען.

5.

האָלץ־שניצעריי.

גוטע האָלץ שניצערס זיינען אימשטאַנד צו קריעגען פיעל ארבייט אין ארץ־ישראל ביי מעבעל־ארבייט, פאַרציערען און פאַרפּוצען די ארבייט, ווי אויך אַלס זעלבסטשטענדיגע פרייע פּראָפעסיע, ווי ארבייט ביי כלי־קודש, שרייב־געצייג, הייזער דעקאָראַציע, מיניאַטור־בילדער א. ד. גל. אין דער שווייץ איז די האָלץ שניצעריי איינגעטהיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס, די קונסט האָלץ־שניצעריי וואָס גיעט זיך אָפּ הויפּטזעכליך מיט קונסט־שניצעריי. אין איהר בעטהייליגען זיך אַם מעהרסטען קינסטלער. און פּראָסטע, געוועהנ־ליכע האָלץ־שניצעריי אַלס אַ פּראָפעסיע. ביי דיעזער ארבייט זיינען בעשעפ־טיגט פיעל ערד־ארבייטער מיט זייערע פאַמיליען אין זייערע לײדיגע שטונדען, איבערהויפּט אין ווינטער־צייט.

שווייץ האָט עקספּאָרטירט אין יאָהר 1914 פאַר צוויי מיליאָן פראַנק האָלץ־שניצעריי אַ חוץ וואָס טוריסטען האָבען געקויפט אין לאַנד.

דיעזע קונסט־ארבייט איז מעגליך אויך גאַנץ ברייט צו ענטוויקלען אין ארץ־ישראל, איבערהויפּט ווען אונזערע קינסטלער וועלען איהר צוגעבען דעם תנ״כישען סטיל, דעם אָריגינעלען אידישען גייסט, און באַנוצען אין פּאַסיגע ערטער היסטאָרישע פּאַסירונגען א. אַז. וו.

דאָס אייל־בערט־בוים־האָלץ איז פאַראַן גענוג אין לאַנד און איז זעהר פּאַסיג פאַר דיעזען צוועק, און איהר שטאַרקייט און שעהנקייט איז צו דעם קיין גלייכען ניטאָ. אַ חוץ דעם איז דער נוסבוים אויך זעהר געאייגנעט צו דער שניצעריי־ארבייט.

6.

האַפּט און שפּיצען־אַרבייט.

איינע פון די מעהרסטע פאַרשפּרייטע קונסט־אינדוסטריעס אין אייראָפּאַ און אין אַמעריקאַ, איז די האַפּט און שפּיצען־אַרבייט. די אַרבייט ווערט צוטהיילט אויף צוויי טהייל: האַנד קונסט אַרבייט און מאַשין אַרבייט. צעהנדליגער טויזענדער מענשען ציהען זייער ברויט בריוח פון דיביידע סאָרטען קונסט־אַרבייט. אין איין שטאָדט ווענעציאַ, איטאַליען, אַרבייטען ביי דיעזער אַרבייט 6,000 מענשען, איבערהויפּט פרויען. אָבער די בעסטע און שעהנסטע קונסט־אַרבייט פּראָדוצירט פראַנקרייך. און כאָטש די אַרבייט איז פיעל פאַרשפּרייט אין אַמעריקאַ, פאָהרען גרויסע ניו יאָרקער הענדלער קיין פראַנקרייך קויפען דאָרטען די פראַנצויזישע האַפּט און שפּיצען אַרבייט. די אַמעריקאַנער רעגיערונג האָט שוין אייניגע מאָל געהעכערט דעם טעקס אויף דיעזער אַרבייט ביים אריינברייגגען אין לאַנד. אָבער דאָס אַלעס לוינט די סוחרים, ווייל די אַרבייט צאָהלט זיך טייערער.

אין ארץ־ישראל איז לייכט צו גרינדען און צו ענטוויקלען די האַפּט און שפּיצען אַרבייט, ווייל עס איז שוין געמאַכט געוואָרען בעפאָר דער וועלט־קריעג אַ ווירדיגער אָנהויב, און הונדערטער ארץ־ישראל פרויען זיינען שוין גוט באַקאַנט מיט דער אַרבייט. אין „בצלאל" שוהלע האָט די גאָטזעליגע שרה טהון געגרינדעט אַ ספּעציעלע אָפּטהיילונג פאַר דיעזער קונסט־אַרבייט. די וואַארע איז פאַרקויפט געוואָרען מיט פיעל פּראָפיט דורך ציוניסטישע פרויען אין מאָסקוואַ — מרס. פּערשיץ — און אין בערלין. צוליעב דער קריעג איז אַלעס אונטערגעגאַנגען.

אַ צווייטע פּראָבע מיט מאַשינערי האָט געמאַכט דער בעוואוסטער אויס־טראַליער גביר מר. א. מ. סלוצקי אין דער שטעדטעל „גבעת שאול", נעבען ירושלים.

די קונסט־אינדוסטריע קאָן זיך ענטוויקלען אַלס אַ נאַציאָנאַלע, ווען עס וועלען אויסגעאַרבייט ווערען היסטאָרישע פיגורען, אַרכעאָלאָגישע צייכנונ־גען און בילדער פון דעם נייעם בליהענדען אידישען ישוב.

7.

מואווינג פיקטשור בילדער.

עס קומען אָפט קיין ארץ־ישראל פאַרטרעטער פון אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער וואָדעוויל־טהעאַטערע און מואווינג פלעצער, אום צו באַקומען מואווינג פיקטשור בילדער פון דעם הייליגען לאַנד, פון דעם אַראַבישען פרימיטיווען אַרט לעבען, פון די ווילדע אַראַבישע שבטים וואָס לעבען אין מדבר, נאָהענט צו ארץ־ישראל, פונקט ווי מיט דריי־פיער טויזענד יאָהר צוריק, אַרונטערנעהמען בילדער פון אַרכיאָלאָגישע געגענשטענדע און פון דעם נייעם אידישען ישוב. קיינמאָל האָבען די רעפּרעזענטאַנטען פון אייראָפּא ניט געהאַט קיין ערפאָלג אין זייער אַרבייט צו ערפילען זייער מע־סעדזש פאָלקאָם, ווייל עס איז אונמעגליך פאַר איין אייראָפּעאישען מאַן צו קומען אין נאָהענטע בעריהרונגען מיט די ווילדע אַראַבער. עס האָבען פאַסירט פעלע — פאַר צוויי יאָהרען — ווען פאַרשטעהער פון אַ ניו יאָרקער מואווינג־פיקשור געזעלשאַפט זיינען געקידנעפּט געוואָרען און מיט שווערער מיה איז געלונגען דער ארץ־ישראל רעגירונג אַרויסצוקריגען די „חוג׳יות“ צוריק פון געפענגניש. און נאָך אַ זאַך: די אייראָפּעאישע פערטרעטער זיינען ניט גענוג בעקאַנט מיט די היגע ספּעציעלע אומשטענדען און קענען ניט פאַר־ברענגען צייט אום צו לערנען די היסטאָריע פונ׳ם לאַנד, כדי צו וויסען וואָס עס איז מעהר אינטערעסאַנט.

עס וואָלט ווינשענסווערט געווען, ווען אין ארץ־ישראל זאָל געגרינדעט ווערען אַ געזעלשאַפט פון ביזנעס־לייט צוזאַמען מיט וויסענשאַפטסלייט, וועלכע זאָלען אויסאַרבייטען פלענער פאַר מואווינג־פיקטשורס. די אייראָ־פעאישע און אַמעריקאַנער וואָדעוויל טהעאַטערע און מואווינג־פיקטשור גע־זעלשאַפטען, וועלען זיך גערן בענוצען מיט דער געזעלשאַפט און קויפען ביי זיי די פאַרטיגע, ריכטיגע מואווינג בילדער אָהן צו ספענדען פיעל געלד און צייט, ווי אויך מיה צו שיקען ספּעציעלע מענשען.

אַרבייטענדיג אין דיעזער ליין פון קונסט־ביזנעס, איז מעגליך צו דיענען אונזערע אינטערעסען: ווייזען דער וועלט אַלעס וואָס אידען האָבען אויפ־געטהון אין אַ משך פון איין דור: געמאַכט פון אַ מדבר־שממה אַ ליכטי־גען און פראַכטפאָלען גן־עדן, דאָס אונגלויבליכע איבערגעבענהייט פון אונ־זערע חלוצים פאַר׳ן אויפבוי פון ארץ־ישראל און דאָס גלייבען.

8.

מיניאטור אויף שטיין און ביין.

איינס פון די ארץ־ישראל׳דיגע אינטערעסאנטע סאוועני רס איז די מי־ניאטור — זעיר אנפין — אויף שטיין און ביין. אין ארץ־ישראל איז פאראן גענוג רויהער מאטעריאל צו ארבייטען. אויך איז אין ירושלים פאראן גענוג גוטע קינסטלער וואס ארבייטען פון יאהרען מיט הצלחה די ארבייט — גור אריה און נאך — ארץ־ישראל אלס א טורסיטען־לאנד איז זעהר פאסיג פאר דיעזער קונסט־ארבייט אויף א גרויסען מאסשטאב.

א טוריסט, א איד אדער א קריסט, וואלט מיט צופריעדענהייט געצאהלט א הויכען פרייז ווען ער זאל זיין אימשטאנד מיטצונעהמען מיט זיך א מיניא־טור־בילד, וואס זאל איהם צייגען אין א ממשות׳דיגען פאקט פונקט דאס וואס ער האט געזעהען מיט זיינע אויגען און אנגעטאפט מיט זיינע הענד. און דאס זאל זיין מיט אלע איינצעלהייטען און די נאטירליכע פארבען. און אין ארץ־ישראל איז דאך פאראן הונדערטער היסטארישע, רעליגיעזע, ארכעאלאגישע, נאציאנאלע און נאטור־בילדער וואס רעדען צום הארץ, באצויבערען די טוריסטען. די קינסטלערס זיינען פאראן. יעצט דארפען קומען די קאמערציאלע פאך־לייט און צוזאמען אויפלעבען דעם רייכען צווייג פון קונסט־אינדוסטריע.

9.

נאדעל־ארבייט.

א באזונדער און אנגעזעהן פלאץ צווישען האפט און שפיצען ארבייט, פארנעהמט די נאדעל־ארבייט. זי צאהלט זיך ניט אויפ׳ן מעטער, נאר אויף דער שטיק ארבייט, ווי ווייט עס איז ארוים קונסטפול. בעפאר דער וועלט־מלחמה איז די נאדעל קונסט־ארבייט געווען זעהר ענטוויקעלט אין מעהרען און אין בעהמען. אויף די גרויסע יארידען און אויסשטעלונגען וואס זיינען פארגעקומען אין מאריענבאד און אין קארלסבאד, האט פארנומען א באדייטענד פלאץ די נאדעל קונסט־ארבייט. ליעבהאבער פון דער ארבייט פלעגען קומען פון פארשיעדענע טהיילען פון אייראפא און אמעריקא. איינינע ניט גרויסע שטיקער ארבייט, אבער זעהר קונסטפול, האבען זיך געצאהלט צעהנדליגער טויזענדער פראנקען.

די קונסט געוועֶרב שוהלע „בצלאל“ האָט געזאָרגט פאַר דער האַנד־קונסט־אַרבייט, און מיט דער הילף פון דער גאַטזעליגער שרה טהון איז געגרינדעט געוואָרען איין אַבטהיילונג פאַר דיעזער אַרבייט. נאָכהער איז געעפענט געוואָרען אין ירושלים אַ באַזונדער אַנשטאַלט פאַר דיעזער אַרבייט „שושנה“. דאָרט אַרבייטען צעהנדליגער ירושלים׳ער מיידלאַך פּראַכטפול די אַרבייט, אָבער, ווי ביי אַנדערע קונסט־אונטערנעהמונגען אַזוי דאַ מוז זיך פּאַראייניגען דער גאַט־געבענשטער גייסט מיט׳ן גרויסען פעהיגען אונ־טערנעהמונגס־גייסט פון האַנדעל, אום אַריינצוברייגגען די שעהנע קונסט־פולע אַרבייט אין מאַרק אַריין.

מיר ווילען דאַ דערמאָהנען אַ זאַך, וואָס מיר האָבען שוין אייניגע מאָל אָנגעצייגט: די קונסט־אַרבייט קאָן אויך טראָגען אַ נאַציאָנאַלען כאַראַקטער: זי וועט פּראָקלאַמירען אויף דער וועלט אַלעס וואָס אָנבעלאַנגט צו אונזערע אַלטע היסטאָרישע און נייע ענטוויקעלטע רייכטהימער אין ארץ־ישראל.

10.

עמבראָידערי.

אין אייראָפּאַ, איבערהויפּט אין פראַנקרייך, איז זעהר פאַרשפּרייט די עמבראָידערי אַרבייט. צעהנדליגע טויזענדער מענשען לעבען פון דיעזער סאָרט אַרבייט, וואָס ווערט אַם מעהרסטען געאַרבייט פון פרויען און קינדער און אַקער־בויער אין זייער ליידיגער צייט. די אַרבייט געהט אַן מיט מאַשי־נערי און דאַרום איז זי ניט זעהר טייער, דאַרום האָט יעדער איינער אַ מעג־ליכקייט צו באַציערען זיין הויז מיט אייניגע קונסט־אַרבייט פון נאַטור־בילדער, היסטאָרישע פּאַסירונגען, רעליגיעזע פיגורען א. ז. וו.

ווי מיר האָבען שוין באַמערקט אין אַן אַנדער פּלאַץ, איז כמעט אונמעגליך דאָס האַנד־אַרבייט זאָל האָבען אַן ערפאָלג, ווייל די אַרבייט ווערט פאַר־קויפט אין אייראָפּאַ פאַר פיעל ביליגער. דאַרום איז אַבסאָלוט נויטיג, אַז כדי די עמבראָידערי אַרבייט זאָל האָבען דעם געווינשטען ערפאָלג, זאָל מען אָנפאַנגען מיט גרויסע מאַשינערי.

די ארץ־ישראל׳דיגע עמבראָידערי וועט זיך געוועהנליך האָבען איהרע אייגענע אָריגינעלע צייכנונגען פון דער אויסערגעוועהנליכער רייכער נאַטור. די געאָגראַפיע, די פלאָראַ און די פאַונאַ פון ארץ־ישראל איז אַזוי פיעל־

פאַכיג פאַרשיעדענאַרטיג, די היסטאָרישע פּאַסירונגען און רעליגיעזע מאָמענטען זיינען אַזוי ענג פאַרבונדען מיט ארץ־ישראל, אַז די עמבראָידערי וועט זיין אייגען־סטיילליש און אָריגינעל־קינסטליך און וועט זיך לייכט ערווערבען אַ פּלאַץ אין גרויסען וועלט־מאַרק.

11.

פאָטאָגראַפיע.

דיעזער סאָרט אַרבייט איז ציעמליך גוט ענטוויקעלט אין ארץ־ישראל, איבערהויפּט פאַרנעהמט אַ גרויסען פּלאַץ ירושלים, וואָס איז באַזעצט פון אַ באַפעלקערונג, וואָס צעהלט נאָהענט צו הונדערט טויזענד אייראָפּעאישע מענשען, און פיעלע טויזענדער טוריסטען באַזוכען די שטאָדט יעהרליך. ליידער, פאַרנעהמען אידען אַ קליינעם פּלאַץ אין דער אַרבייט, וורייל די צענטער־גאַסען וועלכע זיינען געבויעט געוואָרען פון קריסטליכע טשוירטשעס פאַרדינגען די פּאַסענדע געביידען צו ניט אידישע פאָטאָגראַפיעס — מעמבערס פון זייערע געמיינדעס: גריכישע און אַרמענישע, וועהרענד די אידישע פאָטאָגראַפערס האָבען זייערע אַטעליעס אין נידריגע זייטיגע סטריטען און דאָס רוב היגע אַרבייט און אין גאַנצען די אַרבייט פון די טוריסטען געהט אַריין אין די הענד פון די גריכישע און אַרמענישע פאָטאָגראַפערס.

עס פאַנגט אָבער אָן אַ גרויסע ענדערונג אין דיעזער הינזיכט: נייע שטאָדט־צענטרען ווערען געבילדעט דורך אידישען קאַפּיטאַל און ענערגיע, און דאָרט וועלען שוין פאַרנעהמען די אידען הויפּטזעכליך דעם אויבען־אַן.

די פּרייזען זיינען ווי פאָלגט: אַ דאָזען קאָבינעט־בילדער —4־6 דאָלאַר, פּאָסט קאַרטען בילדער — 2־3 דאָלאַר, צו פאַרגרעסערען בילדער, יעדעס בילד — 4־8 דאָלאַר.

דאָס איז גערעדט וועגען פּריוואַט־פאָטאָגראַפיע, אָבער וואָס אַנבעלאַנגט די אינדוסטריעלע זייט באַשעפטיגען זיך אין דעם די אַמעריקאַנער קאָמונע אונטער דער ליטונג פון מר. פאַסטער און מר. יעקב בן־דוב. זיי פאַרבאַרייטען ארץ־ישראל פאָטאָגראַפיעס פון דער נאַטור און פון היסטאָרישע, רעליגיעזע ווערטה פאַר מואווינג פּיקטשורס, פּאָסט קאַרטען און אַלבומען.

עס איז פאַראַן אין ארץ־ישראל אַ ברייט פעלד פאַר אַרבייט אין דיעזער פּריוואַט ווי אויך קונסט־אַרבייט.

.12

קאַראַמיט אַרבייט.

מיט דער גרויסער ארץ־ישראל בילדינג בעוועגונג ווערט ברייט דער פלאַץ פאַר אַ קאַראַמיט־אינדוסטריע. קאַראַמיט ווערט אימפאָרטירט פון אייראָפאַ פאַר אויוועגס און הויז־באַציערונגען. אין דער קונסט און געווערב שוהלע „בצלאל" איז פאָריגעס יאָהר געמאַכט געוואָרען אַן אָנפאַנג פון דיעזער אַרבייט מיט הצלחה. מענשען מיט עקספיריענס וואָס פערשטעהען גוט די אַרבייט האָבען דעם בעסטען שאַנס צו גרינדען אַ גרויסע קאַראַמיט אינדוסטריע אין ארץ־ישראל, וועלכע וועט באַגעגענט ווערען פון אַלע בילדערס מיט גרויס צופריעדענהייט, ווייל אין היינטיגע אַבנאָרמאַלע אייראָפעאישע טראַנספאָרט באַוועגונגען איז שווער צו ברייגען אַ גרויסע קוואַנטיטעט פון קאַראַמיט נאָך ארץ־ישראל, און אַ היימישע גוטע קאַראַמיט־אינדוסטריע וואָלט געשפאָרט די בילדער פיעל טראָבעל.

.13

קונסט לעדער־אַרבייט.

אין וועסט אייראָפאַ — דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך,, ווי אויך אין אַמעריקאַ, איז זעהר ענטוויקעלט די קונסט לעדער אַרבייט. עס ווערען אויסגעאַרבייט הונדערטער מאָדעלען און פיגורען פון אויסגעפרעסטע קאָלירטע לעדער־אַרבייט.

אין ארץ־ישראל, וואו שאָפען און ציעגען־פעל — פון וועלכע עס ווערען אויסגעאַרבייט די קונסט־לעדער פיגורען — זיינען גאַנץ ביליג און אַרבייטס־לוין איז נידריג, איז לייכט מעגליך איינצופיהרען און צו ענטוויקלען דיעזע אינדוסטריע מיט ערפאָלג.

ביי דיעזער אַרבייט איז מעגליך צו לעגען דעם נאַציאָנאַלען אידישען שטעמפעל אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב, וואָס זאָל פאַרשעהנערען און פיעל־פאַכיג באַפוצען די אַרבייט: מאַכען בילדער פון דער ארץ־ישראל׳דיגער פריהלינג־נאַטור, היסטאָרישע און רעליגיעזע מאַלערייען אויף די סואווענירס פרויען טאַשען, הויז־בילדער א. ד. גל.

.14

קונסט־מאהלעריי און סקולפּטור.

וואו האָט איהר אַ לאַנד, וואָס זאָל זיין אַזוי שטאַרק גינסטיג, ספּעציעל פּאַסיג פאַר קונסט־מאהלעריי און סקולפּטור ווי ארץ־ישראל? דאָ האָט איהר דעם אימער־הערשענדען פריהלינג, די אומפּערגלייכליכע רייכע נאַטור, די פיעל־פאַרביגע פאונאַ, די גלאַרישע פלאָראַ, דעם אויסערגעוועהנליכען שעהנעם געאָלאָגישען באָדען, דעם קלאָרען דורכזיכטיגען קלימאַט. פיליכט איז איטאַליען, וואו די גרעסטע וועלט־קינסטלער אַנגעלאָ און ראַפאַעל האָבען געשאַפען זייערע אייביגע בילדער, עטוואָס עהנליך צו ארץ־ישראל — אָבער דאָ האָט איהר דאָך אחוץ די אַלע אויבענדערמאָהנטע מעלות אויך דאָס לאַנד, וואָס איז געווען דאָס וויגעלע און דער געבורטס־פּלאַץ פון די דריי וועלט־הערשענדע רעליגיאָנען! קאָן אַ מאַהלער, אַ שניצער, אַ קריצער אָדער אַ סקולפּטאָר צוטרעטען צו זיין קינסטלערישער ארבייט מיט'ן גאַנצען ערנסט וואָס אַ שאַפער פון גאָטס גנאָדע דאַרף האָבען, און מאַכען אַ געלונגענע בילד פון דעם תנ"ך, פון די ערשטע קריסטען אָדער אַ ריין אַראַביש־בעדואינער בילד, ניט צו זיצען און צו לעבען אין דעם זעלביגען לאַנד וואו דער העלד האָט געלעבט אום צו פאַרשטעהן און פיהלען די ליידען און די פריידען פון דעם העלד, וועמען ער געהט פאַרקערפּערען, און ניט זיין אונטערוואָרפען צו די זעלביגע נאַטור־קראַפטען פון דעם העלד וועמען ער געהט פאַרשטעלען?

.15

קמיעות.

איינע פון די גוט־באַצאָהלטע קונסט־שניצערייען איז די קמיעות אַרבייט. אין פראַנקרייך ווי אויך אין איטאַליען איז די קמיעות שניצעריי זעהר גוט ענטוויקעלט. אין איין שטאָדט אין איטאַליען — טורא דע לאַ גורקאַ, לעבען באַרג וועזואוויוס — אַרבייטען ביי דער ארבייט נאָהענט צו צוואַנציג טויזענד מענשען און זייער אַרבייט איז פאַרשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט.

די אַרבייט ווערט אַם מעהרסטען געטהון פון ערד־אַרבייטער אין זייערע ליידיגע שטונדען און ווינטער צייט ווי אויך פון פרויען און קינדער. די אַרבייט פאָדערט ניט קיין סך קונסט־טאַלאַנט, נאָר איינאיבונג, גוטען פאַר־שטאַנד און פעהיגע געשווינדע הענד־אַרבייטער. די אַגענטען וועלכע פאַר־

זאָרגען די ארבייטער מיט קונים, זיי זעלבסט פאַרזאָרגען זיי אויך מיט'ן רויהען מאַטעריאַל.

אין ארץ־ישראל איז פאַראַן דער רויהער מאַטעריאַל און ביליג. אין דער קונסט־געווערב שוהלע „בצלאל" האָבען זיך אַ גרופּע יונגע לייט אויסגעלערנט די ארבייט און אין דער לעצטער צייט האָבען זיי געגרינדעט אַ פעראיין פון קמיעות ארבייט.

פּעהיגע אַגענטען, גרויסע פירמעס פון עקספּאָרט און אימפּאָרט קאָנען קומען אין קאָמערציעלע פאַרבינדונגען מיט די ירושלים'ער קמיעות ארבייטער, וואָס עס וועט זיי ברייגגען פּראָפיט און וועט העלפען די ארץ־ישראל קונסט אינדוסטריע זיך פאַרבאַרייטערען און פאַרשטאַרקערען.

16.

שטאָף־אַפּליקאַציעס.

אין אַלע וועסט אייראָפּעאישע לענדער פאַרנעהמט אַ ברייט פּלאַץ, צווישען די פאַרשיעדענע קונסט אינדוסטריעס, די שטאָף אַפּליקאַציעס.. פאַר אַ קליינע סומע געלד באַציערט אַ מאַן זיין הויז מיט בילדער, וואָס זיינען פינקטליך ריכטיג צום העלד, וואָס ער ליעבט, מיט די זעלבע פאַרבען און קאָלירען, מיט די אייגענע מאַניערען און אויסזעהן. מיט דער הילף פון „בצלאל" שוהלע האָבען זיך אויסגעלערנט אַ גרופּע יונגע לייט און פריילינס די שטאָף־אַפּליקאַציעס, וועלכע גיט איבער אין אַן אויסערגעוועהנלי־כען ריכטיגען אופן פאַרשיעדענע היימישע טיפּען פון אידען, קריסטען און מאַכמאַדאַנער. זייער אַרט לעבען אין הויז און אין סטריט איז ממש אין די זעלביגע קאָלירען ווי זיי עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט.

מיט ניט גרויסער סומע געלד איז מעגליך צו ענטוויקלען דיעזע קונסט־אינדוסטריע פאַר אַ גרויסע און ברייטע קונסט־ארבייט צווייג, וואָס זאָל באַשעפטיגען טויזענדער מענשען אין ארץ־ישראל.

17.

שטיין און ביין שניצעריי.

אין פראַנקרייך איז זעהר ענטוויקעלט די ארבייט פון שטיין און ביין שניצעריי. טויזענדער מענשען ציהען פון דעם זייער לעבענס־מיטעל ברווח. די ארץ־ישראל שטיין און ביין שניצעריי האָט, ווי מיר האָבען שוין

אייניגע מאָל דערמאָנט ביי פאַריגע געלעגענהייטען, א ברייטען ארבייט פעלד, צייגען אין ממשות־דיגע פיגורען פיעלע היסטאָרישע און נאַטור בילדער וואָס זיינען באַליעבט אין מיליאָנען הערצער.

דער רויהער מאַטעריאַל, שטיין, איז פאַראַן פיעל אין לאַנד, פון פאַר־שיעדענע קאָלירען, שוואַרצע, ווייסע, רויטע, זעהר רויטע, קאָלירטע א. ד. גל. עס גיעבט אויך אייניגע קינסטלער וואָס ארבייטען די ארבייט מיט ערפאָלג.

18.

שטיקעריי אויף גאָלד, זילבער און זייד.

די ארבייט פון שטיקעריי אויף גאָלד, זילבער און זייד, וואָס ווערט געאַרבייט פון ווייבער פאר הייליגע צוועקען ווי פרוכת׳ן, מענטעלאַך צו דער תורה, טישטעבלאַך אויף צוצודעקען די חלות שבת ביי נאַכט, מצה דעקלאַך א. ד. גל. איז אן אַלטע אידישע רעליגיעזע קונסט־ארבייט וואָס פאַנגט זיך אָן מיט׳ן ערשטען פרוכת וואָס אידישע פרויען האָבען געמאַכט נאָך אין דער מדבר אויף משה רבינו׳ס פערלאַנג. אין ארץ־ישראל ווערט די ארבייט געטהון פון ווייבער און מיידלאַך און ווערט עקספאָרטירט אויף דער וועלט. מיט דער רואינע פון אייראָפּאַ איז די ארבייט פיעל פאַרקלענערט געוואָרען. עס פעהלט א גרויסע און ברייטע אַדווערטייזמענט, אז אַלע אידישע קהלות זאָלען נוצען צו באַפּוצען זייערע שוהלען נור מיט דער שמוקלעריי, וואָס ווערט געאַרבייט אין ארץ־ישראל.

פעהיגע געשעפטס־לייט קאָנען דאָ אויך האָבען א גרויס ארבייט פעלד צווישען שמוקלער פירמעס.

19.

שילדען.

שילדען קונסט־מאַלעריי איז אין ארץ־ישראל ניט שלעכט ענטוויקעלט. עס זיינען פאַראַן אייניגע גוטע שילדען מאַהלער, וועלכע האָבען פאַרנומען א פיינעם פּלאַץ אין אייראָפּאַ, אָבער עס איז פאַראַן נאָך גענוג אָרט פאר נייע גוטע שילדען־מאַהלערס, וועלכע קאָנען אויפהויבען דיעזע סאָרט ארבייט צו א הויכער קונסט־ארבייט, און עס איז פאַראַן פיעלע גרויסע געשעפטס־הייזער, וועלכע וואָלטען גערן צאָהלען הויכע פרייזען פאר גוטע קונסט שילדען־מאַלעריי.

.20

שפּיעלצייג.

אין אייראָפּא, אַמעריקא און אין יאַפּאַן איז זעהר פערשפּרייט די שפּיעלצייג אינדוסטריע, וועלכע ווערט געארבייט פון האָלץ, שטאָף, גום, גלאָז און פּאָרצעליי. די אינדוסטריע באַשעפטיגט צעהנדליגע טויזענדער מענשען, די אַרבייט ווערט געמאַכט אַממיינסטען ביי מאַשינערי. עס ווערען אויסגעאַרבייט מיליאָנען עקזעמפּלאַרען אין אַ קורצער צייט, וואָס מאַכט מעגליך דאָס פּאַרקויפען פאַר אַ קליינעם פּרייז.

עס איז גאַנץ מעגליך צו גרינדען דיעזע אינדוסטריע אין ארץ־ישראל, נאָך מעהר: ווען די אַרבייט וועט זיין ענטוויקעלט אין ארץ־ישראל, וועט זי געשטעמפּעלט ווערען מיט איין אָריענטאַלישען שטעמפּעל, וואָס איז זעהר רייך אין פּאַרבען, אין היסטאָרישע עראינערונגען מיט אָריגינעלען געשמאַק.

אידען פון דער גאַנצער וועלט וואָלטען גערן קויפען די שפּיעלצייג, איבערהויפּט לעהרער פון שוהלען וואָלטען גענוצט דיעזע ארץ־ישראל פּראָדוק־טען פאַר פּעדאַגאָגישע צוועקען: צו צייגען זייערע שילער אין טהאַט, אין ממשות׳דיגע פיגורען מיט די זעלבע פּאַרבען און קאָלירען דאָס לעבען פון אונזערע אור־עלטערען אין ארץ־ישראל, דאָס אויסזעהן פון די נביאים, אונ־זערע גבורים און פאָלקס־לעהרער אין אונזער שאַפּענדער פּעריאָדע, דאָס ריכטיגע געשטאַלט פון די אידישע הייזער און שטעדט, אידישע אייגענ־אַרטיגען, היימישען, אָריגינעלען לעבען.

עס איז קיין צווייפעל ניט וועגען דעם ערפאָלג פון אַזאַ נאַציאָנאַלער קונסט־אינדוסטריע.

פאַר מעהר איינצעלהייטען שרייבען צו:

INFORMATION BUREAU

HAMODIA

20 GLENWAY STREET DORCHESTER, MASS.

זעקסטע אבטהיילונג
בענק

ארץ־ישראל שטעהט פאר א גרויסע צוקונפט אין אלע הינזיכטען פון איהר אויפלעבונג און ווידער־אויפבוי, אנהויבענדיג פון לאנדווירטשאפט. די פארשיעדענע טהיילען פון אינדוסטריע — בוי, אגריקולטור, קונסט און אלגעמיינע אינדוסטריע — ביז דעם קאמערץ אין ברייטען זין פון ווארט אלס דער צענטער פלאץ פון קליין אזיע און פון דעם גאנצען נאהענטען מזרח. אום די ברייטע רייכע פלענער צו פארווירקליכען איז נויטיג דער אינטערנאציאנאלער האנדעלס־צעמענט — געלד. און וועגען דעם ווילען מיר דא באמערקען, אז ארץ־ישראל איז איינע פון די בעסטע אינוועסטמענטס פלעצער פאר בענק פון פארשיעדענע צווייגען פון קאמערץ און אינדוסטריע. אין דער צייט וואס אמעריקאנער בענק זוכען וואו צו פארלייהען געלד אויף זעקס פראצענט, ווערט אין ארץ־ישראל פארליהען געלד אויף אכט פראצענט. וועגען זיכערהייט פון דעם ארץ־ישראל האנדעל וועט זיין גענוג דער באוויז אז אין די לעצטע זעקס יאהר, זייט דער ענגלישער אקופאציע, האט ניט פאסירט קיין איינציגער אנזעץ — ווייל די פראספעריטי פון לאנד איז גוט. פינף נייע גרויסע בענק זיינען אין לעצטען יאהר געגרינדעט געווארען און עס איז נאך א מאנגעל אין געלד.

דא איז צו באמערקען נאך א מערקווירדיגע זאך אין דער באנקען־וועלט: יעדע באנק וואס איז געגרינדעט געווארען אין ארץ־ישראל, האט געפונען א י ה ר ע אינוועסטמענטס, א י ה ר ע איבערגעגעבענע אנהענגער, וועלכע גלייכען צו האנדלען נאר מיט איהר, און יעדע באנק האט אריינגעבראכט אין לאנד נייע צווייגען פון געשעפט. דאס זעלביגע איז געוועהנליך צו האפען פון די בענק, וואס וועלען פון דאס נייע געגרינדעט ווערען, ווייל צעהנדליגער גוטע אונטערנעהמונגס־געשעפטען ווארטען אויף בענק, וואס זאלען זיי פינאנ־סירען.

1.

אַגראַר־באַנק.

איז נויטיג צו ערקלעהרען די וויכטיגקייט פון אַן אַגראַר־באַנק אין אַזאַ רייך אַגראַר־לאַנד מיט איהרע אומגעהייערע רייכע פלענער ווי ארץ־ישראל? צעהנדליגער און פיליכט הונדערטער גרויסע אונטערנעהמונגען זיינען פאַראַן, וועלכע זיינען שטודירט געוואָרען פון עקספערטען און זאָגאַר אַזעלכע וואָס ווילען אַליין אינוועסטען אַ גרויסען טהייל אייגען קאַפּיטאַל וואָס איז נויטיג, וואַרטען אויף אַן אַגראַר באַנק, וואָס זאָל זיי אַרויסהעלפען אום צו פאַר־ווירקליכען זייערע געניאַלע קאָמערץ־פלענער, וועלכע וועלען ברענגען גרויסען פּראָפיט פאַר די אונטערנעהמער, זיכערע דיווידענדען דער באַנק, און ממילא — רייך מאַכען דאָס לאַנד.

די טערקישע רעגיערונג וועלכע האָט קיין אינטערעסע געהאַט צו גונסטען פון ארץ־ישראל, האָט אויך ניט געקענט צומאַכען די אויגען אום ניט צו זעהן די דרינגענדע נוצליכקייט פון איין אַגראַר־באַנק, און זי האָט געגרינדעט אַזאַ באַנק מיט אַ סומע פון לערך צוויי מיליאָן דאָלאַר. די ענגלישע רע־גיערונג האָט גלייך נאָך איהר אַריינקומען אין לאַנד אָנגעהויבען לייהען די אַקער־בויער קליינע סומעס אום ניט צו פאַרלאָזען זייער לאַנדווירטשאַפט, נאַכהער האָט זי סיסטעמאַטיש אָנגעפאַנגען איינצומאָהנען די שולדען פון דער טערקישער אַגראַר באַנק, אום דאָס זאָל זיין אַלס אַ גרונד־שטיין פאַר אַ ארץ־ישראל אַגראַר־באַנק. אָבער די אַראַבער איילען זיך גאָרניט צו צאָהלען „אַלטע“ חובות.

צו גרינדען אין ארץ־ישראל אַ גרויסע אַגראַר־באַנק, איז איינע פון די נוצליכסטע און זיכערסטע קאָמערציאַלע אונטערנעהמונגען אין לאַנד, וועלכע איז זיכער מיט ערפאָלג און וועט פיעל העלפען צום אויפבליהען פון דער לאַנד־ווירטשאַפט.

2.

אינדוסטריעלע באַנק.

אין די גרויסע וועלט־שטעדט איז פאַראַן ניט נאָר בעזונדערע בענק פאַר אינדוסטריע, קאָמערץ, מאָרטגיידזש, א. אַז. וו. נאָר ספּעציעלע בענק פאַר יעדער באַזונדער צווייג פון דער אינדוסטריע. דאָס ספּעציאַליזירונג פון אַ באַנק אין אַ געוויסען ברענטש פון האַנדעל ברייגנגט צוויי גרויסע נוצליכע

זאַכען: די בעאַמטע פון דער באַנק, וועלכע גיבען זיך אימער אָפּ מיט דעם ברענטש, ווערען פאַר־לייט אין איהם און זיי האָבען די מעגליכקייט צו באַקענען זיך פון דער נאָהענט מיט זיינע אייגענשאַפטען, זיינע האַפנונגען און גוטע צייטען, אָדער זיינע שלעכטע אויסקוקען אין דער צוקונפט. דאָס פאַרהיט דער באַנק פון אַן אומאויסגערעכענטען שריט אין אַ צייט ווען עס שיינט צו זיין ניט זיכער די הלואה. און נאָך אַ זאַך: דאָס אָפּגעבען זיך פון דער באַנק מיט איין קלאַס מענשען, ווירקט אויף זיי פּסיכאָלאָגיש צו פּאַטראָנייזען דיעזע באַנק אום צו מאַכען זייערע אינוועסטמענטס ביי „זייער" באַנק. און אַרום דעם קרייז נאָהענטע אַנהענגער ווערען צוגעצויגען שוין פון זיך אַליין באַקאַנטע און פּאַרוואַנדטע. אַזוי אַרום באַקומט די ספּע־ציעלע באַנק אַ קראַוד „פּערעהרער און נאָכפאָלגער".

עס איז ניט ווייט די צייט ווען אין ארץ־ישראל וועלען זיין בענק פאַר פאַרשיעדענע צווייגען פון אינדוסטריע. אָבער דאָס איז דאָך קיין ספק־ספיקא ניט, אַז איין אינדוסטריע־באַנק איז נויטיג. די באַנק וועט גלייך באַקומען איהרע קאַסטאָמערס צו לייהען געלד ווי אויך איהרע אַנהענגער צו סייווען ביי איהר געלד.

3.

בילדינג לאָאַן באַנק.

אין אַמעריקא געהען אַן אַלע בילדינגס, קליינע ווי גרויסע, מיט דער הילף פון די בילדינג לאָאַן בענק. דער בילדער לעגט אַריין 25־30 פּראָצענט פון דער סומע, וואָס די גאַנצע בילדינג קאָסט, און דאָס איבעריגע קריעגט ער ביי דער באַנק. די באַנק איז זיכער מיט איהר קאַפּיטאַל, ווייל אויפ'ן ערגסטען אופן האָט נאָך די הויז די ווערטה דאָס געלד וואָס זי האָט אַריינ־געלעגט. עס איז גאָר שווער זיך פאָרצושטעלען ניו יאָרק, למשל, זיך בילדען אָהן די בילדינג לאָאַן בענק. ארץ־ישראל וואָס בילדעט זיך מיט אַ גרויסען אימפּעט און קען נאָך אַלץ ניט פאַרטיג ווערען מיט דער צאָהל הייזער, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער שנעל־דערוואַקסענדער באַפעלקערונג, נויטיגט זיך זעהר אין אַ גרויסער בילדינג לאָאַן באַנק. די בילדינג לאָאַן באַנק וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרען פון דער „פּאַלעסטיין דעוועלאָפּמענט קאַונסיל", איז ווייט ניט גענוג פאַר די באַדערפנישען פון דער ארץ־ישראל בילדינג עפּאָכע.

4.
מאָרטגיידזש באַנק.

אין וואָס פאַר אַ גרויסער ענטוויקעלטער לאַנד איז ניט פאַראַן קיין מאָרטגיידזש באַנק, אָדער ווי מען רופט זי אין אייראָפּאַ היפּאָטהעקען באַנק? עס איז זעהר שווער פאַר אַ מיטעל־קלאַס מענשען אָפּצושפּאָרען אַ גרויסע סומע געלד, וועלכע זאָל מעגליך מאַכען צו קויפען אַ פּאַסענדע הויז פאַר זיך. אַ מאָרטגיידזש באַנק רעכענט זיך אין יעדען לאַנד פאַר דעם זיכער־סטען פּלאַץ פאַר געלד־שפּאָרען. אייניגע מאָרטגיידזש־בענק וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען פיגורירען מיט ציעמליך קליינע קאַפּיטאַלען, זיינען אין אייניגע יאָהר אויסגעוואַקסען אַלס גרויסע רייכע בענק מיט אייניגע פיליאַלען אין פּראָווינץ־שטעדט.

מערקווירדיג איז דער פאַקט, דאָס אין ארץ־ישראל זיינען גראַדע די צוויי אויבענדערמאָהנטע פונקטען גינסטיג פאַר אַ מאָרטגיידזש באַנק. די סומע פון אַ הויז קאָסט פיעל מעהר אַלס אין אַן אַנדער לאַנד, ווייל די מעהרסטע געביידעס ווערען געבילדעט פון שטיינער און עס איז נאָר שווער גאָר כמעט אוממעגליך פאַר אַ מיטעל־קלאַס מענשען זיך זעלבסט צו בילדען אַ הויז אָהן דער הילף פון אַ מאָרטגיידזש באַנק. און אין ארץ־ישראל פעהלט אַ זיכערע באַנק פאַר סייווינגס אַקאַונטס. ווען עס זאָל עקזיסטירען אַ מאָרטגיידזש באַנק, וואָלט זי געצויגען אַ גרויסען קראַוד דעפּאָזיטאָרס, וועלכע וואָלטען געקוקט אויף איהר אַלס דאָס זיכערסטע פּלאַץ פאַר געלד סייווינגס.

עס זיינען געמאַכט געוואָרען אייניגע אָנפאַנגען זייטענס דער „פּאַלעס־טינא דעוועלאָפּמענט קאָונסיל" און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער ארץ־ישראל, אום אויפצושטעלען אַלע דרינגענד נויטיגע פּריוואַט, מוני־סיפּאַל און געמיינדע־הייזער, דאַרף האָבען אַ מאָרטגיידזש באַנק מיט אַ מינימום קאַפּיטאַל פון אַ מיליאָן דאָלאַר אַלס אַן אָנפאַנג.

5.
פּאָון שאָפּ.

עס איז איבעריג צו דערקלעהרען די וויכטיגקייט פון אַ פּאָון שאָפּ אין אַזאַ אימיגראַציאָנס־לאַנד ווי ארץ־ישראל איז. עס קומען מענשען אין אַ נייען פרעמדען לאַנד אָהן קרובים און בעקאַנטע. ווען זיי נויטיגען זיך אין קליינע הלוואות באַקומען זיי ניט. עס עקזיסטירען אין ארץ־ישראל אייניגע

קליינע גמילות חסדים. אין ירושלים אליין זיינען פאראן פיער גמילות חסדים, אבער אום צו קריגען אן הלואה דארף מען זיין באקאנט מיט די דירעקטארען און אויך האבען א גוטע זשירע — זאכען וואס זיינען אויסגעשלאסען פון איין אימיגראנט. אגב איז כדאי צו באמערקען נאך א זאך: אפילו אלטע ירושלים׳ער תושבים איז פיעל מאל ניט אנגענעהם „נאכלויפען" בעטען דעם גמילות חסד און נאכהער בעטען און קריגען א זשירע פון א באוואוסטען זיכערען סוחר.

עס איז זעהר נויטיג צו גרינדען א פאון שאפ, וועלכע זאל אהן שווערער מיה און פארשיעדענע פראטעקציעס געבען יעדען איינעם איין פאסיגע הלואה געגען זיינע דזשולערי, ווערטה פאפירען אדער עהנליכע ווערטהפולע זאכען.

ניט נאר וואלט א פאון שאפ געקראגען קרעדיטארס גלייך, נאר זי וואלט אויך געקראגען דעביטארס. פיעלע מענשען וואלטען געקויפט איהרע שערס — אויב זי וואלט ארויסלאזען שערס — אדער וואלטען איהר געגעבען זייער געלד אלס זיכערע סיוויננג באנק, צו האלטען אויף קליינע צינזען. ווי געזאגט, האט א פאון שאפ א ברייט פלאץ צו ארבייטען אין ארץ־ישראל און זיך צו אנטוויקלען אין א קורצער צייט מיט פיעלע פיליאלען אין פארשיעדענע שטעדט און דערפער אין לאנד.

6.

קאמערץ־באנק.

איז נויטיג צו באטאנען די דרינגענד־נויטיגקייט פון א קאמערץ־באנק אין ארץ־ישראל, וואו אלע איהרע גרעסערע אונטערנעהמונגען שטעהען פאר זייער אויפבליהענדען סיזאן, נאר דער מאנגעל אין קאפיטאל שטערט זיי פון פארווירקליכט צו ווערען? אין א גוט קאמערציאל ענטוויקעלט לאנד ווי אמעריקא אדער ענגלאנד, איז אויך אוממעגליך צו פיהרען מעהרערע פער־צווייגטע ביזנעס אין ווייטערע טעריטאריעס אהן די הילף פון קרעדיט, איז גאר קיין קלעהר ניט וועגען א קליינער לאנד וואס פאנגט יעצט אן ארייג־צוגעהן אין דער קאמערציעלער וועלט. עס איז גאר אוממעגליך צו דענקען וועגען קאמערץ אהנע צו האבען א גרויסע באנק מיט גענוגענדען קאפיטאל פאר קרעדיט צו גוט געזיכערטע געשעפטליכע אונטערנעהמונגען.

זיבעטע אָבטהיילונג
האַנדעל

דאָס העכסטע און ברייטסטע פּלאַץ אין דער ארץ־ישראל ווידער־אויפבוי אין דער שנעלער האַפּענטליכער גלענצענדער צוקונפט וועט פאַרנעהמען דער גרויסער האַנדעל אין לאַנד־קולטיווירען, ווי עקספּאָרט, אימפּאָרט, האַפען־בוי, אייזענבאהנען, שאָסייען, באַוואַסערונגען א. ד. גל. צווישען די אַרויפגעאַרבייטע אַמעריקאַנער און איראָפּעאישע אידישע מיליאָנערען זיינען פאַראַן פיעלע וועלכע האָבען געמאַכט זייער גליק דורך די אויבען־דערמאָהנטע גרויסע קאָמערציעלע אונטערנעהמונגען. ארץ־ישראל אין איהר יעצטיגען פּאָליטיש־עקאָנאָמישען צושטאַנד איז זעהר גינסטיג פאַר מענשען מיט העכער ווי געוועהנליכען אונטערנעהמונגס־גייסט און קאָמבינאַציעס־פעהיגקייטען.

אַלע גרעסערע פערצווייגטע און מעהר קאַלאַציאַלע ביזנעס זיינען נאָך כמעט אונבאַריהרט געוואָרען, ווייל די פּאָליטישע לאַגע פון דער טערקישער רעגיערונג פון לאַנד האָט ניט דערלאָזט דערצו, און ממילא זיינען די עקאָנאָמישע אומשטאַנדען ניט פּאַסענד געווען פאַר גרויסע אינוועסטמענטס פון אינלאַנדישע און אויסלאַנדישע קאַפּיטאַליסטען. אַנדערש איז אָבער די לאַגע יעצט: ענגלאַנד איז פאַראינטערעסירט אין דער ענטוויקלונג פון לאַנד און פּריוואַט און נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל — פון קרן היסוד — ווי אויך די אָרטיגע אַראַבישע באַפעלקערונג האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ באַזונדערער באַגייסטערונג אויפ׳ן געביעט פון אַלע האַנדעלס־פעלנער אום צו ענטוויקלען דאָס לאַנד.

זאָלען די אידישע געניאַלע ביזנעס־לייט, וועלכע האָבען אַזוי פיעל מיט־געשטייערט צו אַלע גלות־לענדער ציוויליזאַציאָנען, איבערטראַכטען וועגען זייער אַקטיווען באַטהייליגען זיך אין דער ווידער־אויפבויאונג פון ארץ־ישראל, וועלכעס איז אימשטאַנד צו ברייגנען נאָהענטע געווינשטע פרוכט פאַר זיי פּריוואַט און ממילא פאַר׳ן כלל.

1.

אדווערטייזינג.

אַ באַדייטענד פּלאַץ וועט פאַרנעהמען אין דער צוקינפטיגער ארץ־ישראל וויעדער־אויפבוי אַ גוט־ענטוויקעלטע אַדווערטייזינג־ביוראָ, מענעדזשירט פון פעהיגע געשיקטע פאַכלייט, וועלכע וועלען אימשטאַנד זיין גאַנץ ווייט און ברייט באַוואוסט מאַכען אין לאַנד ווי אין אויסלאַנד פון אַלע ארץ־ישראל פּראָדוקטען, זייער נוצליכקייט, פּרייזען אין פּאַסענדע מאַרקען און ביזנעס־צענטערען.

אין אַמעריקא ווי אויך אין אייראָפּא זיינען די אַדווערטייזינג ביוראָס דער וויכטיגסטער קאָמערציאַלער זייל אין דער ביזנעס־וועלט, איבערהויפּט אַ נייע אויפלעבענדיגע לאַנד נויטיגט זיך אין פּאָפּולאַריטעט אום צו קריגען קונדען.

דאָס איז איבעריג צו זאָגען בפירוש, אַז ווי ווייט די אַגריקולטורעלע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע ארץ־ישראל נויטיגט זיך אין אַ ערשט־קלאַסיגער אַדווערטייזינג־ביוראָ, זאָ ווייט איז די אַדווערטייזינג־ביוראָ געזי־כערט פאַר זיך מיט אַ סוקסעס, אום אַלע איהרע אינטעלעקטועלע אַרבייטער זאָלען גוט באַצאָהלט ווערען.

מיר ווילען דאָ נים שרייבען איינצעלהייטען ווי אַזוי, ווען און וואו צו פיהרען די אַדווערטייזינג־ביוראָ, נאָר די פאַכלייט און די ביזנעס־לייט אין גוט־ענטוויקעלטע לענדער פאַרשטעהען און פיהלען, דאָס דער גוטער אַדווערטייזער איז דער איינציגער פאַרמיטלער צווישען דעם פּראָדוצירער און דעם קאָסטימער אין וואָס ארץ־ישראל נויטיגט זיך אַזוי.

2.

אייזענבאַהן.

קענט איהר זיך פאָרשטעלען אַ גוט־אַגריקולטורעלע לאַנד, וואָס איהר לאַנד־ווירטשאַפט שטעהט אויף אַ הויכען ענטוויקעלטען שטאַנד, אָהנע צו האָבען ברייטע, זיכערע און רעגעלמעסיגע באַהן־ליניעס אין אַלע איהרע טהיילען ? עס איז גאָר אוממעגליך אָנצופאַנגען אַגריקולטור אָהנע צו זיין זיכער, דאָס די פּראָדוקטען וועלען אַמשנעלסטען פאַרזאָרגט ווערען צו די שטאָדטישע קאָסטאָמער, און דער אמת איז אַז דארום שטעהט ארץ־ישראל

אויף א ניעדעריגען אגריקולטורעלען שטאנד, ווייל עס איז אין לאנד פאראן ווייניג באהן־ליניעס, און די דאָזיגע פארבינדען ניט אלע לאנד־ווירטשאפטליכע צענטערען פון לאנד.

און וואָס איז מיט אינדוסטריע אין איהרע פארשיעדענע צווייגען, קענען זיי זיך ענטוויקלען לויט זייערע לאָקאלע און מאטעריעלע אומשטענדען, ווי גינסטיג און ווינשענסווערטה זיי זאָלען ניט זיין, כל זמן עס איז ניטאָ קיין פארקעהר־מיטעל צווישען די פאבריקען און די פיעל־צוואווארפענע פלע־צער, וואָס געברויכען די וואארע?

און קאָמערץ — דאָס באשטעהט דאך אין גאנצען פון פארקעהר־מיטלען צווישען איין טהייל פון דער באפעלקערונג און דער צווייטער.

די עקזיסטירענדע באהן־ליניעס אין ארץ־ישראל זיינען ניט גענוג פאר ארץ־ישראל, זיך רעכענענדיג מיט איהרע גרויסע פאָרבערייטונגען אין אלע צווייגען פון אגריקולטור, אינדוסטריע און האנדעל. די רעגיערונג איז ניט אימשטאנד און וויל ניט מאכען קיינע קאָמערציעלע אונטערנעהמונגען. עס איז אָבער איינע פון די זיכערסטע און באצאָהלטע געשעפטען צו עפענען באהן־ליניעס און צווייגען פון דעם עקזיסטירענדען באהן.

ווי וויט נייע באהן־ליניעס זיינען זיכער מיט ערפאָלג, ווען זיי ווערען געגרינדעט אין גוט־אויסגערעכענטע ביזנעס־פונקטען, קען דיענען אלס באווייז די באהן־ליניע, וואָס די אידישע קאָלאָניע פתח־תקוה האָט צוריק מיט דריי יאָהר געגרינדעט אויף איהר אייגענעם רעכנונג און עס איז א גלענצענדע אונטערנעהמונג, וואָס ברייננגט פיעל דיווידענד.

די רעגיערונג פון איהר זייט וועט העלפען יעדער געזעלשאפט וואָס וועט צוטרעטען צו דיעזער ארבייט מיט איהרע געשטודירטע פלענער און מיט מעהרערע פריווילעגיעס אום צו ציוויליזירען דאָס לאנד.

פאר מעהר איינצעלהייטען שרייבען צו:
INFORMATION BUREAU
HAMODIA
20 GLENWAY STREET DORCHESTER, MASS.

3.

ארץ־ישראל אינדוסטריעלע אַגענטור.

מיט דער איינריכטונג פון די אויבענדערמאָהנטע און ווייטער־ באַשרי־בענע אַגריקולטורעלע און קאָמערציעלע פּלענער וועט נאָך די ארץ־ישראל׳דיגע עקאָנאָמישע לאַגע ניט געלייזט ווערען, אָדער, בעסער געזאָגט, זי וועט נאָך ניט אָנהויבען געלייזט צו ווערען. עס איז נאָך וועניג וואָס גוטע און אפילו די בעסטע וואַרע וועט פּראָדוצירט ווערען אין ארץ־ישראל. עס איז נויטיג דאָס די אַלע וואָס האָבען אַן אינטערעסע אין דער וואַרע אין אייראָפּאַ, אין אַמעריקאַ, צי אין די ווייטערע קאָנטינענטען, זאָלען וויסען פון איהר עקזיסטענץ, פון איהר הויכער ווירדע און פון איהרע פּרייזען. ביז היינט איז ארץ־ישראל נאָך ניט באַוואוסט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדעלס־וועלט, און דאָס דאַרף זיין די גרעסטע אויפגאַבע פון דער „ארץ־ישראל אינדוסטריעלע אַגענטור" זיך צו באַשעפטיגען ספּעציעל מיט׳ן פאַרשפּרייטען די ארץ־ישראל אינדוסטריע אויף די גרויסע וועלט־מאַרקען און אין די גרויסע ביזנעס־צענטרען.

די „ארץ־ישראל אינדוסטריעלע אַגענטור" וועט באַגעגנען די גרעסטע סימפּאַטיע ביי די ארץ־ישראל פּראָדוצירער, וועלכע וועלען מיט׳ן גרעסטען פאַרגעניגען געבען מוסטערען פון זייערע פּראָדוקטען צו דיעזער אַגענטור און אויך אַ געוויסע סומע געלד פאַר עקספּענסעס, אום כדי זייערע פּראָדוקטען זאָלען פונקציאָנירען אין די גרויסע וועלט־צענטרען פון אַגריקולטור און אינדוסטריע.

צו גרינדען די ארץ־ישראל אינדוסטריעלע אַגענטור איז כמעט ניט נויטיג קיין געלד, אַ חוץ די קליינע סומע פון ערשטע אַראַנדזשמענטס און אַדווערטייזינג. און ווייטער קען די אַגענטור זיין אַ חי נושא את עצמו, אָבער עס איז אַבסאָלוט נויטיג ערשט־קלאַסיגע ביזנעס־פעהיגע מענשען, וועלכע האָבען איין אַמביציע צו אַזעלכע קאָמפּליצירטע און זעהר גוט בע־צאָהלטע אַרבייט.

4.

ארץ־ישראל בוי־קאָמפּאַני.

עס זיינען פאַראַן פיעל אידען וואָס זיינען ניט אימשטאַנד אַליין אַוועק־צופאָהרען קיין ארץ־ישראל, אָבער זיי וואָלטען גערן העלפען, ביזנעס־מעסיג,

צו דער ווידער אויפבוי פון ארץ־ישראל מיט א טהייל פון זייער קאַפּיטאַל צו די שוין עקזיסטירענדע און צו די נייע־גרינדענדע אינדוסטריעס, כדי זיי, די אינדוסטריעס, זאָלען קענען ניט געשטערטערהייד פון געלד־מאַנגעל אָנגעהן מיט זייער אַרבייט און זיך ענטוויקלען. אין דערזעלבער צייט זיינען פאַראַן אידען, אמת, דערוויילּ זעהר ווייניג אין צאָהל, וואָס אָפּפערען זיך פאַר׳ן גרויסען און הייליגען אידעאַל פון אויפלעבען אונזער חרוב׳ע היים, און זיי סעטלען איינגאנצען זייערע ביזנעס אין גלות און געהען נאָך ארץ־ישראל, און דאָרטען פאַנגען זיי אָן צו גרינדען אַן אינדוסטריע וואָס איז מעהר אָדער ווייניגער זיי בעקאַנט. ווי טראַגיש איז דער פאַקט, דאָס די גרויסע ביזנעס־פּיאָנערען, וואָס געהען אויסטרעטען א וועג פאַר׳ן אידישען קאַפּיטאַל און אידישע ענערגיע, קענען ניט ענטוויקלען זייערע אינדוסטריעס, כאָטש פון קאָמערציעלען שטאַנדפּונקט שטעהען זיי בעסער א גרויסע צוקונפט, צוליעב מאַנגעל אין דעם נויטיגען קאַפּיטאַל.

כדי צו בעפרידיגען די „פרומע ווינשען" פון די צוויי אויבענדערמאַנטע קלאַסען, און מיט דעם העלפען דעם אויפבוי פון אונזער איינציגער היים אויף דער וועלט, איז נויטיג צו גרינדען א „ארץ־ישראל בוי־קאָמפּאַני", מיט א קאַפּיטאַל פון א מיליאָן דאָלאַר, איינגעטהיילט אין הונדערט שערס, וואָס יעדע איינע זאָל זיין א גרינדער־שער און זאָל בעטרעפען צו טויזענד דאָלאַר, און נייננציג טויזענד רעגעלע שערס, צו צעהן דאָלאַר יעדע.

די אידען וועלכע ווילען העלפען צום ארץ־ישראל אויפבוי, וועלען קויפען שערס לויט נאָך זייער פערמעגען און הויכער ליעבער פאַר ארץ־ישראל, און די ביזנעס פּיאָנערען וועלען געהאָלפען ווער׳ען דורך דער קאָמפּאַניע מיט געניגענדען קרעדיט.

געוועהנליך איז איין מיליאָן דאָלאַר זעהר ווייניג אום צו העלפען אַלע עקזיסטירענדע קאָמערציעלע אונטערנעהמונגען, וועלכע נויטיגען זיך אין געלד, ווי אויך די אַלע צוקינפטיגע האַנדעל גרינדער און אינדוסטריעלע אונ־טערנעהמונגען, אָבער ווען די ערשטע אַרבייט פון דער קאָמפּאַניע וועט צייגען סימנים פון הצלחה, וועט מען קענען מיט ווייניג מיה פערגרעסערען די צאָהל שערס, און די קאָמפּאַניע, וועלכע וועט פונקציאָנירען אַלס א האַנ־דעלס באַנק, וועט זיכער קריגען פיעלע אינוועסטמענטס פון פּריוואַט־לייט, אום צו פערגרעסערען איהר טהעטיגקייט.

די זיכערהייט: כדי די קאָמפּאַניע זאָל זיך קענען ענטוויקלען און ערפילען איהרע הויכע ציעלען, דאַרף זי זיין ריין קאָמערציעל און שטעהן האַרט און פעסט אויף ביזנעס־פּרינציפּען: פּאָרזיכטיג זיין פאַר יעדען דאָ־

לאר, ער זאָל ניט אוועק אין אַ פּלאַץ פון וואַנען ער וועט ניט קומען צוריק. דאַרום וועט געלד געגעבען ווערען צו אינדוסטריאַליסטען קעגען אַ בעוואָרעניש פון זייער וואַרע און בתנאי, אַז די לייטע וואָס ווילען לייען געלד זאָלען צושטעלען, אַ חוץ צייגנים פאַר זייער קרעדיט־פעהיגקייט, ווי עס איז דער מאָדוס אין יעדער באַנק, אויך נאָך אַ זאַך: אַ פּלאַן פון זייער אינדוסטריע, די אויסזיכטען אין דער צוקונפט, און זיי דאַרפען אינוועסטען אין זייער אונטערנעהמונג פופציג פּראָצענט; דער גאַנצער האַנדעל אָדער אינדוסטריע זאָל זיין פערשריבען אויפ׳ן נאָמען פון דער קאָמפּאַניע, און אין פאַל פון אַן אומגליק: גנבה, פייער, דאָס פאַלען פון פּרייזען, א. ד. ג., וועט די קאָמפּאַניע ניט פערלירען קיין סענט פון איהר געלד.

5.

בהמות־פערזיכערונג.

ערקלעהרען דאָס גרויסע וויכטיגקייט פון בהמות פערזיכערונג איז איבעריג. יעדער מעהר אָדער ווייניגער לאַנדווירטשאַפטליכער סטייט האָט זיין בהמות־פערזיכערונג, אום די לאַגע פון די קאָלאָניסטען זאָל פּלוצלונג ניט אַראָפּפּאַלען צום אָפּגרונד פון לגמרי חרוב ווערען אין פאַל פון אַן עפּידעמישע קראַנקהייט, וועלכע פערניכטעט אין גאַנצען אָדער אַ גרויסען טהייל פון׳ם לעבעדיגען אינווענטאַר פון דעם קאָלאָניסט. די אינשורענס קאָמפּאַניע פון איהר זייט גיט אימער גוט אַכטונג אויפ׳ן וואָהלזיין פון די בהמות דורך איהר וועטערינאַר־דאָקטאָר און איהר אויפּפּאַסען אויף דעם אַלגעמיינעם היגיענישען לעבען פון דער פיה וואָס אַנבעלאַנגט עסען, אַ גוטען ריינעם שטאַל צו שלאָפען א. ד. ג., זאַכען וואָס אַן אינדיווידועלער קאָלאָניסט איז דערצו ניט געאייגנעט, ווייל איהם פעהלען די נויטיגע ידיעות און דער געדולד. דער רעזולטאַט פון אַ פיה אינשורענס קאָמפּאַניע איז, אַז אַלע קאָלאָניסטען פערזיכערען זייער לעבעדיגען אינווענטאַר און די קליינע יעהרליכע צאָהלונג שפּיעלט גיט קיין גרויסע ראָליע, אַבי זיי זיינען זיכער מיט זייער האָב און גוטס און דאָס ניט פערלירען אויף אַ פּלעצליכען אופן, און די קאָמפּאַניע פון איהר זייט מאַכט אויך גוטע ביזנעס, זי גיט גוט אַכטונג אויפ׳ן לעבען פון די בהמות און אַ גרויסער טהייל פון דעם אַנצאָהל בלייבט איהר אַלס פּראָפיט.

אין די לעצטע פאַר יאָהר זיינען געמאַכט געוואָרען איינינע פּראָבען, מיט גוטע רעזולטאַטען, אין יהודה ווי אויך אין גליל, פאַר אַ בהמות־פער־

זיכערונג, אָבער עס איז נויטיג צו גרינדען אַ גרויסע, שטאַרקע זיכערע בהמות־פערזיכערונג קאָמפּאַניע פאַר גאַנץ ארץ־ישראל. צו דער גרויסער קאָמפּאַניע װעלען אַלע קאָלאָניסטען האָבען דעם געהעריגען צוטרוי און די קאָמפּאַניע װעט אויך האָבען די מעגליכקייטען אויסצופיהרען איהרע אויפגאַבען אויפ׳ן בעסטען אופן, צום װאָהל פון דער גאַנצער ארץ־ישראל לאַנד־װירטשאַפט.

6.
געשעפט־צענטערן.

אין אַלע גרויסע שטעדט זיינען פאַראַן געשעפט־צענטערען, װאָס דאַר־טען קאָנצענטרירען זיך אַלע געשעפטען פון שטאָדט. געװעהנליך איז דער רענט דאָרטען אונגעהייער טהייער, אָבער עס צאָהלט זיך אָפּ. זאָגאַר אין די נאָכבאַרשע געגענדען שטייגען די פרייזען פון באָדען, הייזער און סטאָרס. אין די מייסטע ארץ־ישראל שטעדט איז כמעט ניטאָ קיין האַנדעלס צענ־טערען, נור אין געװיסע גאַסען האָט זיך פון זיך־אַליין ענטװיקעלט אַ מין ביזנעס־סעקשאָן. אין ירושלים איז פאַראַן אַזאַ סאָרט אויטאָמאַטישער ביז־נעס־סעקשאָן אין דער יפו׳ער סטריט. געװעהנליך דאַרף אַ האַנדעלס־צענ־טער װערען פון אָנפאַנג געבויט נור פאַר דיעזען צװעק און נאָר דאַן איז ער אימשטאַנד צו ערפילען זיין װאונש. נאָך אַ זאַך איז צו בעמערקען: די די יפו׳ער סטריט איז געבויעט פון דעם גריכישען דיר־קלויסטער — און עס איז שװער פאַר געװיסע קלאַסען אידישע ביזנעס צו ערװערבען אַ געהעריגען פלאַץ־פאָטאָגראַפיע, װייל דער קלויסטער פאַטראָנייזט די קריסטליכע שכנים, זאָגאַר װען זיי צאָהלען אַ פיעל נידעריגערען פרייז פון דעם װאָס דער איד װיל צאָהלען.

אין פאָריגען יאָהר האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ירושלים אַ בעװעגונג צו בילדען אַ געשעפטס־צענטער — מרכז מסחרי. האָפענטליך װעט עס געגרינ־דעט װערען, אָבער עס איז אין ירושלים פאַראַן פלאַץ פאַר נאָך צװיי אַזעלכע געשעפטס־צענטערען: אין מאה שערים סעקשאָן און אין מחנה־יהודה סעק־שאָן. יעדער סעקשאָן פאַר זיך איז בעזעצט פון טויזענדער מענשען, װאָס װאָלטען גערן קויפען זייערע אַלע נויטיגע אַרטיקלען אין זייער נאָכבאַרשאַפט. עקספּערטען האָבען איבערצייגט, אַז אַ האַנדלעס־צענטער בעצאָהלט זיך אַזוי גוט, אַז דער גאַנצער אינװעסטמענט־קאַפּיטאַל איז מעגליך אַרויסצונעהמען אין די ערשטע דריי יאָהר און נאָכהער איז אַלעס ריינער ריוח.

עס זיינען אין ארץ־ישראל אויך דא שטעדט וואו עס איז גאר ניטא קיין ביזנעס־סעקשאן. דארטען וואלט געווים געווען אן ערפאלג צו בילדען א נייעם „מרכז מסחרי“.

7.

דעפארטמענט סטארס.

אין איירארפא, ווי אויך אין אמעריקא, זיינען די דעפארטמענט־סטארס די גלענצענדסטע געשעפטען. זיי ערווערבען זיך שטענדיגע קאסטאמערס, וועלכע וועלען נימאלס געהן אין אן אנדער סטאר. אין „זייער סטאר“ קריגען זיי אלעס וואס זיי האבען נויטיג, פון עסענוואַרג, פארניטשור, דרעסעס, שפיעלצייג, דזשועלערי א. ד. ג. און די פרייזען זיינען אויך ניט איבערגע־ריסען, נור דער געוועהנליכער פרייז. פאר דעם קאסטאמער איז א דע־פארטמענט־סטאר א צופרידענע בעקוועמליכקייט. ארץ־ישראל איז א גינסטיג פלאץ פאר א דעפארטמענט־סטאר.

דא איז כדאי צו דערמאנען א נייע סארט דעפארטמענט סטאר, וואס הייסט „פייוו ענד טען סענט סטאר“. ווער האט ניט געזעהען די העכסטע געביידע אין ניו יארק, איבער זעכציג פלאר, דאס איז „וואילווארטה פייוו ענד טען סענט קאמפאניע בילדינג“. די ביזנעס בעטרעפט אין הונדערטע מיליא־נען, עס האט פיליאלען איבער גאנץ יונייטעד סטייטס. פיעלע קליינע פירמעס האבען דיעזער קאמפאניע נאכגעמאכט און האבען מיט הצלחה זיך ערווארבען אויך רייכטהום. די גאנצע דעפארטמענט־סטאר, וועלכע ענטהאלט מעהרערע אפטהיילונגען, פערקויפט זאכען וואס בעטרעפען ניט מעהר ווי צעהן סענט און ניט וועניגער פון פינף, אבער ווייל די פירמע קויפט יעדען ארטיקעל פאר מיליאנען, קריגט זי אלעס פאר זעהר ביליגע פרייזען און דעריבער ציהט זי צעהנדליגע טויזענדער קונים.

אין ארץ־ישראל איז דער האנדעל נאך ניט בעוואוסט, אבער ער האט א גלענצענדע צוקונפט. א פלאץ וואו א פרוי געהט עטליכע בלאק אבי זי זאל קריגען צו קויפען ביליגער פאר איין סענט, איז אהן צווייפעל דער ריכ־טיגער ארט פאר אזא סארט דעפארטמענט־סטאר.

8.

האטעלען.

זייט דער ענגלישער אקופאציע, הויבט ארץ־ישראל אן ארייצוגעהן אין דער רייהע לענדער, וועלכע ווערען רעגעלמעסיג יעהרליך בעזוכט פון פיעלע

טוריזענדער טוריסטען. די פאַרבינדונג מיט א באהן־ליניע מיט מצרים, וואַסער־לייטונג, עלעקטריק, טעלעפאָן א. ד. ג., וואָס זיינען איינגעפיהרט געווארען אין די לעצטע עטליכע יאהר, האט געמאַכט מעגליך פאַר די טוריסטען „אָפּשטאַטען א וויזיט" אויך אין דער הייליגער לאַנד. איין זאַך פעהלט אָבער נאָך אין לאַנד, וואָס מאַכט ניט גוט פאַר דעם טוריסט זיין פערוויילונג אין לאַנד, און דאָס איז מאָדערנע האָטעלען. די טוריסטען, וועלכע זיינען אלע פון דער רייכער קלאַס מענשען, רייזענדיג אין אייראָפּא, פיהלען זיי זיך אין די האָטעלען פונקט אזוי בעקוועמליך ווי ביי זיי אין דער היים. אין ארץ־ישראל איז פאַראַן ווייניג האָטעלען און ווייט ניט אַזעלכע ווי עס זיינען אין אַמעריקא אָדער אין אייראָפּא.

האָטעלען מיט אלע אימפּרואוומענטס, מיט אלע אנגענעהמע פערגניגענס, וואָלטען ניט נאָר געוועזן זיכער מיט געסט, נאָר זיי וואָלטען נאָך געהאָלפען צו פערגרעסערען די צאָהל פון טוריסטען אין לאַנד.

9.
האַפען־בוי.

איז נויטיג צו שרייבען און דערקלעהרען די וויכטיגקייט פון דעם אלגעמיינעם ארץ־ישראל עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט און פון אונזער נאַציאָנאַלען אינטערעס דאָס בויען פון גרויסע מאָדערנע האַפענס אין ארץ־ישראל מיט אידישען קאַפּיטאַל און ענערגיע? — מיר גלויבען, אז די זאַך איז אזוי קלאָהר און פערשטענדליך, אז איין וואָרט שרייבען וועגען דעם איז איבעריג.

אין דעם יעהרליכען באריכט, וואָס די ארץ־ישראל רעגיערונג האָט פאַרעפענטליכט פאַר'ן יאָהר 1922, ווערט דערמאָהנט דער פאַקט: „דער האַנדעל פון לאַנד ווערט געשטערט דערפון, וואָס ארץ־ישראל האָט ניט קיין גענוגענדע האַפען בעקוועמליכקייטען. עס גיבט ציימען, איבערהויפּט אין ווינטער, וואָס שיפען קאָנען ניט צוקומען צום פּאָרט איניגע טעג צוליעב א שטורם־ווינט וואָס הערשט אויפ'ן ים.

אין א לאַנד וואָס האָט אזא גרויסען גלענצענדען עקאָנאָמישען צוקונפט ווי ארץ־ישראל, איז די בעסטע און זיכערסטע קאַמערץ אונטערנעהמונג צו בילדען א גרויסען האַפען. דער האַפען וועט אויפהויבען די אלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד, וועט גרינגער מאַכען דעם עקספּאָרט און אימפּאָרט און וועט זיין אַן און פאַר זיך א גלענצענדע ביזנעס.

די רעגיערונג זעלבסט איז זעהר פעראינטערעסירט אין דעם געדאַנק.

אייניגע האפען־בוי־אינזשענירען זיינען לעצטען יאהר איינגעלאדען געווארען פון דער רעגיערונג אום איהר צוזושטעלען א גענויען און א זיכערען רעפארט וועגען דעם ריכטיגען פאסיגען פלאץ פאר דעם האפען און וויפיעל עס דארף קאסטען. די רעגיערונג האט שוין פארטיג אלע פלענער און די וויסענ־שאפטליכע אויספארשונגען וועגען דעם האפען. די לייט וואס אינטערעסירען זיך אין דעם ארץ־ישראל האפען־בוי קאנען בעקומען ביי דער רעגיערונג אלע איינצעלהייטען.

אין תל־אביב, נעבען יפו, געהט אן א שטארקע בעוועגונג וועגען א האפען־בוי.

מענשען וואס זיינען באקאנט מיט דיעזער ארבייט און ווילען אינוועסטען געלד אין א האפען־בוי אין ארץ־ישראל, וועלען באקומען פיעל הילפע הן מצד דער רעגיערונג ווי אויך פון דער זייטע פון אלע היגע איינוואוינער אהן אונטערשייד פון ראסע און רעליגיאן, ווייל דער האפען־בוי וועט פארבעסערען די אלגעמיינע סאציאלע־עקאנאמישע לאגע פון לאנד, אין וואס אלע איינ־וואהנער זיינען געוועהנליך פאראינטערעסירט.

10.
הייזער־בילדינג.

אלע גרויסע וועלט־שטעדט האבען צו פארדאנקען זייער ריעזיגען גרויסען אויסוואוקס צו די פעהיגע אמביציעזע ריעל עסטייטניקעס, וועלכע האבען, מיט דער הילף פון די בילדינג לאונס בענק און מארטגיידזש בענק, אויס־בויעט נייע סטריטען און נייע שטעדט, נעבען די אלטע, וועלכע זיינען פער־קויפט געווארען צו איינצעלנע לייט אויף קליינע אפצאהלונגען אין לאנגע צייטען. ארץ־ישראל האט זיך געבילדעט זעהר לאנגזאם דורך פריוואט קאפיטאל און דורך פילאנטראפישע סאסייעטים, אבער דער גרויסער טעמפא פון דעם נייעם ישוב, וואס האט זיך אנגעפאנגען מיט דער ענגלישער אקופא־ציע, פאדערט שטרענג נייע מאדערנע געביידע־מיטלען. עס פעהלט א גרויסע צאהל הייזער, אין מעהרערע בליהענדע שטעדט. די צאהל נייע געבילדעטע הייזער קאנען אבסאלוט ניט צופריעדען שטעלען דעם געברויך פון הייזער פון דעם נאטירליכען צוואוואוקס פון איינוואהנער, ווי אויך די נייע אנגעקומענע אימיגראנטען. אמת, פארלויפיג איז נאך ניטא קיין גרויסע לאון בילדינג באנק, ווי אויך קיין מארטגיידזש באנק, אבער אויך די אויבענדערמאהנטע בענק נויטיגען זיך אין גוטע ריעל עסטייט לייט, וועלכע זאלען פערשטעהן זייער פאך גרינדליך.

עס איז מעגליך צו גרינדען א קאָרפּאָריישאָן פון ריעל עסטייט, אין וועלכער עס זאָלען זיך באטהייליגען די עקזיסטירענדע בענק אין לאנד, די מאַנופעקטשורערס פון בילדינג מאטעריאל און פּריוואט קאפּיטאל פון ארץ־ישראל און פון אויסלאנד.

11.

וואסער־לייטונג.

גלייך נאָך דער ענגלישער אָקופּאַציע האָט זיך אָנגעפאנגען דאָס וואָסער־לייטונג אין ארץ־ישראל. אין ירושלים האָט די מיליטערישע אדמיניסטראַציע אין ערשטען מאָנאט פון איהר אָנקומען געלעגט רעהרען פאר וואסער־לייטונג פון די קוואלען עין פארא און ברכות שלמה. אין יאָהר 1921 ווען דאָס ענגלישע מיליטער איז פארקלענערט געוואָרען אויף א מינימום פון איינינע הונדערט פערזאָן, האָט די רעגיערונג אָנגעבאָטען צו פריוואט־קאמפּאַניעס און חברות אריינצוציהען אין זייערע פאָרשטעדט קוואל־וואסער, געצווינגען פון די רעגיערונגס־רעהרען. געוועהנליך האָט ירושלים, וועלכע האָט אימער געלי־טען פון מאנגעל אין וואסער און פון מאלאריע, וואָס איז געקומען פון דער שטעלענדיגער ציסטערנע, באגעגענט דעם רעגיערונגס־פּלאן מיט פיעל פרייד. און אָט אזוי האָט ירושלים אָנגעפאנגען טרינקען קוואל־וואסער. איך באנוץ זיך מיט'ן אויסדרוק „אָנגעפאנגען", ווייל דערווייל האָט נאָך ירושלים ניט זוכה געווען, אז אין יעדער הויז זאל זיין א סינק מיט קוואל וואסער, ווי עס איז אין יעדער קליינער שטעדטעל אין אמעריקא, ווייל עס איז נאָר געמאכט געוואָרען דער אָנפאנג. די ברכות שלמה קאָנען ניט בעזאָרגען די גאנצע באפעלקערונג מיט קוואל־וואסער. עס איז נויטיג אָנצושליסען צו די רעהרען קוואל־וואסער פון פארשיעדענע קוואלען נעבען ירושלים, און עס איז אויך נויטיג איינצופיהרען דאָס קוואל־וואסער אין אלע געביידעס אָהן אויסנאהמע פון נייע אָדער אלטע געביידעס.

דאָ קומט די צייט פאר פריוואט־קאפּיטאל מיט א גרויסען אונטער־נעהמונגס־גייסט צו פארפאלקאָמען דאָס, וועלכעס עקזיסטירט שוין אין א קליינעם מאסשטאב.

זעלבסט פערשטענדליך, דאָס די רעגיערונג וועלכע איז זעהר פאר־אינטערעסירט אינ'ם אלגעמיינעם עקאָנאָמישען ענטוויקלונג פון לאנד, וועט מיט אלע איהרע אדמיניסטראטיווע און לעגאלע קרעפטען העלפען צו דער וואסער־לייטונג אונטערנעהמונג, אום צו מאכען דאָס פאר אַן ערפאָלג לטובת דער גאנצער געמישטער באפעלקערונג. און וואָס אנבעלאנגט די איינוואָהנער

פון ארץ־ישראל, זיי וועלען דאָך געוויס באַגעגענען די אַרבייט פון פאַר־פאָלקאָמען און פאַרמעהרען דאָס וואַסער־ליטונג מיט דער גרעסטער דאַנק־באַרקייט, ווייל ווער ווייסט נאָך אַזוי פיעל ווי זיי און ווער פיהלט נאָך אַזוי פיעל ווי זיי די נוצען וואָס דאָס וואַסער־לייטונג וועט ברענגען אין לאַנד.

דאָס פאַרבעסערונג פון דער וואַסער־לייטונג איז ניט נאָר אַ וואָהלטהעטיגע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַרבייט, נאָר אַ גוט־באַצאָהלטע אונטערנעהמונג, וואָס איז מעגליך אָנצופאַנגען זאָגאַר מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל, ווייל די באַפעלקערונג זעלבסט וועט מיט איהרע לעצטע כחות שטיצען די נאָבעלע אַרבייט, אויב עס זאָל געגרינדעט ווערען אַ אַקציאָן געזעלשאַפט פאַר דעם צוועק.

12.

וועגען און שאָסעע בילדינג.

ארץ־ישראל איז אַ לאַנד, וואָס הויבט יעצט אָן זיך צו ענטוויקלען, לאַנג־זאַם, אָבער אָהן אָן אויפהער גרינדען זיך קבוצות, קאָלאָניעס און דערפער. קאָלאָניעס ווערען פאַרוואַנדעלט אין שטעדט און קליינע שטעדט ווערען גרעסער. עס פיהלט זיך זעהר די נויטווענדיגקייט צו פאַראייניגען די אַלע צושפּרייטע קבוצות, דערפער און שטעדט מיט אַ נעץ פון רעגעלע און שטענ־דיגע אַטאָמאָביל און באַהן־פאַרקעהר. און דאָס איז געוועהנליך ניט מעגליך כל זמן עס איז ניטאָ קיינע ברייטע וועגען און גוטע שאָסעען. די אַרבייט איז געוועהנליך מוטל אין יעדער פרייער ענטוויקעלטער מדינה אויף דער רעגיערונג. אָבער מיר ווייסען דאָך, אַז די רעגיערונג איז ניט אימשטאַנד אַליין צו טהון אַלע נויטיגע לאַנד־אימפּרואוומענטס. אָבער זי, די רעגיערונג, איז בערייט צו העלפען צו יעדער פּריוואַט־אונטערנעהמונג מיט אַ צופריי־דענשטעלענדער קאָנצעסיע אויף פיעלע יאָהר וואָס זאָל לוינען אינוועסטען קאַפּיטאַל.

אין איינינע, דרינגענד נויטיגע פאַלען, ווי למשל, צווישען גרויסע באַהן־פאַרקעהרען גיט די רעגיערונג זיך אַליין אָפּ מיט דער אַרבייט. די אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע „הסתדרות העובדים“ האָט פיעלע אַרבייט פון וועגען און שאָסעען ביי דער רעגיערונג אָנגענומען אין די דריי פאַר־גאַנגענע יאָהר.

אין איינינע פלעצער, צווישען גרויסע דערפער און גוט־ענטוויקעלטע

פּרוכטבאַרע קאָלאָניעס איז מעגליך צו קריגען פיעל פינאַנציעלע הילף פון די דירעקט פעראינטערעסירטע אַקערבויערן.

13. טבריה־בעדער.

נאָך פון אור־אַלטע צייטען זיינען באַוואוסט די „חמי טבריה" פאַר הייל־קוואַלען. זייער ווירקונג אויף קראַנקע, כאָטש זיי געפינען זיך אין זייער פּרימיטיווען צושטאַנד. דאָך איז זייער ווירקונג אויף קראַנקע ניט ווייניגער ווי די בעוואוסטע קאַרלסבאַד, מאַריענבאַד אָדער פראַנצענסבאַד און מאַסען מענשען קומען יאָהר־יעהרליך פון די אַרומיגע לענדער פון אַראַביען, מצרים, סוריה א. אַז. וו. און זיי ווערען געהיילט פון זייערע קראַנקהייטען. דאָס ווערט אַלעס גערעדט פון אַ האַלב־ווילדען צושטאַנד. היינט שטעלט אייך פאָר, ווען די נאַטירליכע הייל־אַנשטאַלטען וואָלטען באַפּוצט געוואָרען מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען וואָס אַ אייראָפּעאישע קאַרלסבאַד פאַרמאָגט, וויפיעל טוריזענדער באַזוכער וואָלטען דאָרטען געקומען אַ יאָהר!

די רעגיערונג איז זעהר פאַראינטערעסירט צו ענטוויקלען די הייל־בעדער אין טבריה און איז בערייט צו געבען פאַסיגע ביזנעסמעסיגע קאָנצעסיעס צו לייט, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם.

14. טוריסטען־אונטערנעהמונגען.

איינס פון די ברייטעסטע „אינדוסטריעס", וואָס וועט פאַרנעהמען מעהר פּלאַץ און וועט אַריינברענגען מעהר איינקונפטען ווי וואָס פאַר אַ מין אַנדער אינדוסטריע, איז טוריסטען אינדוסטריע. אין דעם לעצטען יאָהר־הונדערט האָט שוין ארץ־ישראל געהאַט אַ גענוגענדע צאָהל טוריסטען, וואָס האָט זיך אימער פאַרגרעסערט. עס פלעגען קומען אייראָפּעער, אַמעריקאַנער, אויך אָרימע רוסען. אין לעצטען יאָהר פאַר דער קריעג 1919 זיינען געקומען 20,000 רוסען און 6,000 אייראָפּעאישע געסט. אָבער ווען מיר זאָלען פאַר־גלייכען די צאָהל טוריסטען צו דער צאָהל פון אַנדערע לענדער, וועלען מיר זעהן ווי ווייט מיר שטעהען פון דעם הויכען פּלאַץ פון טוריסטען ענטוויק־לונג. שווייץ האָט דורכשניטליך צוויי מיליאָן טוריסטען אַ יאָהר. מען רעכענט, אַז זיי לייזען איבער 300 מיליאָן פראַנק אַ יאָהר. איטאַליען רע־כענט איהר איינקונפט פון טוריסטען 600 מיליאָן איטאַליענישע לירעס.

פראַנקרייך באַריהמט זיך, אַז זי האָט דריי מיליאַרד פראַנק אַ יאָהר פון טוריסטען. אפילו די קליינע צובראָכענע עסטרייך האָט אויך אריינגעבראַכט פאַר אַ יאָהרען מעהר פון אַ פיערטעל מיליאַרד גאָלד קראָנען.

עס זיינען דאָ פאַרשיעדענע זאַכען צו פאַרבעסערען די לאַגע, אום כדי צו קאָנען ציהען אַ גרויסע צאָהל טוריסטען קיין ארץ־ישראל. די וועגען, די האָטעלען, גוטע האפענס א. ד. גל.

די רעגיערונג אַליין איז זעהר פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די טוריסטען זאָלען צופריעדען זיין אין פאַלעסטינא און זאָלען קומען וואָס מעהר.

אין פאַריגען יאָהר האָט די רעגיערונג געגרינדעט אַ „חברה צו ערוועקען די טוריסטען צו קומען קיין פאַלעסטינא“.

אין דער חברה זיינען אַליין מיטגליעדער פאַרטרעטער פון דער רעגיע־רונג, פון די טוריסטען קאָמפּאַניע, פון די בענק און פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

די חברה באַמיהט זיך צו מאַכען באַקוועמער און אנגענעהמער די נסיעה קיין ארץ־ישראל און דאָס פאַרברענגען אין לאַנד.

אין ארץ־ישראל עקזיסטירען פינף טוריסטען־חברות: קוק, קלאַרק, אכספּורט אמעריקאַנער, ארץ־ישראל עקספּרעס און ריימאָנד און אטקליר.

אַ קאָמפּאַניע וואָס זאָל זיך גרינדען מיט דעם צוועק צו ברענגען טוריסטען קיין ארץ־ישראל, וועט גלייך קריגען די שטיצע פון דער רעגיערונג, פון די בענק און פון אַלע אָרטיגע חברות און סאָסייעטיס.

15.

כעמישע לאַבאָראַטאָריעס.

אין ארץ־ישראל איז פאַראַן פיעל כעמישע שטאָפען, וועלכע זיינען נאָך קיינמאָל ניט אונטערגעזוכט געוואָרען וויסענשאַפטליך, אום קלאָהר צו וויסען זייער ווערטה און זייער נוצען. פיעל פון די אימפּאָרטירטע כעמישע דראָג וואַרע איז מעגליך צו פּראָדוצירען אין לאַנד גופא.

דער וויסענשאַפטליכער און עקאָנאָמישער ווערטה פון אַן אייגענער גרוי־סער לאַנדס כעמישע לאַבאָראַטאָריום פאַרשטעהען נאָר וויסענשאַפטס־לייט און עקאָנאָמישע פּאָליטיקער, אָבער אפילו פונ'ם ריין ביזנעס־שטאַנדפּונקט איז די כעמישע לאַבאָראַטאָריום אַ גוט־באַצאָהלטער געשעפט.

געוועהנליך איז די אַרבייט, אין אַלע ציוויליזירטע לענדער, אויך אין דער ליסט פון רעגיערונגס־אַרבייט, וועלכע טרעט אוים אַ וועג פאַר פּריוואַט

קאַפּיטאַל, אָבער ניט ווייניג וועט זיין די הילף פון דער רעגיערונג צו לייטע, וואָס וועלען זיך באַשעפטיגען מיט דער לאַבאָראַטאָריום און האָפענטליך וועט דאָס זיין איינע פון די גוט־באַצאָהלטע קאָמערציעלע אונטערנעהמונגען.

.16

לאַסט־אויטאָמאָבילען.

פאַר א גרויסען טראַנספּער־פאַרקעהר שטעהט א גלענצענדע צוקונפט. ביז היינט ליידט ארץ־ישראל פון ניט קיין רעגעלען טראַנספּער־פאַרקעהר פון די פאַרשיעדענע טהיילען פון לאַנד. וואָכען געהען אוועק ביז מען באַקומט איירָאָפּעאישע וואַארע פון דער גרויסער שטאָדט אין א קאָלאָניע, און דאָס קאָסט טייערער. אין דער זעלבער צייט ליידט דער קאָלאָניסט פון דעם וואָס זיין פּראָדוקציאָן געהט ניט גלייך צום קאָנסומער אין שטאָדט. א גוט אָרגאַניזירטען טראַנספּער־פאַרקעהר צווישען פאַרשיעדענע טהיילען פון לאַנד וואָלט באַגעגענט געוואָרען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג מיט צופריי־דענהייט און וואָלט געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג.

די אייזענבאַהן־פאַרקעהר זיינען פון קאַנטארה קיין חיפה און צווייגען פון זיי געהען קיין לוד, קיין יפו אָדער קיין ירושלים אין דער ליין־חיפה־דמשק. די אייזענבאהנען זיינען קליינע, איבערהויפּט פרוכט ליידען זעהר פון דער לאַנג דויערענדער צייט ביז עס קומט צום נויטיגען פּלאַץ. די אַראַבער נוצען אויך קעמלען פאַר זייערע תבואות. געוועהנליך געדויערט דאָס זעהר לאַנג ביז זיי קומען צום באַשטימטען פּלאַץ.

.17

לעבענס־פאַרזיכערונג.

איז נויטיג צו דערקלעהרען די וויכטיגקייט פון א לעבענס־פאַרזיכערונג קאָמפּאַניע אין ארץ־ישראל? דער געדאַנק האָט שוין יאָ איינגעדרונגען אין די מחות פון די ארץ־ישראל איינוואָהנער און א מענש טאָר זיך ניט פאַרלאָזען אויף הפקר אין א פאַל פון אן אומגעריכטען אומגליק זאָל די פאַמיליע ניט דאַרפען אָנקומען צו בעטעל־ברויט. אָבער אין דער צייט וואָס די לעבענס־פאַרזיכערונג קאָמפּאַניעס טהוען גוטע דאָפּעלטע נאַציאָ־נאַלע אַרבייט: זיי פאַרזאָרגען דעם אינדיווידועלען מענשען פאַר איין צופעליגען אומגליק און אין דער זעלבער צייט מיט זייערע ריעזיגע סומען געלד פיהרען זיי דורך גרויסע לאַנדס־אונטערנעהמונגען, וועלכע זיינען שווער

פאר איינצעלנע קאפיטאליסטען, — איז די לאגע אין ארץ־ישראל א ערגערע. די פריוואט־לייט קריגען טאקי זייערע פאליסים רעגעלמעסיג, אבער דאס לאנד אין אלגעמיין ווערט זעהר פאראימט דורך אט די לעבענספארזיכערונגס קאמפאניעס, וואס זייענדיג אלע אויסלענדישע, ציהען זיי ארויס פון דער קליינער און ארימער ארץ־ישראל די לעצטע עטליכע פונט, וואס די רייכערע קלאס האט אפצוסייוועו. עס קומט אויס, אז די טובה פון דעם אינדיווידועלען מאן איז ממש דער היפך — דער אומגליק פאר'ן לאנד. דאס איז איינס פון די ברענענדיגסטע פראגען, וועלכע פאדערען א באלדיגען צופרידענ־שטעלענדען אויסוועג.

דער איינציגער גינסטיגער אויסוועג איז צו גרינדען א ארץ־ישראל קאמפאניע פאר לעבענס־פארזיכערונג. אין היינטיגע צייטען ווען גאנץ אייראפא איז אין גרויס „פעסעל פולווער", וואלטען די ארץ־ישראל איינ־וואהנער מיט דער גרעסטער צופרידענהייט געשטיצט אזא געזעלשאפט, וואס וועט צופרידענשטעלען דעם פריוואטען מאן אין זיינע פאדערונגען. דער קאפיטאל וועט זיין פיעל זיכערער — אין ארץ־ישראל מאנדאט איז פאראן א פונקט, דאס די רעגירונג האט קיין רעכט צו נעהמען זעלנער פון לאנד — און דאס לאנד וועט ניט אויסגעצעהרט ווערען פון איהר קליינעם קאפיטאל. אין געגענטהייל, דער קאפיטאל וועט דיענען ארץ־ישראל צו איהר ענטוויקלונג.

ווען די ארץ־ישראל לעבענס־פארזיכערונגס קאמפאניע וועט אנפאנגען פיגורירען, וועט זי קריגען ניט ווייניג שטיצע פון אלע אידען פון דער גאנצער וועלט, זאגאר פון ציוניסטען, וועלכע וועלען זיך אינשורען אין דער ארץ־ישראל לעבענס־פארזיכערונגס קאמפאניע אום צו העלפען דעם אויפבוי פון לאנד אהן עס זאל קאסטען זיי עטוואס פון זייער פאקעט.

.18

מאנאט אויסצאהלונג געשעפטען.

ארץ־ישראל ליידעט זעהר פון דעם וואס אלע געשעפטען געהען נאר אויף קעש. די קליינע סומען געלד ביים מיטעלמעסיגען מענשען קאנען זיך ניט צונויפקלייבען צו קיין גרויסער סומע און ער קען קיינמאל ניט צוקומען צו קיין שעהנע מעבעל אדער אנדערע ווערטהפולע זאכען. מעהר ווי פינף און זיעבעציג פראצענט פון אמעריקאנער האנדעל געהט אויף אויסצאהל־סיסטעם. זאגאר הייזער ווערען געקויפט פאר צעהן פראצענט פון זייער

ווערטה, און מיט דער צייט לאנגזאם ווערען זיי אויסגעצאָהלט, און דער אָרימאַן ווערט אין יאָהרען אַרום אַ בעל הבית פון אַן אייגען הויז מיט שעהנע ווערטהפולע פוירניטשור און ציערונג. ארץ־ישראל נויטיגט זיך אין אַזעלכע ביזנעס־סיסטעמס. די גרויסע וועלט־פירמע „זינגער נעה־מאַשינען" איז רייך געוואָרען פון דיעזען סיסטעם.

אין ארץ־ישראל אַלס אָנפאַנג פון „מאָנאַט אויסצאָהל געשעפטען" איז אַ ברייט פּלאַץ פאַר איינינע פעהיגע געשעפטס־לייט. פאַרטרעטער פון גרויסע וועלט־פירמעס.

.19
סואווענירס.

עס איז מעגליך צו ענטוויקלען אַ גוטע גרויסע ביזנעס מיט סואווענירס־אָנדענקונגען פון פּאַלעסטינא. עס זיינען דאָ הונדערטער קליינע אַרבייטער, וואָס אַרבייטען קונסט־אַרבייט אַלס סואווענירס, ווי אַלבומען, וואָס ענטהאַל־טען היסטאָרישע און נאַטור־בילדער פון די נייעסטע אינטערעסאַנטע פּאַסי־רונגען, פאָטאָגראַפיעס, שטיין, ביין, גאָלד, זילבער־אַרבייט, שמוקלעריי און עמבראָידערי. די אַרבייטער האָבען אָבער ניט קיין געניטע ביזנעס־פירמע, וואָס זאָל פאַרשטעהן ווי אַזוי די אַלע שעהנע אינטערעסאַנטע זאַכען צו פאַרשפּרייטען צווישען די טויזענדער געסט, אידען און ניט אידען וואָס באַ־זוכען פּאַלעסטינא.

אין די עסטרייכישע בעדער, קאַרלסבאַד, מאַריענבאַד און פראַנצעסבאַד אין ווי אויך אין די שעהנע טוריסטען־פּלעצער אין דער קליינער שווייץ, האָט זיך ענטוויקעלט אַ גרויסע און ברייטע טוריסטען אינדוסטריע. עס ווערען אויסגעאַרבייט טויזענדער קליינע זאַכען אַלס אָנדענק פון דער באַד, דעם פּלאַץ א. ד. גל. און די באַזוכער נעהמען גערן מיט זיך עטוואָס. אַזוי אַרום בלייבען איבער מיליאָנען אין די קור־פּלעצער, וואָס גיבען פרנסה בריוח צו טויזענדער אַרבייטער, וואָס זיינען באַשעפטיגט ביי זייער טרייד אַ גאַנץ יאָהר.

ארץ־ישראל האָט אַ זעלטענע געלעגענהייט: עס האָט טוריסטען, און עס וועט האָבען טוריסטען צעהנדליגער טויזענדער ווען אַלע אימפּרואוומענטס אין לאַנד פון עלעקטריק און באַהן וועלען זיין פון אַלע דריי וועלט־הערשענדע גלויבענס. ארץ־ישראל האָט אַן אונפערגלייכליכע זעהר זעלטען שעהנע נאַטור. ארץ־ישראל האָט אויך פיעלע היסטאָרישע אָנדענקונגען און אַרכעאָ־לאָגישע אַנטיקען.

ארץ־ישראל סואווענירס קאָנען זיך פאַרשפרייטען אויף טויזענדער אַר־טיקלען איבער אַרכעאָלאָגיע, רעליגיאָן, נאַטור און היסטאָריע. אַ געניטע ביזנעס־האַנד קאָן איינפיהרען זעהר אַן אינטערעסאַנטע ליין פון אינדוסטריע, וואָס דער גרונד איז שוין דאָ. עס איז נאָר נויטיג דאָס ענטוויקלען כדי אויסצונוצען די געלעגענהייטען וואָס זיינען שוין דאָ.

20.

סטריט־קאַרס.

נעהמענדיג אין אנבעטראַכט דאָס צושפּרייטונג פון די דריי הויפּט־שטעדט אין ארץ־ישראל: ירושלים, יפו—תל־אָביב און חיפה, צייגט זיך אַרויס די נויטווענדיגקייט פון דער בעפעלקערונג אין סטריט קאַרס — ממילא איז שוין די אַרבייט האַפּנונגספול צו מאַכען גוטע ביזנעס. ביז היינט געהען וועגענער מיט פערד, אַ קליינער טהייל אויך אויטאָמאָבילען אין די פאַרשיידענע שטאָדט־פיערטלען אָבער דער פאַרקעהר איז ניט רעגעלמעסיג, עס דויערט פיעל צייט און עס קאָסט טייער.

מאַכענדיג עלעקטרישע סטריט קאַרס איז מעגליך זיי נאָכהער צו פאַרלענ־גערען און צו ציהען ביז די נאָהענטע גרויסע אידישע קאָלאָניעס און דערפער.

געוועהנליך איז נויטיג פאַר אַ גרויסע קאָמערציעלע אונטערנעהמונג אַ קאָנצעסיע פון דער רעגיערונג אויף פיעל יאָהר, אום אַ קאָנקורענט זאָל ניט קאָליע מאַכען אין אַ קורצער צייט אַרום. אָבער, ווי געזאָגט, איז די רעגירונג ניט נאָר בערייט צו געבען די נויטיגע קאָנצעסיע, נור זי וועט אויך העלפען אין פאַרשיידענע וויסענשאַפטליכע אויספאָרשונגען, וועלכע זיינען נויטיג צום אָנפאַנגען פון דער אַרבייט.

צו פינאַנסירען די גרויסע און זיכערע קאָמערציעלע אונטערנעהמונג איז צו האָפען פיעל פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג וואָס וועלען זיך געווים באַטהייליגען אין אַ פאָרמע פון לעגאַלע אַקציעס.

21.

ערהאָלונגס־אַנשטאַלטען.

ארץ־ישראל, וואו דער קלימאַט איז אימער רייןן און פריש, צוליעב דעם אויסערגעוועהנליכען גוטען געאָגראַפישען צושטאַנד, איז זעהר פּאַסענד פאַר ערהאָלונגס־אַנשטאַלטען צו גרינדען די שטעדט ירושלים, תל־אביב, חברון יריחו, חיפה, טבריה און צפת. עס זיינען פאַראַן פיעל מענשען, וואָס אַרויס־

געהענדיג פון האָספּיטאַל, האָבען זיי ניט קיין באַקוועמע היים און זיי נויטיגען זיך אין אַ ערהאָלונגס־אַנשטאַלט, אין אַ גוטע ריינע סאַניטאַרישע היים פאַר אַ קורצער צייט.

די ערהאָלונגס־אַנשטאַלטען וועלען קענען דיענען ווען זיי וועלען ווערען פּאָפּולער מיט זייער גוטער אַרבייט אויף דער וועלט, אַלס סיזאָן פּלעצער אין ירושלים, יפו, חברון, צפת, חיפה, אויפ׳ן כרמל אין זומער און אין טבריה און אין יריחו ווינטער.

אין דער נאָהענטער מצרים, וואו דער קלימאַט איז ווייט ניט אַזוי גוט ווי אין ארץ־ישראל, זיינען פאַראַן אַזעלכע ערהאָלונגס־אַנשטאַלטען אין די צעהנדליגער. טויזענדער מענשען קומען אַהין פון דער גאַנצער וועלט צופאַר־ברענגען דעם ווינטער. אַז זיי מאַכען רייך די אייגענטהימער פון די אַנ־שטאַלטען און לאָזען איבער מיליאָנען אין לאַנד און לעבען אויף די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע — איז איבעריג צו זאָגען.

געוועהנליך האָבען געהאָלפען צו דעם טויזענדיגען בעזוכערס סיזאָן די גוטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען ווי רעגעלע סטריט קאַרס, עלעקטריק, וואַסער־לייטונג, גוטע האָטעלס און אַז. וו. אָבער די אויבענדערמאָהנטע איינריכטונגען ווערען אויך אין ארץ־ישראל איינגעפיהרט און דאָס געוועהנלי־כע געזעלשאַפטליכען לעבען איז אין ארץ־ישראל שוין פיעל ענטוויקעלט זאָגאַר פאַר אַ אייראָפּעאישען און אַמעריקאַנער פערמעגליכען מאַן.

.22
עקספּאָרט — אימפּאָרט.

איינע פון די גרעסטע געשעפטען־אונטערנעהמונגען, וועלכע האָט אַ זיכע־רען באַזיס און אַ גלענצענדען צוקונפט איז אַן עקספּאָרט־אימפּאָרט קאָמפּאַני. דער עקספּאָרט פון ארץ־ישראל האָט בערך איבער אַ האַלבען מיליאָן פונט און דער אימפּאָרט — ביי פינף מיליאָן פונט. און ביידע, סיי דער עקספּאָרט און סיי דער אימפּאָרט האַלטען אין שטייגען מיט דער ענטוויקלונג פון לאַנד און דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג. עס איז כדאי צו בעמערקען, דאָס דער עקספּאָרט ווי אויך דער אימפּאָרט ווערען געפיהרט מעהרסטענטיילס דורך קליינע סוחרים, וועלכע האָבען ניט אַליין קיין דירעקטע פערבינדונגען מיט די גרויסע וועלט־מאַרקען און ניט מיט די ערשטע פּראָדוצירער, דאַרום זיינען די אימפּאָרטירטע וואַארען ניט גענוג ביליג, און די עקספּאָרטירטע קריגען ניט דעם געוויעסטען פּרייז. אום כדי די אימפּאָרטירטע וואַארע זאָל פערקויפט ווערען אין ארץ־ישראל ווי אויך אין די אַראַבישע נאַכבאַרשאַפטען

פאַר דעם קלענסטען פּרייז און די ארץ־ישראל־דיגע וואַרען זאָלען בעקומען זייערע גרעסטע פּרייזען, איז נויטיג, דאָס די עקספּאָרט־אימפּאָרט קאָמפּאַני זאָל געגרינדעט ווערען מיט אַ קאַפּיטאַל פון ווייניגסטענס איין מיליאָן דאָלאַר און די קאָמפּאַני זאָל פון איהר ערשטען עקזיסטענץ זיך שטעלען מיט דירעקטע פערבינדונגען מיט די גרעסטע געשעפט־צענטרען און הויפּט־פאַבריקען. די קאָמפּאַני מיט דעם אויבענדערמאָהנטען קאַפּיטאַל, ווען זי וועט געפיהרט ווערען פון טיכטיגע ביזנעס־לייט אין דעם פאַך, קען געוויס ברענגען נוצען זיך און פיעל העלפען צום אויפבוי פון ארץ־ישראל.

I. דער אימפּאָרט קיין פּאַלעסטינא בעשטעהט פון די זאַכען:

ערשטע אַבטהיילונג — פיה און זייערע פּראָדוקציאָנען.

אָקסען, שאָף, ציגען, אייזלען, קאָנסערווירט, געראויכערט און געזאַלצען פלייש, הערינג, סאַרדינען, פּוטער, קעז, פעטס, ליכט א. ז. וו.

צווייטע אַבטהיילונג — פעל, לעדער און לעדער פּראָדוקטען.

פעל פון אָקסען, פון שאָף און ציגען, אויסגעאַרבייטע און ניט אויסגעאַרבייטע, זאָטלען, שיך, שטיוועל א. ז. וו.

דריטע אַבטהיילונג — פאַרשיעדענע תבואות.

ווייץ, רייז, לינזען, בעבלאַך, אַרבעס, ציבעלעס, קאַרטאָפעל, מעהל, לאָקשען, מאַקאַראָנעס, טייטלען, שומשמין, פּיסטוקעס טרוקענע פרוכטען, קאָנסערווירטע פרוכטען.

פיערטע אַבטהיילונג — קאָלאָניאַלע וואַרע.

צוקער, צוקערלאַך, קאַפע, טהעע, פעפער, רעבע, ביסקוויט א. ז. וו.

פינפטע אַבטהיילונג — אַלקאָהאָל און געטראַנקע.

אַלקאָהאָל, בוימאייל, וויין, שפּירט, ליקער, ביער, גאַז, בענזין, גאַזאָלין און אַז. וו.

זעקסטע אַבטהיילונג — פּאַפּיר און שרייב־געצייג.

שרייב־פּאַפּיר, דרוק־פּאַפּיר, סיגאַר־פּאַפּיר, פּאַק־פּאַפּיר, שרייב־געצייג.

זיעבעטע אַבטהיילונג — האָלץ און מעבעל.

בוי־האָלץ, מעבעל, וועגענער, רעדער, קליינע זיגעל און דאַמף־שיפלאַך, דינע האָלץ אויף קערבלאַך פלעכטען, קוילען פון האָלץ, שטיין קוילען.

אַכטע אַבטהיילונג — שטיין, גלאָז.

שטיינער, פּאָרצעלייִ, ציגעל, קאַלך, קעראַמיד, צעמענט, גלאָז, קרישטאָל, מוטער־פּערל.

נ ײ נ ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — פאַרבען.

צ ע ה נ ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — כעמישע זאַכען.

מעדיצינען, פּערפיומעריי, זאַלץ, סמאַלע, שוועבעל, זייף א. ז. וו.

ע ל פ ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — שטאָף, קאַרט און זייד.

קאַרט, שטאָף, זייד, זיידענע פאָדים, קאָטאָן, וואָאל ארבייט, טאָפּעטען, דעקעס, וואָלענע און בוימוואָלענע, זעק, שטריק, קליידער א. ז. וו. קאָפּעליושען, קאַסקעטען, תרבוש׳ען.

צ װ ע ל פ ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — גוס און איהר פּראָדוקציאָן.

אייזען, מעש, קופּער, בלעך, בלעכענע געשיער, שטאָהל, מאַשינערייי, אויטאָמאָבילען א. ז. וו.

ד ר ײ צ ע ה נ ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — טאַבאַק און זיינע פּראָדוקטען.

טאַבאַק, סיגאַרען, סיגאַרעטען, טומבאַק.

פ י ע ר צ ע ה נ ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — פערשידענעס.

אויטאָמאָבילען, שרייב־געצייג, שפּיעל־געצייג, לאָמפּען, אמברעלאַס, קאָר־טשוק־וואַרע, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען, טעלעפאָן און טעלעגראַף אַפּאַראַטען.

II. דער עקספּאָרט פון פאַלעסטינא איז ווי פאָלגט:

ע ר ש ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — פיה און זייערע פּראָדוקציאָנען.

פערד, אייזלען, פלייש, פּוטער, קעז א. ז. וו.

צ ו ו ײ ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — פעהל און זייערע פּראָדוקציאָנען.

ניט קיין אויסגעאַרבייטע פעהל פון בהמות, פערד, אייזלען, קעמלען, שאָף, ציגען א. ז. וו.

ד ר י ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — תבואה און פּרוכט.

ווייץ, דורה, אַרבעס, בעבלאָך, טייטלען, אתרוגים, שומשמין, ניס, גערש־טען, אַראַנזשען, פערשקעס, וואַטערמעלאָנען, לינזען, טרוקענע פּרוכטען, גרינ־צייג, מאַנדלען, ראָזענקעס א .ז. וו.

פ י ע ר ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — געווירצען.

פאַרשיידענע געווירצען.

פ י נ פ ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — בוימלען.

איילבירט בוימלען, שומשמין בוימלען, א. ז. וו.

ז ע ק ס ט ע אַ ב ט ה ײ ל ו נ ג — האָלץ און קוילען.

האָלץ, קוילען, דינע פלעכט־האָלץ א. ז. וו.

ז י ע ב ע ט ע אַ ב ט ה י י ל ו נ ג — וואָהל.

וואָהל פון שאָף, קעמלען און זייערע פּראָדוקציאָנען.

אַ כ ט ע אַ ב ט ה י י ל ו נ ג — וויין.

פערשיעדענע וויינען.

נ י י נ ט ע אַ ב ט ה י י ל ו נ ג — מעדיצינען.

מעדיצינישע זאַכען, זייף א. ז. וו.

צ ע ה נ ט ע אַ ב ט ה י י ל ו נ ג — גוס־זאַכען.

מעש, קופּער, אייזען, היסטאָרישע מטבעות א. ז. וו.

ע ל פ ט ע אַ ב ט ה י י ל ו נ ג — פאַרשיעדענעס.

פּאַלעסטינער אַלבומען, היסטאָרישע אנדיינקונגען פון האָלץ, שטיין, ביין, מעש, קופּער, ליטאָגראַפישע אַרבייט, סיגאַרען, טאַבאַק א. ז. וו.

אין חיפה איז פאַריגען יאָהר געגרינדעט געוואָרען אַ חברה מיט׳ן נאָמען „חירם" מיט׳ן צוועק צו אַרבייטען פאַר עקספּאָרט און אימפּאָרט.

23.

פייער־אינשורענס.

כמעט די אַלע אַרגומענטען וואָס מיר האָבען אָנגעצייגט וואָס אַנבעלאַנגט צו לעבענס־פאַרזיכערונג, זיינען פּאַסיג צו פייער־אינשורענס: דער אינדיווידועלער מענש וויל זיין זיכער מיט זיין פערמעגען, דאָס איין אומגערעכטער אומגליק זאָל איהם ניט מאַכען פאַר איין אייביגען אָרימען, דארום פאַרזיכערט ער זיין פאַרמעגען, אָבער ער איז ניט זיכער מיט דער אייראָפּעאישער פייער־אינשורענס קאָמפּאַניע אַליין, און היינטיגע ערב מלחמה־צייטען אין אייראָפּאַ. און דערווייל ווערט ארץ־ישראל פון דעם עקאָנאָמישען פינאַנציעלען שטאַנד־פּונקט פאַראָרימט, דארום איז דער וואונש פון דער גאַנצער ארץ־ישראל׳דיגער באַפעלקערונג, דאָס עס זאָל זיך גרינדען אַ גוט־באַזירטע פייער אינשורענס קאָמפּאַניע וואָס זאָל קענען פערזיכערען דאָס אייגענטהום פון סוחרים און וואָס דאָס אינשורענס־קאַפּיטאַל זאָל בלייבען אין לאַנד גופא.

.24

פּאַבליק בעדער.

אין ארץ־ישראל זיינען ניטאָ קיין פּאַבליק בעדער. די טערקישע רעגירונג האָט זיך ווייניג וואָס געקימערט פאַר דער געזונדהייט פון די איינוואָהנער, און די יעצטיגע ענגלישע מאַנדאַטור רעגירונג האָט אַנדערע זאַכען צו זאָרגען. איך וויל זאָגען, אַז עס לוינט זיך אַלס ביזנעס פּראָפּאָזישאַן צו בילדען פּאַבליק בעדער. דער מאַנגעל אין וואַסער וואָס איז געוועזען ביז היינט איז שוין אוועק מיט דער גרינדונג פון וואַסער־ליטונג, און ארץ־ישראל׳דיגע איינוואָהנער וועלען גערן צאָהלען ווי פיעל עס דאַרף קאָסטען אום כדי כאָטש צוויי מאָל אַ וואָך צו קריגען אַ באַד, וואָס ביי זיי אין הויז האָבען זיי נאָך ניט.

.25

קאַנאַליזאַציע.

אין קיין שום ציוויליזירטען לאַנד ווערט היינט ניט געבויעט קיין וואָהנ־אָרט אָהן צו פאַרזאָרגען אין אַלעם ערשטען מיט אַ קאַנאַליזאַציע סיסטעם אָפּצולאָזען די שמוציגע וואַסערען, אום ניט צו פאַראורזאַכען קיין שמוץ און קיינע קראַנקהייטען. ארץ־ישראל וועלכע הויבט זיך ערשט יעצט אויף פון איהר פּרימיטיווען עקזיסטענץ צו אַ מאָדערן ציוויליזירט לאַנד, מוז צום אַלעם ערשטען זאָרגען פאַר קאַנאַליזאַציע. אין ירושלים איז די אַלטע שטאָדט גראָדע פאַרזאָרגט מיט אַ גוטער קאַנאַליזאַציע־סיסטעם. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאָלפען מיט 10,000 פונט, אין יאָהר תרפ״א דער שטאָדט רעגיערונג צו גרינדען קאַנאַלען אין צפון־זייט פון שטאָדט. נאָר דער מערב־זייט און דרום־זייט האָט קיינע קאַנאַליזאַציע. די איינוואָהנער וואָלטען גערן מיטשטייערען זייער חלק מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט, נור עס פעהלט אַ אינזשינירינג קאָמפּאַניע, וועלכע זאָל זיך ספּעציעל אָפּגעבען מיט דער פראַגע אויסאַרבייטען אַ פּלאַן און אָנפאַנגען צו אַרבייטען.

דאָס זעלבע איז אין די איבעריגע שטעדט אין ארץ־ישראל, אין טהייל איז געמאַכט געוואָרען אַן אָנהויב און אין טהייל איז קיין אָנפאַנג ניטאָ, אָבער די באַפעלקערונג איז אימער גרייט צו העלפען מיט געלד צו דער גרינדונג פון קאַנאַליזאַציע. לײדער פעהלען די אונטערנעהמערס און דאָס ערשטע נויטיגע קאַפּיטאַל דערצו.

די נויטיגע מאַטעריאַלען, ווי ערדענע געגלייזטע רעהרען, זיינען פאַראַן אין דער נאָכבאַרשער מצרים, און עס זיינען פאַראַן פיעל ספּעציעלע אַרבייטער, עס פעהלט נור די קאָמערציעלע איניציאַטיווע.

.26

שיפען־אַגענטור.

שטעלט אייך נאָר פאָר אַ מאָדערנעם קוריאָזען פאַקט: צווישען די פּאַסאַזשירען וואָס קומען קיין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן מעהר פון אַכציג פּראָצענט אידען: חלוצים, טוריסטען און אידען, וועלכע פאָהרען אום צו שטאַרבען אין היילינגען לאַנד און די שיפען־אַגענטען זיינען כמעט אַלע ניט־אידישע. קודם כל איז די בעהאַנדלונג אין די מעהרסטע שיפען ניט קיין גוטע צו אידען. מען פערשפּרעכט כשר עסען און מען האַלט נישט קיין וואָרט, דאָס באַנעהמען זיך צו אידישע פּאַסאַזשירען איז אומפריינדליך און, וואָס איז אפשר נאָך וויכטיגער: די אָרימע שווער פאַרהאָרעוועטע עטליכע דאָלאַר אָדער פונטען געהען אוועק צו פרעמדע לייט. פונ׳ם פּאָליטישען־עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט איז דאָס אַ גרויסער פאַרלוסט. עס זאָל זיך גרינדען אַ קאָמפּאַניע פון אידישע בעוואוסטע פינאַנסירען, וואָלטען זיי לייכט זיך געקאָנט שטעלען אין פאַרבינדונג מיט שיפס־קאָמפּאַניעס און אַלע אויבענדערמאָהנטע פּריוואַטע און נאַציאָנאַלע קריוודעס וועלען גוט ווערען.

די אידישע שיפען־אַגענטור וועט אויך קאָנען אַרבייטען אויפ׳ן געביעט פון עקספּאָרט און אימפּאָרט, וואָס דערביי פאַרנעהמען אידען דעם ערשטען און גרעסטען טהייל אין ארץ־ישראל.

עס איז זעלבסט־פאַרשטענדליך, דאָס די פּאַסאַזשירען ווי אויך דאָס עקספּאָרט און אימפּאָרט, וואָס מיינט אין גרעסטען טהייל אידישע סוחרים, וועלען פּאַטראָנייזען די אידישע שיפען־אַגענטור, נאָך מעהר: די אידישע שיפען־אַגענטור וועט געווינען סימפּאַטיע ביי די אַלוועלטליכע קאָמערסאַנטען מיט זייער אויפריכטיגער פּינקטליכער האַנדלונג, — און מיר גלויבען, אַז אַזוי וועט זיין — פון וואָס די ארץ־ישראל׳דיגע און די אויסלענדישע סוחרים לײדען פיעל.

.27

ראַדיאָ־סטיישאן.

צוויי גרויסע פּאָליטישע געשעהענישען האָבען דערהויבען ארץ־ישראל צו איינער פון די וועלט־אינטערעסאַנטע פונקטען, וואָס ציהט אימער די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער פּאָליטישער וועלט אין אייראָפּא און אין אַמעריקא: די ענגלישע אָקופּאַציע פון ארץ־ישראל וואָס מיינט אַ סטראַטעגישען פונקט פאַר ענגלאַנד ביים גרעניץ פון סועץ קאַנאַל, און דער ענגלישער מאַנדאַט אויפ׳ן לאַנד מיט׳ן באַדינג דאָס צו מאַכען פאַר אַ היימלאַנד פאַר אידען. יעדע קליינע באַוועגונג אין לאַנד האָט אַ ווירדיגע פּאָליטישע באַדייטונג און אַ ראַדיאָ־סטיישאַן איז ניט נאָר אַם פּלאַץ, נאָר אויך אַ נויטווענדיגקייט.

אום צו פאַרזיכערען די פינאַנציעלע לאַגע פונ׳ם סטיישאַן איז מעגליך אויפצונעהמען און גרינדען איינינע בראָדקעסטינג סטיישאַנס אין לאַנד פאַר אַמיוזמענטס, און וועלען זיך געפינען פיעלע לייט, וועלכע וועלען מיט פאַרגעניגען איינריכטען ביי זיך ראַדיאָס.

מיר שטעהען יעצט אין פאַרבינדונג מיט דער „אינטערנייישאָנאַל וועסטערן עלעקטריק קאָמפּאַניע“ און מיר האָפען, דאָס אין גיכען וועלען קלאָר ווערען אַלע איינצעלהייטען וועגען גרינדען אַ ראַדיאָ־סטיישאַן אין ארץ־ישראל.

אַכטע אַבטהיילונג.

פערשידענעס.

.1

מינעראַלאָגיע.

ארץ־ישראל איז אַ לאַנד פון גרויסען מינעראַלאָגישען ווערטה. דער עדות פון דער תורה: „ארץ אשר אבניה ברזל ומהרריה תחצוב נחשת“ איז אַ פאַקט, וואָס האָט פּאַסירט אין דער צייט פון אונזער נאַציאָנאַלער גלאָריע. אַז ארץ־ישראל איז פערנאַכלעסיגט געוואָרען אונטער דערווילדער הערשאַפט פון טערקיי אין איהר גלענצענדען אַגריקולטורעלען, אינדוסטריעלען און קאַמערציעלען לעבען, איז שוין קיין וואונדער ניט, וואָס זי איז אָרים געוואָרען אין מינעראַלאָגישען צווייג אין לעבען, וואָס פאָדערט מעהר אונטערנעהמונגסגייסט און פיעל־פאַכיגע ספּעציעלע אַרבייטער.

ארץ־ישראל איז רייך מיט זאַלץ אין אַ גרויסער קוואַנטיטעט ביים ים המלח און אין אַ קליינער קוואַנטיטעט ביים מיטעללענדישען ים, גאַנצע בערג זאַלץ — ביי דער היסטאָרישער שטאָדט סדום.

אין פאַרשיידענע שטיקער גרויסע לאַנד איז דאָ גאַנצע שטרעקעס מיט פאָספאַט — אַן אויסערגעוועהנליכער גוטער מיסט אַרטיקעל פאַר די פרוכט־פעלדער.

אַספאַלט איז דאָ אין גרויסע מאַסען אין סאַוטה־וועסט זייט פון ים המלח.

קאַלך־שטיינער אין גרויסע קוואַנטיטעטען אין דער נאַכבאַרשאַפט פון ים המלח.

שוועבעל, ריינע און ניט קיין ריינע.

קופּער, וואָס נאָך אין אונזער ביבלישער צייט האָבען דאָס אונזערע עלטערען עקספּלואַטירט.

קויהלען און אייזען.

וואָס אנבעלאַנג זאַלץ איז שוין געגרינדעט געוואָרען אַ געזעלשאַפט פון דער איק"א און דער עקאָנאָמיקאַל באָארד אַף ענגלאַנד, וועלכע עקספּלואַטירען אויפ'ן בעסטען אופן די אינדוסטריע.

און וועגען גאַז איז שוין כמעט ווי זיכער, אַז דער אַמעריקאַנער אויל טראַסט „סטאַנדאַרד אויל קאָ." האָט שוין געקראָגען אַ קאָנצעסיע און אין גיכען וועט דאַרטען אַנגעהן די אַרבייט.

2.

גרעניץ־טעקסעס אין ארץ־ישראל.

1. אויף אַלע וואַארען וואָס קומען אַריין קיין ארץ־ישראל, חוץ אויף די וואָס זיינען אונטען אויסגערעכענט, איז דער גרענעץ־טעקסעס עלף פּראָצענט פון זייער פּרייז.

2. גרענעץ טעקסעס אויף אַלע וואַארען וואָס קומען אַריין פון עגיפּטען און פון טערקיי — אַכט פּראָצענט פון זייער ווערטה.

3. ספּעציעלע טעקסעס איז דאָ אויף טאַבאַק, אַמבאַר; פאַר ניט קיין אויסגעאַרבייטען טאַבאַק דאַרף מע בעצאָהלען אַכט און דרייסיג פּראָצענט פון יעדער קילאָ; פאַר אויסגעאַרבייטען טאַבאַק און סיגאַרען, 55 פּיאַסטער

אַ קילאָ. פאַר סיגאַרעטען און שמעק־טאַבאַק, 60 פּיאַסטער אַ קילאָ. פאַר טאַמבאַק פון פּערסיען 20 פּיאַסטער פאַר אַ קילאָ און פאַר אַנדערע טאַמבאַק ניט פון פּערסיען 10 פּיאַסטער פאַר יעדער קילאָ.

4. פאַר בוי־מאַטעריאַל און בהמות (חוץ ציגען) איז דער גרענעץ־טעקס 3 פּראָצענט פון דעם ווערטה.

5. אַקער־בוי מאַשינערי, ביכער, צייטונגען, זריעה און כעמישע פּראָדוקטען זיינען פריי פון גרעניץ טעקסעס.

6. חוץ פון דעם אויבענדערמאָהנטען גרעניץ־טעקס איז דאָ נאָך אַ טעקס — סיטי טעקסעס. דער ווערט געצאָהלט אַזוי: 22 פּראָצענט פאַר אַלקאָהאָל, בענזין, פּעטראָל, נאַפט און ספּירט א. ד. גל.; 5 פּיאַסטער פאַר איין קילאָ טאַמבאַק, סיגאַרען, סיגאַרעטען און 1 פּראָצענט פאַר אַנדערע וואַרע.

7. טעקס פאַר וואַרע וואָס געהט אַרויס פון ארץ־ישראל איז 1 פּראָצענט פון דעם פּרייז. פאַר אַנטיקען דאַרף מען בעצאָהלען 10 פּראָצענט.

3.
פּאַלעסטינער קרוינלאַנד.

די רעגיערונגס־ערדען זיינען: 857,566 דונאַם וואָס איז געווען שייך צום סולטאַן, 97,233 דונאַם וויסטע ערד. די לענדערייען אין וועסט ארץ־ישראל וואָס איז מעגליך צו קולטיווירען איז ווי פאָלגט: אין געגענד פון צפת: 535,000 דונאַם; עכו: 952,300; נצרת: 429,800; טבריה: 82,500; חיפה: 981,400; ג׳ינין: 1,573,900; טול כרם: 781,600; שכם: 850,300; יפו: 1,115,100; ירושלים: 2,076,500; חברון: 2,507,600; עזה: 1,899,400; בסך הכל 14,852,400 דונאַם, אָדער 3,604 קוואַדראַט קילאָמעטער.

פון דער אויבענדערמאָהנטער צאָהל דונאַמים ווערען אויסגעאַרבייט ניט מעהר ווי אַ פינפטעל, וואָס גיט ברויט פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג. פון עזה ביזן ים, געהט אויף די זאַמד פון ים און באַדעקט די ערד מיט זאַמד און מאַכט חרוב די לאַנד. אַ סך טויזענדער דונאַמים וואָס זיינען אין די פאַריגע צייטען געווען פרוכטבאַר פון תבואה און בוימער, זיינען יעצט אַ וויסטעניש.

דרייסיג פּראָצענט פון דעם גאַנצער ארץ־ישראל׳דיגען באָדען איז יעצט אַ וויסטעניש. צוואַנציג פּראָצענט מוז יעצט האָבען, כדי צו ווערען פרוכטבאַר, איין גרויסען באַוואַסערונגס־פּלאַן און אַ ברייטע פּלאַנצעריי. דאָס הייסט אַז העלפט פון פּאַלעסטינער ערד איז גינסטיג פאַר אַגריקולטורעלער ענט־וויקלונג.

.4

פּאַלעסטינער בודזשעט.

(פאַר'ן יאָהר וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 1טען אַפּריל און האָט זיך געענדיגט דעם 31טען מאַרטש, 1922.).

איינאַהמע

	פונט
שטייער — — — — — —	450,943
פּאָרט אינקאם — — — —	16,900
אינערליכע הכנסה — —	617,225
צוריק אויסצאָהלונגען —	148,745
פּאָסט טעלעגראַף — —	142,334
אייזענבאַהן — — — —	770,000
אַגריקולטור אָבטהיילונג	5,000
איינקונפט אויף רעגירונגס איגענטהום — — —	41,300
פאַרשיעדענעס — — —	5,000
קאָנצעסיעס — — — —	2,000
אינטערעס — — — —	6,500
לאַנד פּאַרקויף — — —	100
	2,214,047

אויסגאַבע

	פונט
פּענסיעס — — — — — —	18,250
פּאַלעסטינער שולדען —	210,000
דער היי קאָמישיאָנער —	11,285
ציוויל סעקרעטער — —	30,875
גאָווערנאָריִיט — — —	73,695
ליגעל סעקרעטער — —	78,665
לאַנד רעגיסטראַציע —	15,110
לאַנד מעסטונג — — —	2,135
אַגריקולטור ביוראָ — —	6,993
פינאַנץ סעקרעטער — —	4,803
טרעזשורי — — — —	32,385
סטאָרס אינספּעקטאָר	10,151
אינקאריפּים — — — —	77,352
קאָמערץ און אינדוסטריע	4,807
פּאָרט און לייכטונג — —	11,485
פּאָבליק העלטה — — —	142,885
עדיוקיישאָן — — — —	103,000
אַגריקולטור און פישעריי	49,085
פּאָלים — — — — — —	216,642
זשאַנדאַרם — — — —	91,676
פּאָסט, טעלעגראַף טעלע־פאָן — — — — — —	119,526
אייזענבאַהן — — — —	795,579
לאַנד פאַרבעסערונג — —	22,492
אָריאָלאָגיע — — — —	6,538
פּאָבליק וואָירק אָפים —	29,690
פּאָבליק וואָירק — — —	42,922
עקסטראַ פּאָבליק וואָירק	129,059
	2,286,133

שלום.

ענדיגענדיג לייענען דאָס בוך, וועלכער ענטהאַלט נאָהענט צו צוויי הונ־דערט פאַרשיעדענאַרטיגע פּלענער פון אַגריקולטור, אינדוסטריע און האַנדעל פון כל־ערליי מאַסשטאַבען עקאָנאָמישע שאַטירונגען און קאָמערציעלע אַמבי־ציעס, וואָס זיינען מעגליך צו אָנפאַנגען און ענטוויקלען אין ארץ־ישראל, גיבען מיר אַ ציטער פאַר פרייד און זאָגען צו זיך אַליין: איז דאָס אַלעס טאַקי באמת טרוקענע לעבעדיגע פאַקטען? איז ניטאָ דאַבּיי קיינע גוזמאות, קיינע נאַציאָנאַלע פּראָפּאַגאַנדע? טאָ פאַרוואָס שווייגט מען? פאַרוואָס קאָנצענטרירען זיך ניט אַלע אונזערע ניט וועניגע אינטעלעקטועלע און פינאַנ־ציעלע קרעפטען, וואָס ווערען אַזוי אונברחמנות׳דיג פאַרשוועגדעט אומזיסט און אומנישט אין גלות, אין איין ריעזיג־גרויען גאולה־לאַגער, און האַנד ביי האַנד בילדען, ענטוויקלען שיפען און שטאַרק מאַכען א ו נ ז ע ר איינציגע אמת׳ע היים אויפ׳ן ערד־קוגעל?

שטעלט אייך פאָר, ווען אַלע אין דעם בוך פאַרצייכענטע פּלענער, וועלכע זיינען אַלע ביזנעס־מעסיגע, קאָמערציעלע זיכערע, ווערען פערווירקליכט, וואָל־טען זיי באַשעפטיגט מינימום איין מיליאָן אַרבייטער. ביי דעם מיליאָן אַרבייטער קענען געפינען זייער פּרנסה אַם ווייניגסטען נאָך איין מיליאָן פרייע פּראָפעסיאָנעלע אַרבייטער, ווי בעלי מלאכות, קרעמער, סוחרים, לעה־רער, אָפיסערס און געלערענטע לייט פון פאַרשיעדענע קלאַסען. צוזאַמען איז דאָס אַ רעכענונג פון צוויי מיליאָן אידישע איינוואָהנער אין ארץ־ישראל — וואָלט דען דאַן געווען אַ א י ד י ש ע פראַגע אויף דער וועלט ווען מיר וועלען האָבען אַן אייגענע זעלבסט אויסגעבילדעטע ציוויליזירטע לאַנד אויף דער וועלט?

וואו זיינען אונזערע גרויסע קאָמערציעלע לייט, וואָס האָבען אַזוי פיעל געהאָלפען צו דער וועלט־ציוויליזאַציע?

אונזערע שונאים, וועלכע ווילען אונזער מאָראַלען, רעליגיעזען און ריין־וויסענשאַפטליכען פּרעסטיזש אַוועקנעהמען, אַז מיר זיינען באמת ניט מעהר ווי גוטע פעהיגע געניאַלע ביזנעס־לייט, לאָמיר זאָגען אַז אין דעם איז א

גרויסער אמת פאראן. אונזערע גאונים אויפ'ן געביט פון וועלט־קאָמערץ זיינען ניט ווייניג אין צאָהל — וואו זיינען זיי יעצט ווען זיי האָבען פאַר זיך גרויסע אומפאַרגלייכליכע גלענצענדע האַנדעלס־אונטערנעהמונגען וואָס וועלען זיי ברייגנען געלד, כבוד און אייביג ערדאַנקבאַרקייט פון זייער פאָלק און פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אינ'ם צוריק־אויפבוי פון ארץ־ישראל?